STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00177

AF VAYTE VEGN

David Ignatoff

Permanent preservation of this book was made possible by
Gisele Schindelheim- Hausman in memory of Sylvain (6 yr. old) and his sister, Renee (4 yr. old) Schindelheim-Melzer, who, together with their parents, Jeanette & Jacques Schindelheim-Melzer, died as Kiddush haShem (Auschwitz 1943)

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיר ווערן געפירט פון אַ פירנדיק ליכט

אַף ווייטע וועגן

ראָמאַן

פון דוד איגנאַטאָוו

אין דריי ביכער:

אַנטלאָפענע

דער, וואָס קומט

אויפברויז

פאַרלאַג אַמעריקע

ניו יאָרק

ערשטע אויפלאגע,
ערשטע טויזנט.

געדרוקט :
גרייזעל פרעס.

פאדערבלעטער פון
י. טאפל.
פארלאג־עמבלעם פון
ב. קאפמאן

Copyright 1932 *by*
FARLAG AMERICA
425 *Lafayette Street*
New York City, N. Y.

בוך דריי:

אויפברויז

אין אַכט טייל:

פרערי

צעבראָכענע פענסטער

שטיקער ערד און פאַסן לופט

שרעק

אויפטרייסלונג

רעוואָלוציע

מיטן פויק

ווי אַ ווייסער פויגל

I

פּרערי

קאַפּיטל איינס

דאָס האַרץ זאָגט דעם קאָפּ פֿון וואָס צו טראַכטן, און אַמאָל זאָגט אויך דער קאָפּ דעם האַרץ וואָס צו פֿילן.

בערמאַן איז שוין ניט איינמאָל געפֿאָרן אַף די אַמעריקאַנער באַנען; זיך שוין ניט איין מאָל אַזוי געטראָגן איבער אַמעריקאַנער פֿעלדער, בערג, וועלדער און פֿאַרביי די ברייטע פּאַנאָנדערגעגאָסענע אַמעריקאַנער טייכן און טייכלאַך, וואָס פֿראַלן אַלעמאָל אויף מיט אָפֿענעם הימל, מיט ליכט, מיט ריינער פֿנימדיקייט, מיט לייכטער, קאַלטער, כמעט פֿאַרפֿרוירענער פֿרייד. דאָס מאָל איז דאָס לאַנד געווען אַנדערש ווי אַלעמאָל. גרוי, אָפּגעריסן און אָפּט נאַקעט, ווי זיין אייגן אָפּגעריסן און אָפּגעשונדן, צערודערט געמיט. דאָ און דאָרטן צעוואָרפֿענע, ווייסע שניי־פֿלעקן; דאָ און דאָרטן שטיקער גרין, וואָס שלאָגן זיך פֿון דער פֿאַרברודיקטער געל־און־ברוינער ערד אַרויס. און איבער אַלץ אָט די אָפּטע, גלאַטע, אָפּגעדעקטע טייכן און טייכלאַך, וואָס זיינען געלעגן צעשפּרייט, ווי אויסגעפּרעסטע, ווי אָפּגעפּאָלירטע אינמיטן פֿון אַ ברודיקער, רויער, ברייטער וועלט.

דאָס לאַנד, האָט בערמאַן געטראַכט, האָט אַ מין שטילע אָפּגעדעקטע טראַציקייט. אַ מין שאַרפֿע בלוט־אָרימקייט; נאָר דאָס איז אַ בלוט־אָרימקייט, וואָס שטראַלט מיט פֿאַרוואָרפֿענע, מיט ליכטיקע ווייטן, ווייטן טרוקענע, נאָר אָפֿענע, נאָר ליכטיקע.

עפּעס אַ מאָדנער, ניט־באַרירטער ערנסט איז אָט־די פֿלאַכן, אין אָט־די בערג און בערגלאַך, וואָס טראָגן אָפּט אַף זייערע רוקנס קליינע וועלדלאַך... אַן ערנסט, וואָס לויכט שטיל, יונג, אַ ניט־דערוואָקסענער ערנסט, וואָס שמייכלט יונג, אָבער בלוט־אָרים, און מאַכט פֿונדעסטוועגן ליכטיק און זינגענדיק זיין בלוט־אָרימקייט.

בערמאַן איז פֿון זיין היים־אַרויס געוואַקסן אַף פֿעטע, פֿלאַכע ערדן; און האָט זיך וואו אין זיין געבורט־לאַנד פֿון דער ערד אַ וואַלד געהויבן.

איז דאָס געװען אַ גרויסער, שװערער װאַלד, און דאָ איז אים אַלץ אויס־געקומען צו פֿאָרן צװישן װעלדלאַך, װאָס זײַנען, דאַכט זיך, אַלע געװען אַזױ װי נאַר־װאָס אױפֿגעשפּראָנגענע, ניט דערװאַקסענע ; װעלדלאַך. װאָס װעלן אפֿשר ערשט אַמאָל זײַן װעלדער. ער װײסט, אַז ערגעץ זײַנען אין אַמעריקע פֿאַראַן אױך גרױסע, שװערע װעלדער, אָבער ער איז זיך משער, אַז װי גרױס די װעלדער זאָלן דאָ ניט זײַן, װערן זײ פֿאַרטרונקען אין דער אַלגעמײנער גרױסער ברײטקײט פֿון דעם צעװאָרפֿענעם לאַנד.

און אפֿשר, האָט בערמאַן װײַטער געטראַכט, איז דאָס גאָר דערפֿאַר, װאָס דאָ זײַנען צעװאָרפֿן אַזױ פֿיל קלײנע װעלדלאַך איבער דעם לאַנד און אָט־די קלײנע װעלדלאַך צעברעכן דאָס אין שטיקלאַך אָט־דעם באַגריף און דאָס געפֿיל פֿון גרױסװאַלד. די שטיקלדיקע, פֿרײדיקע װעלד־לאַך לאָזן אין דעם מענטשן זיך ניט אײַנװאָרצלען דעם שװערן, טיפֿן ערנסט פֿון די שװער־אײַנגעװאָרצלטע װעלדער, װאָס זײַנען ערגעץ יאָ דאָ אין לאַנד.

עס קאָן זײַן, האָט בערמאַן פֿאַר זיך װידער געטראַכט, אַז אפֿילו די הינגע גרויסע װעלדער אַלײן פֿעלט אפֿשר אָט־דער שװערער ערדישער ערנסט. אפֿשר דערפֿאַר, װאָס די הינגע גרויסע װעלדער אַלײן װײסן פֿון אָט־די פֿילע שקאַצעװאַטע װעלדלאַך, שמײכלען די װעלדער אַלײן מיט מיט זײ און קאָנען צו ערנסט ניט װערן.

אינדערהײם, טראַכט בערמאַן װעגן זײַן געבורטס־אָרט — אין רוס־לאַנד, דאָרט איז אָדער דו פֿאָרסט כּסדר איבער אָפֿן פֿלאַכלאַנד אױף מײַלן און מײַלן, אָדער דו פֿאָרסט מיטאַמאָל אַרײַן אין אַ געדיכטן, גרױסן װאַלד אױף מײַלן. דאָס אײגענע איז דאָ אפֿשר אױך מיט די פֿיל שײנע בערג, װאָס שפּרינגען אַזױ לײַכט פֿאַר די אױגן. שײן װי די בערג זײַנען, זײַנען דאָס נאָך אָבער אַלץ בערג אױף דערװײַל : יונגע בערג, װאָס דאַרפֿן נאָך ערשט װאַקסן, כּדי צו װערן לײַטישע, גרױסע און ערנסטע שװערע בערג.

אַלץ גײט דאָ, דאַכט זיך, צו דער לאַנדשאַפֿט און דעם מענטשן אַ יונגע דערװײַליקײט און — טראַכט בערמאַן — אפֿשר איז אָט־די דערװײַליקײט אַן אײביקע, אפֿשר איז אָט־די דערװײַליקײט מיט איר מאָדנעם לײַכטן און ניט־באַרירטן, שמײכלדיקן ערנסט, דער חלק אײבי־קײט װאָס אַמעריקע גײט ברענגען דער װעלט. װער דאַרף דאָס בלױז

גרויסע, שווערע, דריקנדיקע בערג. פאַרוואָס ניט לייכטע שטראַליקייט פון געמיט, פאַרוואָס ניט יונגע שמייכלדיקייט אַלס אַ שיטה, פאַרוואָס ניט שטענדיקע דערוויילקייט אַלס אַ פילאָזאָפיע? — —

דאָ און דאָרטן עפענען זיך פאַר די אויגן אויפגעלויכטענע, בלויע ים־פּאַסן מיט טיפע ווייס־געוואַשענע זאַמד־ברעגן, מיט שימערירנדיק־ווייסע, שפּיציק־פאַרצויגענע לייוונטן פון זעגלען אַף שיפן ווייט פון ברעג. ווי אַ טויער צו דער אומענדלאַכקייט, ווי אַ טויער צום הימל, גיבן זיך אָט־אַזוי פון צייט צו צייט די ווייסע ים־ברעגן אַ ווייז און נאָך זיי — ווידער שמוציק־ברוינע, פלאַכע, באַבערגלטע פעלדער, וואָס שפּרינגען אויף, הויבן זיך אויף און גלייכן זיך אויס פאַר די אויגן מיט זייער ברויז, מיט זייער נאָך קוים אָנזעעוודיקן גרין, מיט זייער שוואַרץ פון נאַ־קעטע ביימער, און מיט זייער ווייס פון צעלעבערטע שניי־פלעקן. דאָ און דאָרטן לויפן ווי אונטער דיינע פיס אַרונטער בריקן און בריק־לאַך, וואָס פרישן פון־צייט־צו־צייט אַפּ דאָס איינטאָניקע באַניקע קלאַפּן. די באַן לויפט און לויפט אין פאַרהאַוועטער, אַמעריקאַנער איילעניש. קומט אָבער אונטער אַ בריקל אונטער די אייזערנע רעדער, נעמט די באַן אינמיטן דערינען לייכט און שטיפעריש טאַנצן, אַזוי ווי אונטער־שפּרינגען אַף איין פוס. דאַכט זיך, אָט־די פילע בריקלאַך אַליין דער־ציילן, אַז אַמעריקע קאָן קיינמאָל אַלט ניט ווערן. געבענטשט האָט אימיצער דאָס לאַנד און געזאָגט:

— ניי, גרויס, פריש און אייביק־יונג זאָלסטו זיין.

און זיין ברכה איז מקוים געוואָרן אַף אַזוי צו זיין און בלייבן פון אייביק ביז אייביק.

קיין מאָל אָבער האָט בערמאַן דאָס אַלץ אַזוי ניט געזען און אַזוי קלאָר ניט געפילט די גרויס פון אָט־דעם גרויסן, צעוואָרפענעם לאַנד, ווי ער האָט דאָס דערפילט אַף זיין איצטיקער רייזע. די עטלאַכע מאָל, וואָס ער איז פריער געפאָרן מיט די אַמעריקאַנער באַנען, איז דאָס אַלץ געווען פון איין נאָר־וואָס נעגרינדעטער סאָציאַליסטישער גרופּע צו אַ צווייטער. דער שטח אינמיטן איז געווען אַ טפל. אין בעסטן פאַל אַ פאַרביי־פליענדיקער בליץ. איצט אָבער איז ער געפאָרן ערגעץ, ניט ווייסנדיק וואוהין, ערגעץ אין שטח אריין, געפאָרן אַן אַפּגעריסענער, אַ באַפרייטער, געפאָרן צו אַן ערגעץ, וואָס איז ניט קיין סוף, נאָר אַן

אָנהויב, ווייל פון יענעם ערגעץ הויבן זיך דאָרט ערשט אָן אַט־די גוטע פּרייע און אָפענע שטחים.

די דאָרטיקע מענטשן אַליין זיינען דאָך אויך געווים ניט מער, ווי אַ טייל פון אַט־די דאָרטיקע גרויסע, אָפענע שטחים. זייער טראַכטן אפילו איז דאָך געווים ווי דאָס גוטע און זיכערע אָטעמען פון פעלדער, וואָס זוכן ניט קיין גרעניץ און זעען פאַר זיך קיין גרעניץ נים. גוט איז אַזוינע פעלדער און גוט זיינען אַזוינע מענטשן. די באַן פלעגט אָפּט אַריינפאָרן אין אַ שטאָט, זי באַפאַלן אַף גיך, איבערשניידן דער שטאָט דעם בויך, זיך גלייך אַרויסרייסן, איבערלאָזנדיק די שטאָט הינטער זיך אַ צעשניטענע אַף צוויי.

פון מאָל צו מאָל פלעגט פאַר די אויגן, פון רעכטס אָדער פון לינקס, אַ בלאַנק־טאָן פון דער וויַיט אָן אויפגעבאַרגט אָדער איינגעטאַלט שטעטל, ווי אימיצער וואָלט דאָס נאַר־וואָס פון אַ פאַרטוך אויסגעשאָטן ווי אַ שפילצייג פאַר קינדער, וואָס האָבן זיך ליב צו שפילן אין היים און אין שטאָט, אין אַט־דעם לאַנד אין נייעם.

זיבן פלייסיקע ריזן זיינען פון ערגעץ אָנגעקומען אין אַט־דעם לאַנד דעם נייעם, אין אַט־דעם יונגען פרערי־לאַנד. זיי האָבן אַלע געטראָגן בעל־מלאכישע פאַרטוכער, אָנגעפילט מיט פאַרטיק־געמאַכטע שטאָט־און־שטעטל־שפּילצייג. זיי האָבן דאָס פריש נאַר־וואָס פון זייערע וואַר־שטאַטן אַראָפּגענומען און גלייך אַזוי אין די פאַרטוכער געלייגט און האָבן דאָס אַזוי אַף גיך פאַנאַנדערגעשטעלט דאָ און דאָרטן אַף רעכטס און אַף לינקס צווישן בערג און צווישן בוימער, אַף ביידע זייטן פון דער אייזנבאַן, וואָס איז פאַר זיי געלאָפן ווי אַ רוישיקער אייזערנער טייך — אַ נעם געטאָן פון דעם פאַרטוך מיט דער גרויסער, מוסקולדיקער האַנט און אַ שטעל געטאָן אַ פאַר הייזלאַך דאָ, אַ פאַר הייזלאַך דאָרט; אַ לייג געטאָן אַף גיך אַ וועג, אַ גאַס און ווייטער אַזוי אַף בערג און אַף טאָלן, אינאיינעם מיטן רוישיקן, אייזערנעם, באַניקן טייך געגאַנגען, זיבן גרויסע ריזן מיט פאַרטוכער גרויסע.

אָפּט שפּרינגט אַ שטעטל אויף מיט הייזלאַך, ווי נעסטן אַף אַ בוים אַ גרויסן. און דאָ און דאָרטן — פעלדער־שטרעקעס מיט בּיסלאַך קי, מיט ביסלאַך שאָף און מיט פערד צעשראָקענע. מיט אויפגעהויבענע קעפּ און אויפגעשפּיצטע אויערן. און מיילן איבער מיילן נעמען שוין

נאָכדעם אויפשפּרינגען מיט אַ פייער ביי דעם אַקער און מיט פרישע נאַר־וואָס אויפגעריסענע, איבערגעקערטע ערד־פּאַסן. און אַט האָט זיך דאָס אַלץ אַזוי ווי אַרויסגעגליטשט פון אונטער דער באַן. די לאַנדשאַפט האָט זיך מיטאַמאָל איינגאַנצן געענדערט און די באַן האָט גענומען פאָרן איבער ווילד־פּרערי לאַנד, מדבר.

אומענדלאַכע פּוסטקייט אַף רעכטס און אַף לינקס, די באַן, דאַכט זיך, גייט און גייט ניט. די פּוסטע, ניט באַוואוינטע אומהיימלאַכע פּרערי איז אַזוי גרויס, אַז ווי פיל דו זאָלסט ניט פאָרן און ווי גיך דו זאָלסט ניט פאָרן, שטייסטו, דאַכט זיך, פאַרט אַף איין אָרט. די פּרערי, דאָס איז עפּעס אַ מין ליידיקייט אַזאַ, וואָס פאַרמעסט זיך אַפּצומעקן אַלץ פון דעם פּנים פון דער ערד. אַ נס וואָס עס זיינען נאָך דאָ טעלעגראַף־סלופּעס, אַ נס, וואָס מען קאָן טראַכטן, אַז דיך טראָגט אַ רוישיקער אייזערנער טייך, וואָס וועט דיך מן־הסתם ערגעץ אַרויסטראָגן.

אַזוי איז בערמאַן געפאָרן צוויי טעג מיט אַ נאַכט, ביז די באַן־רעדער זיינען אַזוי ווי אַרויס פון אונטער זיינע פיס און ער איז געבליבן שטיין אין אַ שטעטל, אין דער וועסט, אין אַ שטעטל, אַרום וועלכן ער האָט געוואוסט, אַז עס געפינען זיך די „האָמסטעדס".

קאַפּיטל צוויי

די „האַמסטערדס" זיינען פאַר אסאַך יאָרן געווען דער רוף פון ענער־גישע און אומרואיקע מענטשן אין אַמעריקע. דער רוף פון פרערי, דער רוף פון פארשלינגענדיקער, מדברדיקער וואונדערלאַכקייט; דער מיידל־שער רייץ פון דעם יונגען, פרייען לאַנד.

ווי אַלע אַמעריקאַנער שטעטלאַך האַט אויך דאָס שטעטל, וואוהין בערמאַן איז איצט אָנגעקומען, אים אויסגעזען, ווי אַ ניי־געבויטס, ווי אַ שטעטל, וואָס האָט זיך נאָך ניט ווי געהעריק־איז איינגעשטעלט און פאַנאַנדערגעשטעלט. קוקסט אָפּט אַף אַזאַ שטאָט און דיר דאַכט זיך, אַז עס איז גאָר ניט מעגלאַך, אַז עס זאָל זיך גאָר ווען עס איז איינשטעלן ווי עס באַדאַרף צו זיין. דו הויבסט אָן זען באַשיינפּערלאַך, אַז וויפיל הייזלאַך און געסלאַך דו זאָלסט דאָ ניט אָנשטעלן און אָנבויען, וועט אַלץ אָט־די ליכטיקע ברייטקייט פון אומענדלאַך־גרויסע און פרייע שטרעקעס וואָס אַרום, זיך אַריינרייסן און דאָס פאַרטרינקען.

אָט־די דאָזיקע אַלע אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלאַך זעען טאַקע דערפאַר שטענדיק אויס, ווי זיי וואָלטן זיך נאָך ערשט פאַרמאַסטן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דעם רוים. ווי זיי וואָלטן זיך ערשט געהאַלטן אין בויען. אין בעסטן פאַל זעען זיי אויס ווי שטעט, פון וועלכע מען האָט נאָר־וואָס אַוועקגענומען די זעג, די האַק און דעם האַמער, און דער בלאַנקער, פלייסיקער געהילך פון זעג, האַק און האַמער שוועבט, דאַכט זיך, נאָך אַלץ אַרום אין דער לופט פון דער שטאָט. בערמאַן האָט זיך לכתחילה אומגעקוקט ווי ער וואָלט געזוכט אַ טייטש פאַר דעם און נאָכ־דעם זיך גלייך געכאַפּט: דאָס איז דאָך אַלץ אָט־דער „ערב", אָט־די אַנהויבערישקייט, אָט־די שטענדיקע אַמעריקאַנער דערוויילקייט, וואָס איז דער חלק אייביקייט, וואָס אַמעריקע גייט ברייננגען דער וועלט. דאָס איז דאָך אָט־דער אייביקער „מיר האַלטן ערשט אין קומען; מיר האַלטן נאָך ערשט אין וואַקסן".

עס איז געווען פּאַרנאַכט. די זון האָט זיך געזעצט און האָט מיט היימלאַכקייט אויפגעכישופט די נייע פּרעמדע הייזלאַך, די פרעמדע מענטשן. אַ שווערע מידקייט, אַ צעטרייסלטקייט פון אַזוי לאַנג און שנעל לויפנדיקע באַן־דערדער אונטער די פיס האָט אים געוויגט כמעט ווי אַ שיכורן. ווי ווייט איז די ווייטקייט, וואָס ער איז פאַרפאָרן? איבערן ווילדן מדבר אַזוי ווייט געפאָרן; אַזוי ווייט, אַזוי נאָענט.

און אָט איז אַ שילד „האָטעל". דאָס איז געווען אַ צוויי־גאָרנ־דיקע, ווייסע געביידע אין קאָלאָניאַלן סטיל מיט אַ ברייטן גאַניק פאַרן הויז און מיט ווייסע, פירעקיקע, הילצערנע זיילן צעשטעלט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער הויז. די זיילן ציען זיך פון דעם גאַניק גלייך אַרויף ביז צו דעם שפּיציקן דאַך. די זיילן זעען אויס, ווי לאַנגע, הילצער־נע פיס, וואָס זיינען געקומען און זיך אוועקגעשטעלט אַפן גאַניק איב־איינעם מיטן דאַך און מיט דער הויז.

„אַ וואַנדערער גייט און דאַרף האָבן אַ פּלאַץ, וואו צו רוען אַף אַ ווייל, גייען מיר אויך. קום אַריין, רו זיך אָפּ. האָטעל איז אונזער נאָמען. האָטעל".

אַ מידער האָט זיך בערמאַן פאַרקליבן אין אַ צימער אַף נאַכט. ביי דעם שיין פון לאָמפּ האָט ער אין דעם האָטעל־צימער דערזען צוויי שטרויענע שטולן, אַ בעטל און לעבן בעטל אַ ווייס פאַרשפּרייט טישל און אַפן טישל דאָס „עוואַנגעליום". אַ דיק בוך מיט שוואַרצע טאָוולען מיט אַן אויסגעפּרעסטן צלם איבער דעם — אַ מתנה פון אַ געזעלשאַפט אַזא, וואָס לייגט דאָס בוך פאַנאַנדער איבער די האָטעלן פאַר די מידע וואַנדערער. ווען בערמאַן איז שוין געלעגן אין בעטל און אויסגעשטרעקט זיין האַנט אַף אויסצולעשן דאָס לעמפּל האָט ער ווידער דערזען דאָס בוך. האָט ער אַ טראַכט געטאָן אַ ווייל און דאָס בוך נאָכדעם אָנגענומען מיט דער האַנט, דאָס אַ צי געטאָן צו זיך און צעעפנט, אַ לייען געטאָן נאָר די ערשטע פּאָר פראַזן און מיד אַ טראַכט געטאָן:

אַ בוך, וואָס רעדט קעגן זיך אַליין: „היט זיך פאַר די פאַלשע לערער, פאַר מענטשן, וואָס קומען צו אייך אין שאָפּענע־פעל, בלוט־דורש־טיקע וועלף זיינען באַהאַלטן אונטער זיי". — ס'אָרט בימערער אמת אַף דעם איינענעם חשבון. און עס גיט בערמאַנען נאָכדעם גלאַט אַזוי אַ שפּרונג אין קאָפּ: — אין דער קינדערשקייט פון דעם מענטשן ליגט

דער חלום פון דער וועלטס אייביקער גרויסקייט.

און ער טראכט:

דאס גוטע פון דעם בוך איז דאס, וואס עס מאכט אזוי פיל מענטשן לעבן און גלויבן אין א מעשה. דאס שלעכטע פון דעם בוך איז, וואס ער לאזט די מענטשן ניט וויסן, אז עס איז בלויז א מעשה. דערפון אויך אט־די בלוטיקע, בלוטדורשטיקע אספיראציעס פון די מענטשען, וואס גלויבן פאנאטיש אין דעם בוך. אנדערש וועט זיין דאס נייע בוך פון דער מענטשהייט. די ווייטערדיקע מדרגה פון דער מענטשהייט איז צו לעבן און צו גלויבן אין א מעשה און אין דער אייגענער צייט אויך קלאר וויסן, אז דאס איז בלויז א מעשה.

און אט קוקן בערמאנס אויגן ווידער אין בוך און זעען און הערן:

„האר, א האר, וועל איך אריינקומען אין דעם קעניגרייך פון הימל?"

און אט דערזעט בערמאן זיך אליין שטייענדיק איבער זיך. ער איז אזוי ווי צעצווייט געווארן. איין בערמאן, א זייטיקער, א פרישערער, האט זיך אויפגעהויבן און זיך אוועקגעשטעלט איבער דעם צווייטן, דעם ליגנדיקן, און דער שטייענדיקער בערמאן גיט מאדנע און אומדערוואַרט א טראכט וועגן דעם ליגנדיקן:

„אן אפגעריסענער בערמאן, א פארווארפענער פון ווייטע ווייטן אין ווייטע ווייטן אריין, ליגט אין א פרעמד בעטל מיט אן עוואנגעליום אין האנט און טראכט אזוי ווי אומיסטן ניט פון דעם, וואס האט אים געמאכט צו אנטלויפן, ניט פון דעם, וואוהין ער איז געקומען, נאר טראכט עפעס גלאט טראכטונגען, וואס האבן, דאכט זיך, מיט אים גאר ניט צו טאן".

און אט־דער שטייענדיקער בערמאן גיט נאך, אין זיינע געדאנקען, צו וועגן דעם ליגנדיקן:

„אט־דער מידער, ליגנדיקער בערמאן האט אויך אזוי גלאט אין דער וועלט אריין געטראכט טראכטונגען דעם גאנצן וועג, וואס ער איז געפארן אהער. א מאדנער מענטש ביסטו, ליגנדיקער בערמאן! א גאנץ מאדנער מענטש!

און אט פארייניקן זיך ביידע בערמאנס און נעמען ביידע אינאיינעם טראכטן:

„די וועלט, יענע וועלט... טויט...

אוןביידע בערמאַנס באַשליסן טאַקע איניינעם:
יענע וועלט — מיינט טויט.
און וואָס איז אַ בוך? פרעגן זיי זיך. און זיי ענטפערן זיך:
אַ בוך איז אַ וועלט.
וואָסער וועלט?
?!
וועלטן זיינען דאָ צוויי. — די וועלט און יענע וועלט. און אויב אַ בוך איז אַ וועלט, טאָ וואָסער וועלט איז אַ בוך?
און זיי באַשליסן ביידע:
אַ בוך איז ניט די וועלט. ניין.
יאָ, אַ בוך איז ניט די וועלט. אַ בוך איז יענע וועלט. אַ בוך איז טויט.
און זיי טראַכטן ווייטער:
אפילו פשוט לעבן, ווי נאָר עס ווערט פאַרקערפערט אין אַ בוך. ווערט דאָס אַנאַנדער זאַך. עס ווערט יענוועלטיק. יעדעס בוך איז ניט אַ שטיק די וועלט. עס איז יענע וועלט. עס איז טויט. יעדעס בוך איז טויט. עס איז ניט לעבן, אָט־דאָס בוך, דאָס עוואַנגעליום, עס איז אַ מצבה אף לעבן. עס איז אפילו ניט געדאַנק. עס איז אַ מצבה אפן אמת־לעבדיקן, פולסירנדיקן מענטשלאַכן געדאַנק.
און זיי טראַכטן נאָכאַמאָל איבער פונדאַסניי:
אפילו פשוט לעבן, ווי נאָר עס ווערט פאַרקערפערט אין אַ בוך, הייסט דאָס אָפּגעריסן לעבן פון לעבן. אַ שטיק לעבן איינגעשטעלט, איינגעשטילט, פרעזערווירט.
און זיי טראַכטן ווייטער:
מענטשן שטערבן אריבערצוטראָגן זייער לעבן פאַר נאָכן לעבן, פאַר טויט. ביסט מיד, ביסט פאַרצווייפלט — נעם אַ בוך אין האַנט. דאָס הייסט, נעם־איין אַביסל פון דעם אָטעם פון יענע־וועלטיקייט, דער־לייזונג, טויט.
און בערמאַן מיט בערמאַנען לערנען פאַר זיך ווייטער איניינעם, ווי בערמאַן פלעגט אַמאָל, אַלס אינגל, לערנען אַ בלאַט גמרא אין אַ כתה:
דאָס, וואָס לעבט, איז קורץ און פאַרגייענגלאַך.
און זיי לערנען צוריק:

דאָס, וואָס איז פאַרגייענגלאַך, לעבט.

אומענדלאַך און אייביק איז דער טויט, ווייל טויט איז אייביק.

אַט־דאָס בוך בליט מיט געדאַנקען, מיט בילדער, בליט מיט שטראַלנדיקע פּראָזע, בליט, ווי אַן אויסגעטראַכטער יענוועלטיקער גאָרטן, ווי אַ גן־עדן.

וואָס איז גן־עדן?

„דאָס איז דער גאָרטן פון טויט."

און זיי באַשטימען ביידע:

איבער אונזער לעבעדיק לעבן, זאָל בליען דאָס לעבן. ניט דער טויט.

און זיי פרעגן זיך נאָכאַמאָל איבער:

וואָס איז בוך?

און זיי ענטפערן:

בוך, דאָס איז טויט, וואָס קומט נאָך ביים לעבן צו באַהערשן דאָס לעבן פון דעם לעבעדיקן מענטשן.

און בערמאַן כאַפּט זיך און פרעגט:

וואָס זיינען דאָס פאַר געדאַנקען? ווער טראַכט דאָס אַלץ? איך, בערמאַן, צי אַנאַנדערער? אפשר גאַבריעל? ניין. דאָס טראַכט אפשר אַזוי גערטרודס פאָטער מיט זיין גרויסן, שווערן, שווייגעדיקן קאָפּ.

„ניין. דאָס טראַכט אַזוי דאָס דיקע בוך מיט די שוואַרצע טאָוולען אין מיינע הענט.

און ער גיט צו:

דאָס איז דאָך אַ בוך, וואָס רעדט קעגן זיך אַליין...

ווער בין איך, וואָס בין איך, פון ווייטע לענדער אַ געקומענער?

פון וואַנען בין איך אַנטלאָפן און וואוהין בין איך געקומען?

אַ טאָג וועט מאָרגן קומען.

אַ זון אַ נייע...

ס'איז שווערקייט אין קאָפּ, ס'איז שווערקייט אף די אויגן. און די געדאַנקען שווערע און אַ בוך אַ שווערס. אַ ווייסקייט גיט אַ שוועב פאַר די אויגן. די ווייסקייט האָט אַ נאָמען. דער נאָמען קומט ניט אין קאָפּ, נאָר די ווייסקייט איז דאָ און איז געקומען, ווייסקייט...

די אויגן קלעפּן זיך צונויף. דער אונטערגעהויבענער קאָפּ גיט זיך אַ שאָקל און אַ פאַל, עפענען זיך באַלד די אויגן, אויסגעניכטערט אויף און ער דערזעט: — צוויי שטולן, אַ קרוג וואַסער. אַ שיסל, פיר ווענט. דאָס דיקע בוך אין די הענט און דאָס בלענדנדיקע ווייסקייט פון דעם קישן פאַר די אויגן. ער האָט ווידער געפּרוּאווט אַרייַנקוקן אין בוך און מיט פאַרגלאָזטע אויגן געבליבן שטיין:

„ווען אַ מענטש איז מיד. זאָל ער קיין בוך אין האַנט ניט נעמען. זאָל ער בעסער דעמאָלט לאָזן זיינע אייגענע געדאַנקען פריי שוועבן. שפּילן, שפּינען און אַנען. ווייל נעמען דעמאָלט אַ בוך אין די הענט אַריין, הייסט נעמען דעם אייגענעם קאָפּ און אים מיט די אייגענע הענט אַריינלייגן אין אַ מיטה, וואָס אימיצער האָט פאַר דיר געגרייט.” גיט בערמאַן אינמיטן פון זיין מידקייט מיטאַמאָל אַן אומדערוואַרט קלאָרן טראַכט און ער פאַרמאַכט דאָס בוך, דרייט־אויס דעם לאָמפּ און פאַרמאַכט די אויגן אַף אַ וואַרימען געדאַנק:

„אַ זון גייט מאָרגן אויף — אַ נייע...”

קאַפּיטל דריי

בערמאַן טראַכט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פון זיין געבורט־שטעטל. ער האָט דערפאַר, פשוט, קיין צייט ניט. אָבער, גראָד דעמאָלט, ווען ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט אַסאַך זאַכן, מיט אַסאַך רעגונגען, און, דאַכט זיך, אַלץ איז אין אים צעטרייסלט ביז פאַרצווייפלונג, ביז פאַר־גאַרנקייט, אַט גראָד דעמאָלט חלומען זיך אים שטעטלישע היים־בילדער.

עס איז, דאַכט זיך, זיכער, אַז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן אין דעם פרעמדן האָטעל, פון דעם פרעמדן פרערי־שטעטל, און אָט איז ער גאָר אינמיטן פון היימישן, קליין־רוסישן שטעטל, אָט איז דאָס גרויסע איינפאָר־הויז אַפן בערגל פון זיין שטעטל. מיט אַזויפיל ליבע ליגט זיך גוארים און באַרעדעוודיק דער שאָטן פאַרן הויז. עס איז אַזוי גוט צו קוקן אַף דעם שאָטן און זען ווי ער טיילט זיך דאָרט אויס פון דעם זונ־ליכט אַפן מאַרק. דאָס האַרץ פאַרגייט זיך ביז ווייטיקדיקער פרייד פון דעם. די האַנט גיט זיך אַ צי מיט אויפגעוואָרימטן ציטער. די האַנט וואָלט וועלן דערלאַנגען דעם ברעג פון דעם שאָטן, אים אַ צי טאָן, אַ הויב טאָן און צוטראָגן צו די אָנגעוואָרימטע ליפּן.

— שאָטן טייערער, שאָטן ליבער! איך בין געקומען; איך בין דאָ. איך האָב געוואָנדלט, און געוואָנדלט... איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיך שוין קיינמאָל ניט זען. שאָטן! לאָז מיך, לאָז מיך אָנרירן דיין ברעג. ווי שיין דאָס געדיכטע, מאַרגנדיקע זונליכט טוליעט זיך צו דיין ווייכן ברעג. ווי גוט עס איז דאָס היימישע מאָרגנליכט! עס איז דאָס מאָרגנליכט פון מיין היים. ווי אַנדערש איז דאָס מאָרגנליכט פון אַלע אַנדערע מאָרגנליכטער. עס רעדט, עס וואָרימט אַזוי אַנדערש דאָס פּנים. די אויגן און דאָס האַרץ. און איך האָב אָן דיר, היים, אָט־די אַלע יאָרן פאַרגעסן. פאַרוואָס האָב איך קיינעם ביז איצט ניט דערציילט, ווי שיין עס איז דאָס מאָרגנליכט פון מיין היים. ווי אַנדערש־דיקער זיינען די שאָטנס פון די הייזער פון מיין היים, ווי אַנדערשדיקער

ליכטן אויף די אויגן, די גערדאַנקען אין די ווערטער. ווי גוט עס איז די היים! לאָז מיך אָנרירן דיין ווייכן זוים. ווי אַזוי פּאַרט בין איך געקומען אַהערצו! היים מיינע? איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שוין גאָר מער קיינמאָל ניט זען דיך, אָבער איך בין געקומען, איך בין דאָ. מיינע אויגן זיינען הונגעריק נאָך דיר, היים! נאָך דיין מאַרק־פּלאַץ, נאָך דיינע הייזלאַך. וואָס ליגן אַזוי צופרידן און חבריש אויס זייערע שאָטנס אין דעם מאַרגנדיקן זונליכט. מיינע אויגן זיינען מיר הונגעריק און טוען מיר אַזש ווי פון בלענדעניש פון הונגער און פון גליק. און דיינע וועלדער, אין אַלע זייטן, מיינע גוטע וועלדער, וועלדער פון מיינע קינדער יאָרן.

— דער גרינער, יונגער וואַלד מיט אָט־די אַלע גרינע, כוואַסעדיקע גראָזן, מיט די שורות ווייסע געגנדז, וואָס פינקלען פון טיפן גרין. און אָט־דער שוואַרצער, אַלטער וואַלד און אָט־דאָס ווייסע, בעראָזע־וועלדל. זיינע פינקלדיקע, ווייסע שטאַמען בלאַנקען אַזוי, ווי דאָס ווייס פון די געגנדז אינם גרינס.

בערמאַן נעמט גיין צו די שטאַמען, גרייט זיי אַרומנעמען און קושן. ווי נאָר אָבער ער קומט צו נעענטער, דערזעט ער, אַז די שטאַמען זיינען באַדעקט ניט מיט קאָרע, נאָר מיט אַזוינע בלענדעדיק־ווייסע און געפלעקטע פעדערן. — פון געגנדז זיינען די שטאַמען. און... ווי ניט גלויבלאַך דאָס איז! — די שטאַמען זיינען אָבער פּאַרט פאַרמירט פון געגנדז. איין ווייסע גאַנדז האַלט די צווייטע מיט די פיס, מיט די העלדזער, צי מיט די פליגלען און אַזוי איינס נאָך איינס, ביז זיי שטעלן אַזוי אַף אַן אמתן צונויף אַ ליכטיקן שטאַם, אַ צעצווייגטן, געמאַכט פון ווייסע און געפלעקטע געגנדז, וואָס האַלטן דאָ און דאָרט צווייגלאַך מיט גרינע בלעטלאַך אין זייערע שנאָבלען.

די שטאַמען גיבן אַזוי קלאָר און בולט אַרויס די פויגלדיקע פאָרמען פון די געגנדז און זען פונדעסטוועגן פאָרט אויס, ווי בערעזענע שטאַמען. און אָט נעמען זיך די אַלע בוימער פון דעם וועלדל איבערפאָרמירן אין באַזונדערע פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרשיידנצאַליקע גרופּן, ווי אַ כישוף פאַר די אויגן, ווי אַ כישוף וואָס לאַקט און ריפט דיך צו זיך, און אָט שטעלן זיי זיך גלייך ווידער איבער און פאָרמירן זיך אין אַנדערע פאָרמען און צאָלן, און טאַנצן קעגן אים אין ליכטיקע גרופּן.

בוימער זאָלן טאַנצן! בוימער זאָלן זיך אַזוי פאַרמירן און אי־בער־פאַרמירן; בוימער זאָלן גיין? דאָס קומען זיי אַזוי באַגריסן, דאָס קומען זיי אַזוי שיינען מיט היימישן וואונדער. און אָט־די גענדז, וואָס שטעלן צונויף די שטאַמען פון בוימער, פאַטשן מיטאַמאָל אַלע אויף, צעפליען זיך און פליען זיך פאַנאַנדער איבער די גרינגע פעלו׳ע־, איבער דער בלויער לופט, איבער דעם שטראָמיקן און פריש־צעשפּרייטן טייך. פאַר אַ ווײַלע — אַזאַ באַפרייטער, פרישער אָטעם. און אָט שטעלן זיך די גענדז ווידער צונויף אין בוימער ביי דעם טייך און בלייבן שטיין, און דער גרויסער, דעמבענער וואַלד נעמט שפּאַנען איבער די גרויסע, פלאַכע, שטעטלשע, אָפענע פעלדער. דער גרויסער אַלטער וואַלד נעמט זיך מושטירן ווי סאָלדאַטן. טיילט זיך איין אין ראָטעס און אין דיוויזיעס און מאַרשירט און מאַרשירט. גענדז און בוימער, פעלדער און טייך! ווי צופרידן איר הויבט זיך און שפּרייט זיך פאַר מיר. דאָס האַרץ פאַרגייט זיך פון פרייד. דאָס איז היים, דאָס איז היים! אַזוינע וואונ־דער האָט פאַר מיר מיין היים און איך האָב דאָס ניט געוואוסט גאָר. דאָס האַרץ וועט דאָס, דאַכט זיך, באַלד ניט אויסהאַלטן. עס רייסט זיך מיט אַזאַ שאַרפן ווייטיק. צופיל דאָס אַלץ פאַר אַ מאָל. אָבער עס איז גוט אַזוי. וואונדערלאַך גוט. און אָט איז ווידער דער ליבער, גוטער שאָטן פאַרן שטעטלשן איינפאָר־הויז. ווי אַנדערש עס קאָן זיין אַ שאָטן פון אַן איינפאָר־הויז, וואָס ליגט אַף דער ערד פון דיין אייגענער היים־שטאָט! אָט האָב איך גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז מען קאָן טאַקע אַף דער אמתן וועלן מיט די הענט אָננעמען אַ שאָטן און אים וועלן ציען צום האַרצן און אים וועלן ציען צו די ליפּן און אים וועלן קושן, ווי אַ לעבעדיקע זאַך. אָ, שאָטנס, שאָטנס פון די הייזלאַך פון מיין היים; ציט זיך צו מיר, ווי חברים פון מיינע אינגלשע טעג. ציט זיך אין אָט־דעם גוטן, זוניקן מאָרגן־ליכט. איר ציט זיך צו מיר, ווי עס ציט זיך מיין האַרץ צו אייך. שאָטנס טייערע, שאָטנס ליבע. ווער וואָלט זיך דאָס גאָר געגלויבט, אַז היימישע בוימער, בוימער פון דער היים, קאָנען אָננעמען אַזוינע לעבעדיקע, ליכטיקע פאָרמען?! ווער וואָלט דאָס גאָר געקאָנט גלויבן, אַז לעבעדיקע גענדז קאָנען אויסציען און אויסלייגן זייערע קערפּערס כדי צו פאַרוואַנדלען זיך אין ווייסע שטאַמען, כדי צו באַגריסן אַן אייגענעם מענטשן, וואָס קערט זיך אום צו זיין היים!?

וויפיל וואונדער עס האָט די היים! קומט שאָטנס און לאָמיר איניינעם אַרויסגיין באַגעגענען און באַוואונדערן אָט־די וואונדערלאַכע בערעזע־בוימער. אָט שטייען זיי די גרין־צעצווייגטע, ווייסע, פינקלדיקע בערעזע־ביימער און אָט צעפליען זיי זיך אין געגנדז און שטעלן זיך באַלד ווידער צונויף אין שיין־פּאַרמירטע גרופּן פון צופרידנשיינענדיקע בערעזע־בוי־מער. נאָר, אָט וואַרט! איך וויל פריער דערלאַנגען מיט דער האַנט אָט־דעם זוים פון דעם שאָטן פון אָט־דעם גרויסן איינפּאַר־הויז. יעדן פרילינג פלעגט אונטער דעם דאַך פון אָט־דעם הויז אַ ווייס פויגעלע מיט אַ שפּיציק טשובוקל און אַ לאַנג־שפּיציק פּיסקל האָבן איר נעסט אונטער דעם דאַך. דורך מיין פענצטער פלעג איך, אויפהויבנדיק מיין קאָפּ פון סדור אָדער פון דער גמרא, אַרויסקוקן און זען ווי עס פליט אַרויס פון אונטערן דאַך און לאָזט זיך אַראָפּ, אין דעם שטילן פרימאָרגן, איבער דעם דרייעקיקן שאָטן פון הויז און זוכט פאַר זיך שפּייז. בלויז אַ קורצע צייט פלעגט זיך דאָס פויגעלע פאַרווײלן אין אונזער שטעטל. פון וואָסערע לענדער פלעגט דאָס פויגעלע קומען? און וואוהין פלעגט דאָס נאָכדעם אַוועק? אזא שטיל פויגעלע. ס'איז דאָך אַן איינפּאַר־הויז פאַר געסט, פלעגט דאָס פויגעלע אויך קומען צו דעם הויז ווי אַ גאַסט. נאָרניט ווי די אַנדערע זינגענדיקע פויגעלאַך פון אונזער אוק־ראַינע. אַ שטילער סוד, אַ ווייסער, איז דאָס געווען פאַר מיר. קיינער פון די אַנדערע אינגלאַך האָבן דאָס ניט געזען. זיין שפּיציק טשובוקל איז געווען כמעט אַזוי שפּיציק, ווי זיין לאַנג פּיסקל און עס האָט אויס־געזען, אַז דאָס ווייסע פויגעלע האָט צוויי פּיסקלאַך: איינעם מיט וועלכן עס עסט און איינעם מיט וועלכן עס שווייגט. קומט דאָס נאָך אַלץ אַהערצו יעדן פרילינג? נאָר פאַרוואָס קאָן איך אַלץ אָט־דעם ברעג פון דעם שאָטן ניט דערלאַנגען? — וואונדערט זיך בערמאַן און נעמט גיין מיט מער האַסט, נאָר די פיס זיינען אים ווי געפּענטעט, זיינען שווער ווי בליי און כאָטש פון דער זייט, וואו ער גייט איצט, קאָן ער די פּאָדערשטע טויערן פון דעם איינפּאַר־הויז ניט זען, דאָך דערזעט ער זיי פאַרט. זיי שטייען פּנימדיק צום מאַרק צו, קוקן פּנימדיק צו דעם רייך־צעבליטן מאָרגן־ליכט. זיי ווייסן, אַז בערמאַן איז געקומען און אָט צעעפענען זיי זיך און אַ גאַנצע מחנה פרייע פערד לאָזן זיך פון דאָרט אַרויס. פון בערמאַנס וועגן לויפן זיי אַרויס אין דעם שטאָטישן

מאַרק־פּלאַץ, אין דעם שטעטלשן געדיכט־ און וואַרעם־צעשטראַלטן, מאָרגן ליכט. — אָך ס'אַ פרייד!

די ערד גיט אונטער בערמאַנען אַ ציטער. ער איז אָבער ניט אומגעפאַלן. ניין. נאָר דאָס בערגל צום איינפאָר־הויז איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שאַרף־משופּעדיק און ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט ביז אַראָפּ. דאָס זונליכט אַף דער זייט איז כמעט, ניין, איז טאַקע אינגאַנצן פאַרשוואונדן, אָבער בערמאַן איז ניט געפאַלן; ער שטייט אַף די פיס. ער גייט שווערלאַך אַף דער משופּעדיקייט פון בערגל. העכער, האַרט ביי דער וואַנט, אַנטקעגן אים באַווייזט זיך אַ שוואַרץ פאַרבלאָנדזשעט פערד. דאָס פערד גייט אַזוי, זוכט, טאַפּט דעם וועג, שמעקט די וואַנט... פון וואַנען האָט זיך אָט־דאָס עלנט און אויסגעמוטשעט פערד גענומען?... בערמאַן צעעפנט די אויגן, אַן אויפגעציטערטער פון פלוצלונגדיקער שרעק. — דאָס פערד איז, דאַכט זיך, אַ פאַל געטאָן אַף אים, האָט זיך אויסגעגליטשט, עס האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן די פלוצלונגדיקע משופּעדיקייט פון בערגל. און עס איז אַזוי אַ פאַל געטאָן גלייך אַף אים... וואָס איז ער, פון זינען? ער חלומט דאָך בלויז. — וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן? — — —

ער צעעפנט ווידער די אויגן. — ער איז אין האָטעל, אין בעטל, אין אַ פרעמדן איינפאָר־הויז... ס'אַ גליק, וואָס ער איז ניט דערהרגעט געוואָרן, ווען דאָס פערד איז אַזוי מיט זיין גאַנצער וואָג אַ פאַל געטאָן אַף אים. ער ליגט אַ מידער, אַ קראַנקער, אין בעטל. אָבער ס'איז קיין בייז ניט. מיר האָט זיך שוין אַזוי פיל מאָל געחלומט, אַז איך קום צוריק אין מיין שטעטל, אַז איך האָב געגלויבט, אַז דאָס איז אַ חלום, וואָס וועט גאָר קיינמאָל ניט מקוים ווערן, אַז איך וועל שוין גאָר קיינמאָל מער ניט קומען צוריק אַהיים. ווי גוט עס איז צו זיין אינדערהיים אַף דער אמת, ניט אין חלום. דאָס בעטל איז דאָך אַ פרעמדס; עס איז דאָס בעטל פון איינפאָר־הויז, אָבער עס איז פאָרט אַזוי גוט צו ליגן אַף דעם. מען האָט מיך, ווייזט אויס, אויפגעהויבן גלייך נאָכן פאַל און אַריינגעבראַכט אַהער. די ביינער טוען וויי, אָבער די אברים זיינען, ווייזט אויס, אַלע גאַנץ. קיין בייז ניט געשען. דער טאַטע ווייסט שוין פון דעם, איז ער געקומען און זיצט דאָרט

אין צווייטן צימער איבער א בלאט גמרא; ווארט ביז איך וועל קומען צו זיך.

ווי גוט עס איז צו הערן זיין שטילן, איינגעהאלטענעם גמרא־ניגון. און דארט, אין צווייטן צימער, א צעצויגן ווייבעריש־געזאנג; זיין שוועסטער זינגט:

„קומסט צו—רי—י—ק
„פון — א — ווייטן — לאנד, —
„קיינער — וועט — ניט — וויסן —
„וואו — דו — האסט — געוואנדט — "

דאס געזאנג וויגט איין. דאס געזאנג וועקט און טרייסט. ווי מארנע דאס איז אלץ, עס איז כמעט אלץ ווי אין חלום.... דאס איז דאך געררט־רוד. די מאמע איז מיר געשטארבן, די שוועסטער איז מיר געשטארבן. איז זי מיר נאכגעפארן ביז אהערצו. זי איז איינגאנצן אין שווארצן; מיט א רעצעפט אין האנט: —

„קומסט צוריק פון א ווייטן לאנד.
„קיינער וועט ניט וויסן, וואו דו האסט געוואנדט..."

אז בערמאן איז אויפגעשטאנען אינדערפרי, איז ער געווען מיד און אויסגעמאטערט, געפילט א שווערס אפן שטערן. עפעס האט זיך אים געחלומט. ער האט, דאכט זיך, גערעדט פון שלאף די גאנצע נאכט. געוויינט אין שלאף. ניין. ניט געוויינט, נאר טרערן זיינען גערונען פון די אויגן. דאס הארץ איז זיך פארגאנגען.

וואס איז געווען דער חלום?

ער גדענקט ניט.

ווייסע פלעקן, ליכט, ליכט, בוימער, דעם טאטנס באָרד, געגרז, שאטנס, פערד, פערד.

וואס איז געווען אין חלום?

שטיקלאך קומען אויף, אבער זיי לאזן זיך ניט צונויפבינדן.

איין פערד נאר, אן אויסגעמאטערטס, א פארבלאנדזשעטס גייט זיך מיט אזא אומגליקלאך פארמוטשעטן עלנט שארף א ווייז פאר די אויגן. אז דאס הארץ קלעמט זיך צונויף פון מיטגעפיל צו דעם.

קאַפּיטל פיר

נאָכדעם ווי בערמאַן האָט איבערגעכעכטיקט די נאַכט אין דעם שטעטלשן האָטעל מיט די פּירעקיקע, לאַנגע זײלן אַפן גאַניק, איז ער גאַנץ־פרי אַוועק צו דער רעגירונגס־פּאַרוואַלטונג. אַ געזונטער, הויכער מאַן מיט אַ גרויסער ברייטער הוט, מיט אַ ברייטן לעדערנעם פּאַס, מיט אַ רעוואָלווער אין אַ לעדערנעם טאַש ביי דער זייט און מיט אַ שטערנדיק בלעכל אַפן ברוסט, מיט קיי־טאַבאַק אין מויל, האָט פון מאָל צו מאָל קונציק אויסגעשפּיגן דעם אָנגעזאַמלטן טאַבאַק־זאַפט פון מויל. אָנגעקוקט בערמאַנען, אים גענומען פרעגן:

— ווער ביסטו? פון וואַנען קומסטו? ווי לאַנג אין לאַנד? שוין אַ בירגער? וואָס ווערסטו טאָן מיטן „האָמסטעד"? האָסטו וואו פריער געאַרבעט אַף אַ פאַרם? — און נאָך די אַלע און נאָך אַזוינע פראַגן, האָט ער אים ארויסגעלייגט אַ לאַנד־קאַרטע, אַז ער זאָל זיך אויסקלייבן.

— דו פאַרשטייסט, איך ווייס דאָ ניט אַף וואָס זיך פריער אָפּצו־שטעלן.

— נו, טאָ וואָס זשע קלערסטו טאָן?... — פרעגט ביי אים דער מאַן.

בערמאַן האָט אַף אים מאָדנע אָנגעשטעלט זיינע שאַרפע, ברוינע אויגן און אים אָנגעקוקט אַ וויילע און נאָכדעם געזאָגט:

— איך ווייס. — איך וועל זיך אפשר פריער אוועקשטעלן דאָ ערגעץ אַרבעטן אַף אַ פאַרם, וועל איך נאָכדעם וויסן מער.

— דאָס איז גראָד אַ גוטע אידייע, — האָט צו אים געזאָגט אָט־דער הויכער, גרויסער מאַן, און דערביי קונציק ארויסגעשפּיגן פון זיין אָנגעשטאָפּטן מויל דעם אָנגעזאַמלטן טאַבאַק־זאַפט. דער ברוינער, פּע־טער שפּיי איז זיך מאָדנע האַסטיק אַ פלי געטאָן און זיך מיט אַ פּלעסק צעלייגט אַף בערמאַנס לינקן שוך.

בערמאַנען איז פון דעם מיטאַמאָל דאָס גאַנצע לייב דורכגעגומען געוואָרן מיט עקל און פּלוצלונגדיקן גרויל. אַ בייזקייט האָט אים אַ

זעץ געטאָן אין די אויגן. דער מאַן האָט אביסל פאַרלאָרן אָנגעשטעלט זיינע קילע, בלויע אויגן קעגן בערמאַנס אָנגעצונדענע, ברוינע, נאָכדעם זיי אַראָפּגעלאָזן צום פאַרשפּיגענעם שוך, אַ קנייטש געטאָן מיט איינעם פון זיינע גרויסע אַקסלען און שאַרף אָפּגעזאָגט:

— אַנטשולדיקט. ס׳האָט זיך אַזוי געטראָפן. איך קאָן ניט העלפן.

בערמאַן האָט נאָך דעם אליין אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן צום שוך. נאָכדעם אַ וויש געטאָן דעם שוך אין אַ לינגדיקן זאַק און איז אַרויס.

קאַפּיטל פינף

די עטלאַכע מענטשן, וואָס בערמאַן האָט געטראָפן אין שטעטל, האָבן אַלע אויסגעזען, ווי לײדיקגײערס. עפּעס אַלע אַזוינע פאַרטראַכטע, לאַנגע, ברייט־אַקלסדיקע. זיי וואַקסן, ווייזט אויס, גרויס און הויך אין די אַמעריקאַנער פּרעריס — האָט בערמאַן אַ טראַכט געטאָן — און זייער טראַכטן איז ווי דאָס טראַכטן פון איינעם, וואָס קאָן ניט באַגרייפן פון וואָס ער טראַכט. אָדער פון איינעם וואָס ווייסט גאָרניט, אַז ער טראַכט. די נאַטור אַרום ליגט אפשר אַריין אירע גרויסע ניט־דערטראַכטע טראַכטונגען אין זייערע קעפּ און זיי טראָגן אַט־די טראַכטונגען, ווי עס טראָגן נעסטן די פויגל, וואָס האָבן זיי געבויט. דאָס זיינען אַזוינע הויכפּיסיקע, גייענדיקע נעסטן. — און בערמאַן קוקט אַף אַזאַ דורכגייענדיקן מענטשן און טראַכט ווייטער: — און אָט ווי ווייניק עס ווייסט דער נעסט פון דעם פויגל וואָס זיצט אין אים, אַזוי ווייניק ווייסן זיי פון די געדאַנקען, וואָס דרימלען, וויגן און וועקן זיך אין זייערע קעפּ. דאָס געבוי פון דעם נעסט אָבער דערציילט פּאָרט פון דעת מין פויגל, וואָס זיצט אין אים און אַזוי אויך אָט־דער מענטש...

דערפאַר ווערן מענטשן בכלל אַזוי אָפט דערשטוינט, ווען אַ געדאַנק גיט זיך אַמאָל, ווי אַן אומדערוואַרטער פויגל, פלוצלונג אַ הויב פון אונז, זיין נעסט, און מיר שטוינען. מיר קאָנען זיך ניט העלפן. מיר מוזן דעמאָלט דעם געדאַנק דערהערן און אים פאָלגן.

און בערמאַן טראַכט ווייטער:

— יאָ, מענטשן זיינען נעסטן, אויפגעבויטע פון צייט, אומשטאַנדן, קלימאַטישע באַדינגונגען. און אונזערע געדאַנקען זיינען פויגלען, פויגלען... אָט קוקט זיי אָן אָט־די נעסטן, וואָס די אַמעריקאַנער פּרערי האָט פאַר זיך אויפגעבויט: לאַנגע, גלייכע, ווי טאַנען, פאַרפּוצט אַף זייער אייגענעם, לאַנג־פלודערדיקן שטייגער. מערסטנס מיט אַ ברייטן, לעדערנעם פּאַס און אַ רעוואָלווער ביי דער זייט מיט אויפגעשפּיצטע, ברייט־

פעלדערדיקע היט, וואָס מאַכן זיי נאָך העכער. גיסטו אַ רעד צו זיי, שלאָגסטו זיי כמעט שטענדיק אַזוי ווי איבער אינמיטן פון עפּעס:

— ברודער, וואו זיינען דאָ די פאַרמס, די „האָמסטעדס״?

— פאַרמס — ענטפערט איינער, ווי צעטומלט — פאַרמס, וואָס מיינסטו פאַרמס? אָ, יאָ, אומעטום זיינען דאָ פאַראַן פאַרמס. „רענטשעס״... גייסט נאָר אַרויס פון שטעטל. זיכער. און וואָס ווייטער פון שטעטל, אַלץ ווייטער ווערט פון איין פערמע צו דער צווייטער און דאָרטן, ווייטער, וואו עס נעמט שוין אַסאַך מיילן פון איין פערמע צו דער צווייטער, הויבן שוין אָן די „האָמסטעדס״, וואָס די רעגירונג גיט אַרויס. דו גיי נאָר אָט־אַזוי גלייך מיט דעם וועג, זעסטו — אָט־אַזוי גלייך.

און יענער ציט דערביי אויס זיין גרויסע, לאַנגע האַנט אין דער ווייטער לופט אַריין, און בערמאַן קוקט אַזוי אַף אים און טראַכט: דאָס רעדט אַ נעסט אַזוי. אַ נעסט אַף הויכע פיס און מיט הענט אַזוינע לאַנגע פון אונטער אַ שפּיציקן פעלדערדיקן הוט. אַ נעסט — אַ פויגל אַזאַ. — און דער, וואָס האָט מיר ערשט אַ שפּיי געטאָן אַפן פוס איז אויך אַ נעסט, אַ פויגל אַזאַ, אַ נעסט פון די נעסטן פון דער פּרערי.

קאַפּיטל זעקס

ארום מיטיק־צייט איז בערמאַן ארויס פון דעם שטעטל.

אין שטעטל האָט זיך נאָך דער פרילינג, ווי־ניט־איז געשפּיגלט מיט הייזער, מיט פענצטער, מיט מענטשלאַכע אויגן; אין דער באַן האָט זיך דער יונגער פרילינג געוואָרפן מיט טייכן, מיט לויפנדיקע פעל־דער. דאָ אָבער, הינטער דער שטאָט, האָט זיך דער פרייער פרילינג אויס־געגאָסן מיט אַן אומענדלאַכער, ליכטיקער ווינטיקייט איבער אַ גלאַטן און גלייכן, גלאַט און לייכט פאַרגרינטן אומענדלאַכן שטח.

אַן אָפּגעריסענער, אַ פאַרוואָרפענער און. ווי אַן ארויסגעטרייסל־טער פון זיך אַליין, איז בערמאַן געגאַנגען אינמיטן פון אָט־דעם צעשפּרייטן אויסגעגאָסענעם פרילינג, איבער אַ וועג, וואָס האָט זיך אַן אַ שום אָפּהאַלט געצויגן אין דער ברעגלאָזער ווייטקייט אריין, מיט בערגלאָזן הימל און פעלדער אָף רעכטס און אָף לינקס.

— פון וואַנען קומט אַ מענטש, וואוהין גייט אַ מענטש?

— וואוהין?

— ס'איז אים שלעכט, דעם מענטשן. ס'איז אים גוט?

— אַ מענטש אַנטלויפט, ווי אדם פון גן־עדן.

—געדאַרפט, פונדעסטוועגן, זיי לאָזן וויסן. ניט גוט אַזוי...

— גוט.

— גערטרודן אפשר געדאַרפט זאָגן: „זיי געזונט..."

— דיין פויער פאָרט אַוועק; טאַקע צו ווערן אַ פויער. אַ שמור־ציקער פויער...

— גערטרוד זאָל אַזוי רעדן?!

— גערטרוד, ס'אַרא ליכט!

—טויזנדיקע דורות האָבן זיך אפשר געדאַרפט לייטערן און ריי־ניקן, ביז ס'איז אַזאַ ליכטיקע כלה, אַזאַ שטאַנדהאַפטיקע, אַזאַ דערהאַלטנ־דיקע ריינקייט געבוירן געוואָרן. נאָר ניט פאַר מיר.

— פֿאַר מיר — בלויז די פֿאַר אָוונטן פֿאַרבראַכט מיט איר אין מיין צימער, די פֿאַר אָוונטן אין דעם פֿאַרשנייטן פּאַרק און אַף דעם נאַכטיק־פֿאַרגליוּוערטן, זאַמדיקן ברעג פֿון ים. פֿול איז געוואָרן מיין בעבער ניט נאָר מיט ווייז און מיט ליכט, נאָר אויך מיט שווערע, ביטערע טראָפּענס. — טראַכט פֿאַר זיך בערמאַן און דערמאָנט זיך גלייך:

— אַט וואָרף איך זי אין שניי. אפֿשר, ווייל די נאַכט און דער שניי האָבן דערמאָנט און געמאָנט. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס איך האָב ניט פֿאַרגינען די געשעענע פֿאַרק און שניי איבעראַשונג צו אַ צווייטער — מיין גערטרודן — אַלע איבעראַשונגען! און ווען איך הויב זי צוריק אויף פֿון שניי, פֿרעגט זי מיט פֿאַרוואורף, פֿאַרשנדיק:

— פֿאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?...

— דער שניי און די נאַכט האָבן געשיכורט; האָבן געבעטן און גערופֿן:

— פֿרעס איין, פֿרעס איין דיין ליכט אין שניי!

— האָסטו דאָס ווען געטאָן צו אַ צווייטער?!

און מיין ליגן רעדט ווי אַן אמת און ענטפֿערט:

— ניין!

— אמת?!

— ניין. די לבנה, די נאַכט זיינען עדות! — איך פֿאַרטרינק דעם גיפֿט פֿון מיין ליגן מיט נאַכט־בלויקייט, מיט לבנה־ליכט און שנייווייסקייט... און זיי זיינען עדות.

— איך בין דיין איינציקע; דיין איין־און־איינציקע?! — לאַכט אויף מיין גליק.

— פֿאַר גאָט און פֿאַר דער וועלט — ענטפֿער איך מיט ריינעם, מיט אמתדיקן אמת.

— נעם מיך אַרום, נעם מיך אַף דיינע הענט! נעם מיך ניט. טו דאָס ניט. טו דאָס ניט. ניין! איך פֿיל זיך באַליידיקט ווען דו נעמסט מיך אַף די הענט. איך פֿיל — מיין גאַנצער שטאָלץ גייט פֿון דעם פֿאַרלאָרן, נאָר דו דערמאָנסט מיך, ווי מיין טאַטע פֿלעגט מיך, שוין אַלס דערוואַקסן קינד, אַ כאַפּ טאָן אַף די הענט און מיר ווערט אַזוי גוט פֿון דעם.

— מיין זיס האַרץ, מיין בערמאַן!

— בערמאַן, פילסטו ניט, אַז עס שמעקט שוין מיט פרילינג, מיט זומער אינדערלופט?
— יאָ, פרילינג און זומער שלאָגן שוין ווי מיט אייזערנע האַמערס אינדערלופט.
— לאָמיר גיין צום ים, בערמאַן. לאָמיר גיין צום ים. מיר וועלן זיך דאָרט באַהאַלטן אין זאַמד, מירן זיך דאָרט שפּילן אָף זיין ברעג.
— זאָג מיר נאָר, האָסטו קיינעם ניט, נאָר מיך אַזוי אַרומגענומען; האָסטו קיינעם ניט, נאָר מיך אַזוי אָף דיינע הענט געהאַלטן, קיינעם ניט אַזוי ווי מיך אין שניי געוואָרפן?
און איך באַהאַלט זיך אונטער דעם וואָרט „אַזוי", ווייל „אַזוי" האָב איך דאָך זיכער קיינמאָל קיין פרוי ניט באַרירט. און איך זאָג — ניין.
— האָסטו דאָס דען קיינמאָל צו זינאַן ניט געטאָן? זינאַ פלעגט דאָך צו דיר אַרויפקומען... זאָג דעם אמת. דעם אמתן אמת...
ווי אַ בייזע שלאַנג איז איר אייפערזוכט קעגן מיין פאַרליגנערטן פּנים און ווי גיפט איז איר כעס דערביי. — זי קוקט מיר גלייך אין די אויגן און זאָגט:
— דו ביסט אַ ליגנער!
ווי שווער און ביטער דאָס פאַלט אין פּנים... מענטשן האָבן זיך געבראָכן אין פּיינען, ביז זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אַזאַ ריין־גערייניקטן מענטשן, ווי זי. אין איר ליכטיקייט האָבן זייערע פּיינען אַ תיקון גע־קראָגן. און איך בין נאָך ניט גענוג גערייניגט, ניט דערריינקט. און אַ פרעמדער בין איך צו איר. ס'איז דאָך דאָ אַזוי פיל פרעמדקייט, אַזוי פיל אָפּלייקענונגען אין אָט־די אויסברוכן אירע. איבערהויפּט, אירע אויס־ברוכן פון אָט־דעם לעצטן אָוונט.
—דו ביסט אַ פויער, אַ ניטדערצויגענער, אַ גראָבער מענטש...
עס קלינגט:
— ווי וואַגסטו גאָר, דו נידעריקע באַשעפעניש! — שוסטער דו, צו דיינע לייסטן.
און ווער ווייסט פאַרט וואָס עס איז פאַרגעקומען צווישן איר מיט אָט־דעם גאַבריעלן... ער איז דאָך אַ דורכגעטריבענער יונג. אַ קינסטלער וועט אַרומפאָרן מיט דער יונגער קינסטלערין אָף דער וועלט.

שמ׳ען וועט איר נאָמען. זי וועט זיך נאָך אפשר דערמאָנען אַמאָל, ווי אַזוי זי האָט זיך, אין איר פריער יוגנט, געהאַט פאַרליבט אין אַ פּראָסטן אַרבעטער, אַ פויער. ווי אַזוי זי האָט געבראַכט איר שטאָלצן קאָפּ, איר קערפּער, אירע גרויסע ליכטיקע אויגן צו אים. ווי אַזוי זי האָט דאָרט ביי אים, דעם אָרימען, געטראָפן אַ מאָדנעם מזבח אין זיין הויז און געטראַכט, אַז ער איז לאָענגרין, איר לאָענגרין!...

אָבער אויסגעביטן האָט זי צום סוף דעם „כאַם" אַף גאַבריעלן. גאַבריעל איז אַ גרויסער קינסטלער. און זי האָט אויסגעביטן איר פויערישן לאָענגרין אַף קונסט.

אָבער, אָט־דער גאַבריעל מיט די גרויסע וואָסערדיקע אויגן!... — עי, דו, קאַץ, ווער האָט דיר צעדראַפּעט דיין האַלדז?!... איך וואָלט אַ כאַפּ געטאָן אָט־דעם צעדראַפּעטן האַלדז דיינעם אין מיינע הענט, ווי אין אייזערנע צוואַנגען!... נאָך אַ נס, וואָס דער טיש איז געווען צווישן מיר און אים. געדאַרפט אפשר אַ הויב טאָן אָט־דעם טיש און זיי אים אַלעמען אַ וואַרף טאָן אין די קעפּ אריין!...

ניט גוט אַזוי צו טראַכטן, — פּרוּווט זיך בערמאַן טראַכטן — ניט גוט. גוט, אַ? גוט. ווי אַלע זיינען דאָס דערשראָקן אויפגעשפּרונגען!

— סאַ פויער! קאָן זיך ניט האַלטן צווישן מענטשן.

ווער האָט דאָס געזאָגט? גערטרוד? איר מוטער? צי אפשר ביידע?

עפּעס האָט דאָס, דאַכט זיך, געקלונגען פון צוויי ערטער, פון צוויי? דאַכט זיך פון אַלעמענס מיילער, פון די ווענט, פון די פענצטער, פון דעם פאַלגדיקן געשיר. און אָט־דער זינאָס טויטלאַכער בלאָס ווערן, איר פלוצלינדיקער חלשן...

. . . און אָט־דער דאָזיקער מיטן שפּיי אַף מיין שוך!...

— אַנטשולדיקט. ס׳האָט זיך אַזוי געטראָפן... איך קאָן זיך ניט העלפן!

— באָלוואַן! וואָס קאָנסטו זיך ניט העלפן?!...

. . . וואָס טוט אינגאַנצן אָט־דער גאַבריעל צווישן אָט־דעם קרייז?...

אַך, יאָ — צעשמייכלט זיך בערמאַן — עס שטייט דאָך געשריבן, אַז די אידן האָבן גוט געוואוסט, אַז עס איז ניטאָ קיין אמתער ווערט איז דעם פאַרגעטערן די שטערן; זיי האָבן אָנגענומען דאָס געצנדינעריי נאָר

דערפאר, וואָס דאָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלאַכקייט פאַנאַדערלאָזן אָפּן זייער געשלעכטלאַכקייט...

יאָ, יאָ, אַ בונטאַר, אַ סאָציאַליסט...

אַ נעסט אַזאַ. אַ נעסט, נאָר פון אַ גאַנץ אַנדער פּאָראָדע נעסטן... איך — אַ נעסט; ער — אַ נעסט. גאַבריעל אויך אַ נעסט אַזאַ...

— מיין נעסט, מיין ווייסער פויגל — גערטרוד. זיין ועסט — אפשר אויך זיין ווייסער פויגל... ס'אַרא מאָדנער חלום באַנאַכט — דער־מאָנט ער זיך פּלוצלונג:

ווייסע געגנדן, גרינע גראָז, וואַסער, ווייסע געגנדן, בערעזענע בוימער, ווייסע שטאָמען, וואָס ווערן פון ווייסע געגנדז און געגנדז, וואָס ווערן פון ווייסע שטאָמען און אָט זיינען דאָס אי געגנדז, אי שטאָמען אין איין און דערזעלבער צייט.

ווי אַזוי געשעט דאָס?

נאָר אַזוי איז דאָס געשען.

און אָט הויבט זיך די ערד מיט איר גרינס, ווי אַ ווייך טייג אונטער זיין האַנט. ניין. די שאָטנס הויבן זיך אויף און ער טראָגט זיי מיט פרייד און מיט טרערן צו זיינע ליפּן. חלומות זיינען, ווייזט אויס, אויך פויגלען אַזוינע, וואָס הויבן זיך פרייער אויף, ווען מיר, זייערע נעסטן, מאַכן צו די אויגן.

דאָס היימישע שטעטל, ווי קומט דאָס צו אים גראָד איצט, אינמיטן דערינען... ווי אַ פויגל זיך, ווייזט אויס, פּלוצלונג אויפגעהויבן. און — דערמאָנט זיך בערמאַן — גערטרוד האָט אים גענומען אויסזען אין חלום ווי זיין שוועסטער און ער דערפילט, אַז דאָס מאַכט זי עפּעס מיטאַמאָל נעענטער. זי איז ניט נאָר ווי גערטרוד, זי איז אויך, ווי זיין שוועסטער. און... זי איז דאַכט זיך, טאַקע אַביסל ענלאַך.

און ווי זי האָט אַזוי טרייסטנדיק געזונגען... וואָס האָט זי געזונ־גען? עפּעס אַזאַ מאָדנע זאַך. וואָס איז דאָס געווען?

און בערמאַן שטריינגט זיך אָן און דערמאָנט זיך מיטאַמאָל קלאָר:

„קום—סט צו—ו—ריק פון אַ ווי—טן— לאַנד.

„קיינער וועט ניט וויסן, וואו דו האָסט געוואַנדט..."

און ער טראַכט: געוואַנדט, געוואַנדט — געוואַנדערט, מן הסתם.

און ער פרעגט:

— פֿאַרוואָס איז דאָס געוואָרן געוואַנדט? — און ער דערמאָנט זיך:

— דער טאַטע! דער טאַטע איז אויך געווען אין חלום. געזעסן איבער דער גמרא...

— טאַטע!

געדאַרפֿט ביי אים עפּעס פֿרעגן. אפשר וואָלט ער עפּעס געענטפֿערט. דער באַפֿרייטער פֿויגל, מיין חלום, וואָלט אפשר זיין תּיקון אין חלום געפֿונען און איך, דער נעסט, וואָלט נאָכדעם מיט אַ תּיקון אַרומגעגאַנגען.

— טאַטע, וואָס זיינען מענטשן?...

— מענטשן זיינען, וואָס זיי אָנען — דערהערט בערמאַן פֿון זיך פֿאַר זיך אַליין, דעם ענטפֿער פֿון זיין טאַטן. דער געדאַנק בלייבט ביי אים אַזוי ווי שטיין אַ ווייַלע און ווידערהאָלט זיך נאָכדעם אַליין אַ פּאָר מאָל:

„מענטשן זיינען, וואָס זיי אָנען...

„מענטשן זיינען, וואָס זיי אָנען..."

און דער געדאַנק גיט זיך מיטאַמאָל אַזוי אַ ברעך און ווערט מיט־אַמאָל אַזוי קלאָר און זיכער:

„מענטשן זיינען, וואָס זיי אָנען...

און זיי גרייכן, וואוהין זיי צילן."

בערמאַן כאַפּט זיך, אַז ער חלומט, דאַכט זיך, אַזוי אינמיטן ביי־טאָג און דערמאָנט זיך מיט אַ שמייכל, אַז צו די נביאים פֿון די אומות־העולם פֿלעגט זיך גאָט באַווייזן נאָר באַנאַכט, אָבער צו די אידישע אויך באַטאָג. און ער דערמאָנט זיך פּלוצלונג נאָר, אַז ער האָט באַדאַרפֿט פֿונדעסטוועגן פֿריער צופֿאָרן צו דעם שליאַפּניקאָוון, כדי צו זען, ווי עס זעט אויס אַזאַ גוי, וואָס האָט איינעם מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע אי־דייען, זיך גענומען צו לייענען דעם תּהלים. צו זען, אַ גוי, וואָס זאָגט צו אַ אידן:

— לייענסטו ניט דעם תּהלים? אַ רחמנות, ברודער.

כדאי צו זען דעם בליק פֿון אַזאַ מענטשנס אויגן, הערן דעם פּלאַ־טער פֿון זיין קול. עס קומען דאָך געוויס פּאָר אַנדערשוגגען אַזוינע אין אַזאַ מענטשן... און אָט־דער פֿאַרשאָלטענער בערנשטיין מיט דער פֿעטער וייב זיינער. „אסור, אויב איך בין מקנא אָט־דעם דייטשישן

סאָציאַליסט זינגערס ווייב". זי פאַרשטייט, אַז אויב עס איז דאָ אַ קאַפּיטאַליסט־סאָציאַליסט, מסתם האָט ער דאָך געוויס אַ ווייב. און אויב ער האָט אַ ווייב — איז זי, לויט איר מיינונג, אַ פעטע און זיפּצט, מן הסתם, אויך פון דעם מאַנס אומדערהערטע, קאַפּיטאַליסטישע טואונגען.

— אַט־דער קאַפּיטאַליסט־זינגער האָט פאַר זיי, ווייזט אויס, אַלע־מען געשאַפן אַ הכשר, פאַר אונזער רעדאַקטאָר, ווייזט אויס, אויך.

אויסראָטן דאַרף מען דאָס מיטן וואָרצל! דאָס איז אַיינפאַכער פאַרראַט! מען דאַרף דערפאַר צושטעלן צום שאַנד־קלאָץ.

— חברים, ברידער אַרבעטער, מען האָט אייך פאַרראַטן! מען האָט אייך פאַרראַטן אין סאַמע האַרץ אייערן. אייער איינציק שטיקל אַר־בעטער־צייטונג, אייער „ליכט", וואָס איז פון אייך געשאַפן געוואָרן דורך אַזוי פיל מי און פּיין, ליגט אין די הענט פון אַ מענטשן, וואָס חברט זיך, וואָס קושט זיך, הינטער אייער רוקן, מיט די פאַרדאַמסטע קאַפּיטאַליסטן. מיט מענטשן, וואָס שטעלן אַן גענגסטער־באַנדעס אַף צעשפּאַלטן אייערע קעפּ. — ווען איר קומט בעטן אַ בעסערן פּרייז פאַר אייער לוין. אייזלען זענט איר. טוט מען מיט אייך, וואָס מען וויל. איר זענט פאַרדאָרבן ביזן ביין. די גאַנצע מאַכט אין דער וועלט געהערט צו אייך, נאָר מען נעמט זי ביי אייך צו, ווי ביי קליינע קינדער. גיט מען אייך אַ פּאָר קלעפּ דערשרעקט איר זיך און ווייזט מען אייך אַ קאָנטראַקטל, זענט איר גרייט צו פאַרראַטן איינער דעם צווייטן. און מיט אייך און דורך אייך האָב איך געוואָלט העלפן אויפשטעלן די גרויסע מענטשלאַכע פאַרברידערונג!

דאָס איז, אפשר, אַלץ דערפאַר, וואָס מיר זיינען אַ פאָלק אַזאַ. מיין טאַטע האָט שטאַרק געגלויבט אין דער הייליקייט פון אַט־דעם פאָלק. אַט, ווי איך, דער אידיאָט, גלויב שטאַרק אין דער הייליקייט פון גערט־רודן — גיט פּלוצלונג מיטאַמאָל אַ ברען־אויף אין בערמאַנען — ווער ווייסט זי? ווער ווייסט וויפיל און וואָסערע דערפאַרונגען זי האָט שוין געהאַט ביז מיר. און וויפיל אַנדערע געליבטע זי האָט נאָך אפשר איצט? און טאַקע, אפשר, דעם גאַבריעלן אויך. אַ מאָלע וואָס זי האָט אים דאָרט צעדראַפּעט? איך, דער נאַר, בין אפשר ביי איר בלויז אַ קאַפּריז אַזאַ, ביי איר, דער צעבאַלעוועטער קינסטלעריןן. אַ מאָלע וואָס אַזאַ מיידל קאָן איינפאַלן. „אַט זאָל זיך אַ פאַנטאַזיאָר, אַן אַרבעטער

מיט אויסגעריבענע ארבל אויך וואַלגערן אונטער אירע פיס". זי לאַכט מיר. מן הסתם, גלייך אין פנים אריין און איך, דער אייזל, בין אַזוי פאַרבלענדט, אַז איך זע דאָס גאָרניט.

ריינקייט ווילט זיך מיר, הייליקייט. דער טאַטע האָט נאָך כאָטש געגלויבט אין די אַלטע מיסטעריען פון זיין פאָלק און איך, דער אידיאָט, נעם שוין עפּעס אויך פּלוידערן פון מיסטעריעס. סוכות נו, יאָ, אַ מיס־טעריע אַזאַ. אַנדערש גייט דאָס ניט. איך בין דאָך עפּעס אַ זון פון מיין פאָלק. מוז דאָס פאָלק, הייסט דאָס, האָבן הייליקייטן. וואָס פאַר אַ הייליקייט איז דאָ אין אָט־דעם צעפרעסענעם פאָלק? צוליב וואָס לעבט דאָס איצט אָט־דאָס פאָלק? צוליב אַרויסצוגעבן בלוט־דורשטיקע קאַפּיטאַליסטן און נישטיקע אַרבעטער? טויגעניכצן! ווער דאַרף איצט אָט־דאָס גאַנצע אידישע פאָלק?! צוליב וואָס לעבט דאָס גאָר אינגאַנצן אַף דער וועלט? פּאַראַזיטן! און איך? וואָס בין איך? איך בין דען איך? איך בין דאָך נאָך אַלץ ווי דער שאָטן פון מיין טאַטן. איך מיין אַלץ, אַז איך אַנטלויף פון אים, ערשט איך לויף אים גאָר נאָך... איך בין ווי דער טאַטע, ווי דאָס גאַנצע נישטיקע פאָלק. כאָטש נעם און ווער פאַרברענט פאַר שאַנדע, כאָטש נעם און זיי זיך מקריב פאַר אַ קרבן פאַר זיי, כדי אויסצוקויפן זייער נישטיקייט.

מענטשן, וואָס קאָנען זיך ניט אָרגאַניזירן. ניט צוליב זיך און ניט צוליב דער וועלט. ניט אפילו ווען מען נעמט ביי זיי אַוועק דעם ביסן ברויט פון מויל. גוט נאָך, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אָפּ־צוזאָגן די אַרבעטער אַלץ, וואָס דאָס הארץ האָט געגלוסט, פאַר מיין אָפּפאָרן. אפשר וועלן זיי אין זייער פאַרביטערונג עפּעס טאָן.

אהאַ, ווי זיי זיינען אויפגערעגט געוואָרן... „פאַרראַט! מען דאַרף אים אַרויסוואַרפן פון דער צייטונג! אויסברעכן די פענצטער! חברט זיך מיט די לומפּן, מיט די בלוטזויגערס אונזערע". און נאָך דעם האָט דאָך נאָך ערשט די מיס פעלדמאַן גענומען דאָס וואָרט...

אָבער צו וואָס, איבערהויפּט, אָט־דער גאַנצער טראַכטן! גענוג, גענוג. זאָל שוין זיין, וואָס עס וויל. אוודאי ווילט זיך ניט אייביק זיין „דעם מגידס אינגל", אַ. ווי עס ווילט זיך ניט — זיפצט בערמאַן אַף שווער און באַשטימט — איך בין דאָס ניט און וועל דאָס ניט זיין.

קאַפּיטל זיבן

ווי ערדן זיינען פאַרשיידן! — גנעמט בערמאַן טראַכטן, זיך מיטאַמאָל אומקוקנדיק אַף דער פּרערי, ווי וועלנדיק דורך דעם זיך באַפרייען פון די אַנגעלאָפּענע, אויפרעגנדיקע גדאַנקען. — די פּרערי דאַ, זעט דאָך אוים געווים, ווי אַלע ניט־באַוואוינטע, ווילדע סטעפּעס אין ערשטן אָנהויב פון פרילינג. די רוסישע סטעפּעס ליגן, פונדעסטוועגן, פּאַרט אַנדערש. עפּעס אַזאַ שווערער ערנסט ליגט אַף זיי, אַזוי ווי זיי וואָלטן נעטראָגן אַ שווערע משא אַף זייער געקנאָכטער רונדיקער ברייטקייט. און די דאָ ליגן זיך עפּעס אַזוי לייכט, אַזוי גלייכגילטיק, פאַרשמייכלט. — גיי דיר וויפיל דיין האַרץ געלוסט. גיי ניט, גיי, זעץ זיך בעסער אַוועק אַף אַ מייל־צייכן, אויב דו ווילסט. צי זיך אוים אַט־דאָ אינמיטן פון דער פּרערי, מאַך צו די אויגן און הויב זיך קיינמאָל ניט אויף, אויב דו ווילסט. אונזערע ווילד־פלאַנצען וועלן דיר אפשר אַ קיצל־טאָן אין די פּיאַטעס אינמיטן פון זייער וואַקסן, אינמיטן פון זייער ווילדן רייסן זיך אַרויף. און בערמאַנען פאַלט איין, אַז אינמיטן זומער דאַרף זיך נעווים אַט־דאָס גאַנצע ווילד־לאַנד אַ הויב טאָן מיט זיינע צעבליטע ווילד־געוויקסן אַסאַך העכער פון אַ מענטשלאַכער גרוים. איצט אָבער קאָן נאָך אַ מענטש קוקן איבער דער גאַנצער קוים־פאַרגרינטער גרוים. אָן אומענדלאַכקייט אַ צעשפּרייטע. און אָט — פויגל. שווערע מחנות פויגל פליען אָן איינע נאָך די אַנדערע. מחנות פויגל, שרייבן אוים האַלב־רונדע, גלייכע און געבראָכענע פיגורן אַפן הימל. דאָס זיינען פויגל, וואָס ציען ערשט אין לאַנד אריין. זיי קומען אָן פון דעם וויטן, בלויען רוים, וואָס הויך איבער דער פּרערי, ווי זיי וואָלטן עוגעץ אין דער הויכער, דינער לופט — פון דער לופט געמאַכט געוואָרן. לכתחילה באַווייזן זיך דאָרט בלויז קליינינקע, שוואַרצינקע פּינטעלאַך. אָט־די פּינטעלאַך ווערן, פליענדיק, אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז זיי ווערן אַזוי איניינעם מיטן פליען פאַרוואַנדלט אין פוינלען, וואָס פליען און באַדן זיך אין דער

יונגער פרילינג־לופט. גיבן זיך פון מאָל צו מאָל אַ שיט־אוים אַף דער קוים־פאַרגרינטער ברייטער ערד; נעמען איבער איר ארומנישטערן, הויבן פון מאָל צו מאָל אויף זייערע שטאָלצע, אַנגעשטעלטע קעפּעלאַך, קוקן זיך אום, אהער אהין, שטאָלץ און שטיל. טאָמער לאָזט שוין ווען־ניט־ווען אַ פויגל יאַ ארויס אַ קלאַנג, איז דאָס ניט קיין געזאַנג, נאָר אַ שאַרפער פּישטש פון אַ פויגל, וואָס ווייסט, אַז פויגל דאַרפן זינגען, נאָר ער איז שטום. שטאָלץ און שטום זיינען אָט־די אַלע פויגלען און דער וועג ציט זיך אַלץ פאַר די אויגן. ציט זיך, ווי אַ פאַנאַנדערגעקאַטשעטער לייוונט, וואָס האַלט זיך נאָך אַלץ אין קאַטשען. גיסטו דאָ אַ טראָט מיטן פוס, גיט זיך דאָרט אַלץ ווייטער אַ קאַטשע דער וועג אַהין אין דער בלוי־קייט, וואָס טרעט אַלץ אָפּ מיט יעדן טראָט, וואָס בערמאַן מאַכט. די בלויקייט טרעט אָפּ פאַר דיר פון פאָרנט און גייט נאָך דיר נאָך פון הינטן. ביסט אַליין. אַ מענטש אין אַ גרויסן רינג פון בלויקייט. גייסטו און די רונד־ארומיקע בלויקייט גייט־מיט מיט דיר. ציילט דיר, נעהיט, צו דיין יעדן טראָט.

— וואוהין גייען מיר, בלויקייט? וואָס איז פאַר דיר און וואָס איז הינטער דיר? פּרערי פאַר דיר; פּרערי הינטער דיר.

און ווידער קומט בערמאַנען אוים אַז אַלץ, וואָס איז אין לאַנד ערגעץ אויפגעבויט, ווערט ממש אָפּגעווישט פון אָט־דעם שרעקלאַכן באַגריף פון היגער פּרערי־גרוים. און ניי טראַכט, אַז דאָס לאַנד פון די אַכט און פערציק שטערן, דאָס לאַנד, וואָס איז אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, האָט אַזוינע גרויסע פּרעריס, וואו ניט נאָר קאָן זיך אַ מענטש פאַרלירן, ווי אַ קליין פּינטעלע פון אַ פאַרשוואונדענעם פויגל אין הימל, נאָר דו הויבסט אָן גלויבן, אַז אַלע אַמעריקאַנער שטעט קאָנען דאָ, דאַכט זיך, אַזוי פאַרלוירן ווערן. אָט־דאָ אַף דער פּרערי ווערט כמעט אומעגלאַך צו גלויבן, אַז עס זיינען גאָר אין אַמעריקע טאַקע אַף דער אמת פאַראַן שווער־אָנגעפּאַקטע שטעט.

לאַנג איז בערמאַן אַזוי געגאַנגען. דער וועג און דער גרויסער רינג פון בלויקייט איבער דער פּרערי האָבן אָנגעהויבן דערעסן, רייצן און שרעקן. די זון אין הימל האָט גענומען אויסזען ווי אַ נאַרישער שומר, וואָס קוקט אומדערטרעגלאַך נאָך אַ מענטשן, וואָס איז פאַרפּלאָנטערט אין אַ רינג פון בלויקייט, ווי אַ נאַרישער שומר, וואָס איז צו דיר צר־

געשטעלט געוואָרן און לאָזט ניט אָפּ און גייט דיר, אַזוי דערעסן, נאָ־ריש נאָך, איבער די פּוסטע, ווילדע פּלאַכן.

נאָר אָט האָט זיך די הויכע, ווייסע זון אַזוי ווי איבערגעבעטן. זי האָט גענומען ווערן נעענטער, געלער, געטרייער און גרעסער. האָט זיך גענומען גליטשן אַף איין האַלבער זייט פון הימל. און, ווי בערמאַן האָט אַזוי גענומען קוקן צו דער וואַרים־פאַרביקער, אַפּגענייגטער זון, האָט ער דערזען, ווי דער וועג גיט זיך דאָרט אַרויף אַ שפּאַלט־אָפּ. ווען בער־מאַן איז אַהין צוגעקומען, האָט ער דערזען, אַז דער אָפּגעשפּאָלטענער פּאַס וועג לויפט פון אים אַוועק ערגעץ אין אַ זייט, צו דער זייט פון דער זון.

— אַהין — באַשליסט בערמאַן — דאַרף מען גיין. דאָרטן דאַרף זיין היימלאַכער... — ער בלייבט שטיין; קוקט זיך אום אַ ווײַלע אַף צוריק. ניטאָ קיין שטאָט. ניטאָ קיין שטעטל. ניט צו זען אפילו אַ הויז אַף מיילן און מיילן, נאָר ווילדע שטיינער און שטיינדלאַך גרויען זיך פון אַלטן געל און יונגן גרין אַרום און אָפּט אויך אַ ווייסער פּלעק — אַ שטיק שניי, צי אַ שטיין אַ ווייסער...

דער וועג האָט זיך אויך פריער עטלאַכע מאָל אָפּגעשפּאָלטן, אָבער בערמאַנען האָט זיך ביי די פריערדיקע מאָל אַלץ געטראַכט, אַז עס איז נאָך ניט ווייט גענוג. איצט אָבער האָט זיך דער וועג פון ווייטקייט ביז ווייטקייט געצויגן. דער מאַן, וואָס האָט אים אָנגעשפּיגן דעם ברוינעם זאַפּט אַף זיין שוך איז, דאַכט זיך, איצט שוין גאָר אפילו אַף דער וועלט ניטאָ. און גאַבריעל איז ניטאָ און גערטרוד איז ניטאָ און קיינער איז ניטאָ. אַ פרעמדער, אַ נייער, אַ ריינער איז ער איצט, וועט ער זיך לאָזן אַף דעם אָפּגעשפּאָלטענעם וועג. יאָ, דער וועג פירט ערגעץ...

און בערמאַן איז אַוועק אַף דעם אָפּגעשפּאָלטענעם וועג איינענעם מיט דער זון. ער האָט זיך געפּרוואווט צונויפנעמען מיט די געדאַנקען: טראַכטן, ווי אַזוי די מענטשן, וואָס געפינען זיך ערגעץ אַף דעם וועג, וועלן אים אויפנעמען. ווי אַזוי ער וועט, שמייכלענדיק און פריידיק זיי דערקלערן, אַז ער וויל מיט זיי וואוינען און אַרבעטן. ער וויל זיך פאַרברידערן מיט זיי. ער וויל, מיט דער צייט, דאָ ערגעץ ניט ווייט פון זיי, נעמען פאַר זיך אַ "האָמסטעד". ער וועט מיט דער צייט זיך דאָ, לעבנדיק אַליין אַף אַ „האָמסטעד", אויסלערנען צו לעבן דאָס לעבן פון אַ נזיר. אפשר

וועט מיר מיט דער צייט זיך דאָ נאָך איינגעבן צו דערגרייכן דעם גע־מיט־צושטאַנד פון יענעם מאָנאַך, וואָס איך האָב אַלס אינגל געזען גיין אַ ליכטיקן, אַ פריידיקן מיט באָרוועסע, ריינע פיס איבער שנייאיקע פעלדער...

אַט־דער אָפּגעשפּאָלטענער וועג האָט זיך אָפּן וועג אַלץ אַף דאָס ניי געשפּאָלטן אַף רעכטס און אַף לינקס. און כאָטש בערמאַן איז שוין געווען גוט הונגעריק און געפילט אַ טרוקנקייט אין מויל און אַף די ליפּן, האָט ער פאַר זיך אַלץ געקליבן די אָפּגעשפּאָלטענע טיילן, וואָס האָבן זיך געצויגן מיט דער זון און דערביי געטראַכט: איך, דער אַנטלאָפענער בערמאַן, גיי אַליין איצט אין אַ פרעמדן, מיר אומבאַקאַנטן לאַנד, אַף פרעמדע, מיר אומבאַקאַנטע, וועגן איינינעם מיט דער זון. אינאיינעם מיט אַט־דער גרויסער, גאָלדענער זון.

גליק און פרידן צו אייך, מענטשן, באַוואוינער פון אַט־די ווייטע וואונדערלאַכע סטעפּן, גליק און פרידן!

די זון ווערט אַלץ גאָלדענער און גרעסער. דער וועג אונטער די פיס איז ווייך און שווער. ער איז מיד. נאָר מיטאַמאָל גיט אַ שלאָג אַ פלאַם פאַר די אויגן. ער גיט אַ הויב דעם קאָפּ און דערזעט פאַר זיך אַ הויז אין פלאַמען, אינמיטן דער ליידיקער פּרעריי, לעבן אַ בערגל, צווישן אַ פלאַנטער פון בוימער, שטייט אַן אָנגעצונדן הייזל. דאָס ברענענדיקע הייזל מיט די בוימער, האָבן זיך מיטאַמאָל און אַזוי פּלוצלונג, בערגל־דיק אַ הויב געטאָן פאַר די אויגן און גענומען פאַרבן און צינדן די לופט אַרום זיך. און מאָדנע. — דאָס הייזל ברענט, זעצט מיט פלאַמען, נאָר עס ברענען ניט די בוימער אַרום דעם. אין דער רויטער לופט שטייען די צעצווייגטע בוימער, שוין פאַרברענטע. זיי שטייען ריטלדיק און שוואַרץ. זיי שטייען, ווי אויסגעפרעסט פון אייזן. די שטאַמען, די צווייגן — אָפּגעקילטער, שוואַרצער אייזן, און צווישן זיי אַ ווייס־הייזל, וואָס ברענט מיט רויטע פלאַמען. די פלאַמען זעצן פון די פענצטער אַרויס.

ווי אַזוי האָט זיך דאָ אינמיטן דערינען באַוויזן אַ הייזל, אינמיטן פון אַט־דער גרויסער ווייט? ווער האָט דאָס דאָ אונטערגעצונדן אַט־דאָס הייזל? פאַרוואָס ברענט דאָ צווישן די שוואַרצע בוימער און ווערט ניט פאַרברענט? אפשר איז דאָס גאָר אַ "פאַטאַ מאָרגאַנאַ?" איך בין דענערווירט. איך בין מיד און איך בין הונגעריק און עס נעמען

מיר זיך װײַזן זעאונגען פֿאַר די אױגן. װער װעט דאָ אױפֿשטעלן אַ װײַס הײזל? װער װעט עס דאָ אונטערצינדן?

אָבער דאָס איז ניט געװען קײן זעאונג און ניט קײן פֿײַער. דאָס האָט בערמאַן, אין דעם זוניקן פֿאַרנאַכט, דערזען דאָס ערשטע פֿאַרם-הײזל אַף דער פּרערי. אַ פֿרײד האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן:

— דאָס איז די הײם פֿון דער זון. — די זון װאױנט דאָ, — האָט ער גענומען טראַכטן מיט פֿרײד — און אײַזערנע בײמער װאַקסן דאָ פֿון דער ערד אַרום דעם װײַסן הײזל, װײַל די זון װאױנט אין דעם.

אַ פֿאַרגאַפֿטער און אַ פֿאַרבלענדטער האָט ער זיך געלאָזן צו דעם הײזל, געקוקט אַף די זון-פֿלאַמען, װאָס האָבן אָן אױפֿהער געשלאָגן פֿון די פֿענצטער און געטראַכט:

מענטשן האָבן זיך אײַנגערעדט און זיך אָנגעדערצײלט מעשׂות פֿון יענער װעלט. דער שענסטער חלום פֿון יענער װעלט, קאָן זיך דאַך צו אַזאַ װירקלאַכער דער-װעלטיקער שײנקײט ניט פֿאַרגלײַכן. מיר טרעטן איבער אַ װעלט, װאָס איז פֿול מיט אומענדלאַכע װאונדער און יעדער טראָט אונזערער איז װאונדער, יעדער בליק אונזערער איז װאונדער; מעשׂות און װאונדער אָן אַ שיעור. װאונדערלאַכע באַשעפֿענישן זײַנען די מענטשן, אױסגעטרױמטע, נאָך-ניט דערטרױמטע, מעשׂהדיקע העלדן זײַנען די מענטשן.

מיר, מיט אונזערע גוטע און שלעכטע קאַפּריזן. מיר, מיט אונזערע מעלות און חסרונות, מיט אונזערע פֿעלדער, מיט אונזערע שטעט, מיט אונזערע װעגן, גאַסן און געבײדן. מיר זײַנען — מעשׂה. אָט זעט דאָס פֿײַער, װאָס װאַקסט און צעװאַקסט זיך דאָרט צװישן בײמער. עס שלאָגט פֿון דאָרט, װי פֿון אַ קאַלך-אױװן. אָבער דאָס איז ניט קײן קאַלך-אױװן. דאָס איז אַ הױז אַזאַ, אַ מענטשלאַך הױז. דאָס צעגליטע בלענדיקע ליכט פֿון דער זון טעמפּט אָפּ אַלע אַנדערע פֿאַרבן און לאָזט בלױז איבער איר אײגענע רױטקײט און אַן אַנטקעגנגעזעצטע שװאַרצקײט. דאָרטן װאױנען גוטע, האָרעפּאַשנע מענטשן. זײ האָבן די בײמער אפשר אַלײן געפֿלאַנצט, כּדי צו באַשיצן זײער הױז, װינטער פֿון די קעלטן און זומער פֿון די היצן. דאָס אָרט איז הײליק און הײליק זײַנען די באַװאױנער פֿון דעם אָרט. מען װאָלט געדאַרפֿט אַראָפּנעמען די שיך, אײדער מען קומט אַהין. און אָט:

— דאָס בילן פון אַ הונט!

— געבענטשט זאָל אויך אָט־דאָס בילן זיין. אויך דאָס הינטישע בילן איז אַ וואונדער. און אָט דערהערן שוין די אויערן אויך הויכע, מענטש־לאַכע געשרייען.

וואונדער איבער וואונדער!...

פּלוצלונג אָבער — אַ שרעקלאַך שאַרפער, דונערדיקער אויסגעשריי:

— העי, „דער"!!! שטעל זיך אָפּ דאָרט! וואָס, צום טייוול, ווילסטו דאָ האָבן?!

בערמאַנען איז ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס זאָל מען אים מיינען. דער־צו זיינען אים די אויגן געווען פאַרבלענדט פון דעם צעגליטן זון־ליכט. רויטע, געלע און בלויע ליכט־פלעקן האָבן זיך גענומען רייסן, געבוירן ווערן און פליסיק שוועבן פאַר זיינע אויגן... ער האָט גענומען גיין איינ־געהאַלטן און זיך אָנגעשטערנגט צו זען דעם, וואָס שרייט.

— העי, דו, טייוול — — — איך שים!... — האָט יענער אויס־געשריען. און גלייך דערויף האָט זיך טאַקע דערהערט אַ שאָס, וואָס האָט זיך גאַנץ ניבטער אַ טראָג געטאָן איבער בערמאַנס קאָפּ.

בערמאַן איז געבליבן שטיין אַן אויסגעניכטערטער. האָט פאַר זיך גלייך דערזען אַ מענטשן, מיט אַ רויכערדיקער ביקס פאַרוואָרפן, אַף אַ פּאַרקאַן. דער מענטש האָט צו אים קלאָר און שאַרף אויסגעשריען:

— אויב דו מאַכסט נאָך איין טראָט, שים איך גלייך אין דיר!

— פאַרוואָס?! — האָט בערמאַן אויסגעשריען אַ פאַרציטערטער, קוקנדיק צו דעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ פופציק פוס ווייט פון אים.

— מיר ווילן דאָ ניט קיין טרעמפּס! — האָט אים יענער געענטפערט.

— איך בין ניט קיין טרעמפּ. איך זוך אַרבעט. איך וויל אַרבעטן.

— ווער, צום טייוול, האַרף דיך דאָ, דו פאַרדאַמטער טרעמפּ!

דערביי איז אַ פרוי אַרויס פון הויז, טראָגנדיק עפּעס אין האַנט און, צוקומענדיק צום פּאַרקאַן, וואו דער מאַן מיט דער ביקס איז גע־שטאַנען, האָט זי האַסטיק אַ שליידער געטאָן צו בערמאַנען דאָס, וואָס זי האָט געטראָגן און אויסגעשריען:

—דאָ האָסטו דיר אַ שטיק ברויט, אויב דו ביסט הונגעריק.

דאָס שטיק ברויט האָט זיך אַ קאַטשע געטאָן אָן דער שמוציקער ערד און איז געבליבן ליגן פאַר בערמאַנס פיס.

בערמאַן איז געבליבן שטיין אַ פלוצלונג־אויסגעשעפּטער, אַ באַליי־דיקטער און אַף טויט אַ צעשראָקענער. דערפילט מיט פלוצלונגדיקן גליווער די האָר אַף זיין קאָפּ. ער האָט גאָרניט געטראַכט פון דעם שטיק ברויט לעבן אים. אַ צעטומלטער, אַ נידערגעשלאָגענער האָט ער זיך גענומען בעטן:

— גוטע מענטשן... איך...

ווייטער רעדן האָט ער שוין אָבער ניט געקאָנט. דער מאַן דאָרט אַנטקעגן, לעבן פאַרקאָן מיטן ביקס אין האַנט, איז אַריין אין ווילדן צאָרן פון דעם, וואָס בערמאַן האָט געלאָזן ליגן דאָס שטיק ברויט אַף דער ערד, און ער איז מיט כעס אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און מיט דער אָנגעשטעלטער ביקס אין די הענט, זיך געלאָזט גיין גלייך אַף בערמאַנען, שרייענדיק:

— הויב אויף דיינע הענט! אויף די הענט!!!

בערמאַן האָט אַף גיך אויפגעהויבן זיינע הענט אין דער לופטן. דער מאַן, מיט דער אָנגעשטעלטער ביקס אין די הענט, איז געגאַנגען ביז ער איז צו אים צוגעגאַנגען, ביז ער האָט האַרט אָנגעשטעלט דאָס אייזערנע מויל פון דער ביקס אַף בערמאַנס ברוסט און, מיט אַ פאַרבי־סענעם, גיפטיקן כעס, גענומען שרייען:

— פאַרוואָס האָסטו ניט אויפגעהויבן דאָס שטיק ברויט! פאַרוואָס האָסטו דאָס געלאָזט ליגן אַף דער ערד, דו פאַרפוילטער טרעמפּ! פאַר־וואָס האָסטו באַליידיקט גאָטס ברויט? !...

און גלייך אַף דעם, האָט דער מאַן אויפגעהויבן זיין פוס און מיט איר דערלאַנגט בערמאַנען אַ זעץ אין בויך. בערמאַן איז פון דעם זעץ אַ פאַל געטאָן צו דער ערד אַ צענויפגעדרייטער, ווי אַ בייגל.

און דער פויער האָט נאָך אַלץ ניט אָפּגעלאָזט. געקלאַפּט מיט די פיס, ווי נאָר ער האָט געטראָפן. געהאַלטן מיטביידע הענט אָנגעשטעלט די ביקס איבער אים און געטריבן:

— שוין זאָלסטו אוועק פון דאַנען. די מינוט. ווען ניט — שיס איך. דיין געבזין זאָל זיך דאָ ניט געפינען, דו, הינטעשע פעל! ברויט וועסטו

זיך לאָזן וואַלגערן אין שמוץ. קיין גאָט אין האַרצן ניטאָ. באַוועג זיך שנעלער. ווען ניט — דערשיס איך דיך דאָ באַלד, ווי אַ הונט.

בערמאַן האָט אונטער די קלעפּ, אונטער דער ביקס און אונטער זידלערייען זיך גענומען קריכן אַף אַלע פיר און ערשט, ווען די שאַר־פע וויטיקן, וואָס ער האָט געקראָגן אין בויך פֿון דעם ערשטן זעץ, האָבן אים אַביסל אָפּגעלאָזט, האָט ער זיך געשטאַרקט, זיך צענויפֿגענומען מיט כחות, זיך אויפֿגעהויבן און גענומען גיין, לויפֿן, וואוהין נאָר די אויגן האָבן געטראָגן.

קאַפּיטל אַכט

ווי לאַנג בערמאַן איז אַזוי געגאַנגען, צי געקראָכן, האָט ער נישט געוואוסט. געקומען צו זיך איז ער ערשט, ווען עס איז שוין געווען נאַכט. אַ שווערע, שוואַרצע, סוף־חודש נאַכט האָט, ווי אַ ים אַ שוואַרצער, פאַרטרונקען די גאַנצע פּרערי. בערמאַן האָט זיך אַזוי ווי ניט גלויבנדיק אומגעקוקט אַרום זיך. שוואַרץ. אָט, ווי ער וואָלט געלעגן אַפן דעק פון אַ ים, אַ לופטיקן ים. אַ קאַלטן. פאַר אַ ווײַלע האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט גאָרניט געווען קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ שוואַרצע חיה אַזאַ, וואָס איז, ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד. און ער האָט געגומען פילן, אַז ער האָט איצט אַזוינע אָנגעצונדענע, חיהשע פאַספאַר־אויגן, וואָס גליען צעברענטע אין דער נאַכט.

די נאַכט גייט אַריבער מיט שוואַרצקייט ווי אַן איבערגעפילטע שיסל אַ גרויסע, און אָט גיט זיך די גאַנצע פּרערי אַ הויב, וואַקסט און ווערט אַ שפּיציקער באַרג און ער איז אַף דעם סאַמע שפּיץ אַן איינגעוואַקסענער, ווי אַ פלאַנץ, וואָס בויגט זיך פון ווינט.

ניין. ער איז ניט ווי קיין פלאַנץ. ער איז, ווי אַ חיה, ווי אַ וואָלף, ווי אַ ציג, ווי אַ שעיר לעזאזל. באַלד, אָבער גלייכט זיך די פּרערי אוים און ווערט, ווי אַ פּרערי דאַרף זיין אין דער נאַכט. די פינצטערניש און די קעלט טורעמען זיך אויף און צעשיטן זיך, ווי אַ שוואַרצער און ווי אַ גרוילאַכער מאַן פאַר די אויגן. און אָט ווערט אַלץ קלאָר:

ער איז בערמאַן. ער איז אַליין אַף אַ פלאַכער, קאַלטער פּרערי. ער איז אַליין אין אַ ליידיקער נאַכט, אין אַ ליידיקער פּרערי. נאָר אָט דערהערן זיך קוויטשענדיקע, גרילצנדיקע געשרייען פון ווילדע פּרערי־הינטלאַך. די געשרייען דערפרייען פאַר אַ רגע; באַלד אָבער נעמען זיך די קוויטשענדיקע געשרייען איינעסן, זיי גרייכן ביז צו דעם צערודערטן מאַרך זיינעם, הייגגען זיך אַן אים אַן, ווי פּיאַווקעס, וואָס נעמען זויגן דעם מאַרך פון די ביינער.

די נאַכט איז שוואַרץ און גרויליגדיק גרויס. בערמאַן האָט ניט גע־וואוסט, וואו רעכטס און וואו לינקס איז.

אין וועלכער זייט גיין? אין וועלכער זייט זיך באַוועגן?

די פרערי־הינטלאַך האָבן געגומען וויינען, ווי שרעקלאַך־באַליידיקטע קינדער. געוויינט, ממש מיט פאַרקלעמטע קינדערשע הערצלאַך. ווי פאַר־לאָזטע קינדער, האָבן ווילדע פרערי־הינטלאַך געוויינט און געשריען אין דער נאַכט:

— ווער האָט זיי ווייגעטאָן?

זיי וויינען ווי פאַרשאָלטענע! זיי רייסן דאָס האַרץ און דעם מאַרך פון קאָפּ. זיי וויינען, ווי זיי וואָלטן צו אימיצן טענות געהאַט. זיי לייגן איין די וועלט מיט זייערע געשרייען. וואָס האָבן זיי צו מיר? וואָס ווילן זיי פון מיר?

און בערמאַן האָט לייגגער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און האָט זיך צעוויינט אייגנעם מיט די וויינענדיקע פרערי־הינטלאַך. לאַנג און שטיל האָט ער אַזוי אַ ליגנדיקער געוויינט מיט טרערן, וואָס האָבן געבריט. נעקוקט אַזוי אין דער פינצטערניש, געהערט זייערע צודרינגלאַכע געשרייען און מיטאַמאָל האָט זיך, קעגן זיין ווילן, צעעפנט זיין מויל און זיין האַלדז און ער האָט גענומען וואָיען, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע, ווי אַ ווילד־חיות וואָיעט אין דער נאַכט...

— פאַרוואָס, פאַרוואָס??

אַלץ איז, דאַכט זיך, מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. די גאַנצע פרערי האָט זיך איינגעשטילט און גענומען זיך צוהערן צו דעם וואָיען פון אַט־דער ווילד־פרעמדער חיה, וואָס האָט זיך באַוויזן דאָ אױף דער פרערי אין דער נאַכט.

די אַרומיקע פּלוצלונדיקע שטילקייט איז געוואָרן העכער פון זיין וואָיענדיקן געשריי און האָט גענומען שרעקן. דער שרעק האָט גענומען, באַרואיקנדיק ווירקן אױף בערמאַנען. ער איז געוואָרן שטיל. זיך נאָכדעם אויפגעהויבן פון דער ערד און דורך פאַרטרערטע, וויינענדיקע אויגן, גענומען קוקן פאַר זיך.

געקוקט און ניט געקאָנט זען קיין סימן, קיין וועג, קיין פלעק אפילו. נאַכט אױף רעכטס און אױף לינקס און עס איז שרעקלאַך קאַלט. קאַלט און ווינטיק איז געוואָרן. די פיס זיינען געוואָרן מיד און שווער. די ערד

איז געווען פייכט און זיך גענומען האַרטעווען אונטער אַ פּלוצלונדיקן פראָסט. עס איז ניט געווען, וואו זיך צוצושפּאַרן. ער האָט, דאַכט זיך, אַמאָל געלייענט, אַז פרעריי־הינט האָבן אַמאָל באַפאַלן און אויפגע־געסן אַ מענטש אַף דער פּרערי. און ער האָט אפילו ניט קיין שטעקן אין האַנט אַף צו ווערן זיך.

ער האָט ווידער געפּרוּווט אַראָפּלאָזן זיך, ווידער צו זעצן זיך אַף דער ערד און האָט גלייך געמוזט אויפשפּרינגען פון פייכטקייט און קעלט. די קעלט האָט דורכגענומען אַלע אברים און דורכגענומען אפילו די ציינער פון מויל. דאָס שרייען פון די פּרערי־הינטלאַך האָט גע־נומען קומען פון אַלע זייטן און פון אָן אַ שיר ערטער. פון ווייט און ווייטער און אַמאָל אויך אומדערוואַרט פון גאָר נאָענט. רייסן אוים שטיקער לופט. זיי ברעכן אוים לעבער אין דער נאַכט. די נאַכט נעמט קרעכצנדיק הילכן ווי אַ גרויסע און שווער־אָנגעפּלאַצטע כלי. און אָט, שרייען פון ערגעץ אויף בלויז אַ צוויי, דריי הינטלאַך. זיי שרייען זיך אָן און שטילן זיך איין. און ווי נאָר עס שטילט זיך איין דער קוויטש פון דעם לעצטן הינטל, הויבן זיך פון ערגעץ אַנדערש אָן נייע געשרייען און אָט נאָך נייע. און אָט שפּרינגען ווידער אויף די געשרייען פון אָן אַ שיעור ערטער אַף אַמאָל.

דאַכט זיך, זיי האָבן אים דערשמעקט. האָבן זיך צונויפגערעדט. זיי לאָזן זיך אַף אים פון אַלע זייטן. און אָט האַקט זיך דאָס אַלץ מיטאַ־מאָל אָפּ. עס ווערט מיטאַמאָל פאַרדעכטיק שטיל. און די נאַכט ווערט פון אָט־די פּלוצלונג־אויפגעהערטע געשרייען נאָך שרעקלאַכער. עס נע־מען אים אַזש פרירן די האָר אַפן קאָפּ. די נאַכט נעמט, דאַכט זיך, זיך שפּאַלטן פאַר די אויגן פון שרעק.

— פאַרוואָס האָבן זיי זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט? אַף וואָס וואַרטן זיי?... און אָט, גאָט צו דאַנקען, זיי האָבן זיך ווידער צעשריען, און נאָך היילנדיקער, נאָך ביטערער. די פינצטערניש ווערט אָט דורכזיכטיקער און אָט פינצטערער. די קעלט איז שרעקלאַך. ער פרירט. ער ווערט פאַר־פרוירן. ער וועט באַלד אומפאַלן. די מידע פים זאָגן זיך אָפּ צו דינען. קאָן זיין, אַז אַף דעם וואַרטן דאָס די פּרערי־הינט. די ווילדע הינט איז בעסער פון אים; זיי קאָנען וואָיען, זיי קאָנען גיין אַף אַלע פיר און ער האָט בלויז צוויי מידע פים און שווערע ביילן און וואונדן אַפן לייב.

און ער צעווייַנט זיך ווידער, נאָר דאָס מאָל ניט אין דער הויך, ניט מיט אַ דרויסנדיקן קלאַנג, נאָר געוויינט, אָט־ווי די געדאַנקען אין אים וואָלטן געוויינט און געגליווערט דאָס לייב. און אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז ער איז מיטאַמאָל, שפּעט אין דער נאַכט, פון דאָס גיי פאַרגליווערט געוואָרן: עפּעס האָט מיטאַמאָל אַזוי פּשוט און פּראָסט אַ שפּרונג געטאָן גלייך אַף אים. פונקען האָבן אים ווי אַ פּלי געטאָן פון די אויגן — וואָס איז דאָס! אַ פּרערי־הינטל? דאָס האָבן זיי זיך אַזוי די גאַנצע נאַכט צונויפגענומען אין אַ רינג אַלץ נעענטער צו אים און איצט נעמען זיי באַפאַלן!...

און איידער דער ערשטער ציטער איז פאַרביי, איז נאָך איינס אַזוי אַ שפּרונג געטאָן אַף אים מיט אַ שטילן פּישטש און נאָך דעם נאָך און נאָך — און עס פּרירן און פּרירן פון דעם די האָר אַפן קאָפּ. און אָט איז איינס אַ שפּרונג געטאָן גלייך לעבן האַלדז, אַפן סאַמע האַלדז. האָט ער דאָס אַף גיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט און דערפילט אַנייעם שרעק, אַז ניט אַ חיהלע האָט ער געכאַפּט מיט דער האַנט, נאָר אַ פּעדערדיקע זאַך אַזאַ, אַ פויגעלע. אָט איז אים איינס אַרויף אַף דער ברוסט. האָט ער אַף גיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער צווייטער האַנט און ווידער אָנגעכאַפּט אַ פייגעלע, אַ ציטערדיקס, אַ שוואַך־פּישטשענדיק פייגעלע.

דאָס האָבן בערמאַנען אַזוי גענומען באַפאַלן די צו־פרי געקומענע פויגל און פייגעלאַך, וואָס זיינען אומדערוואַרט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אומדערוואַרטער קאַלטער נאַכט און פּראָסט. זיי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן, איידער זיי האָבן צייט געהאַט אויפצוזוכן אָדער אויפצובויען נעסטן, און זיינען איצט הפקרדיק און הילפלאָז אומגעשפּרונגען. די ערד אונטער זיי האָט גענומען ווערן פּראָסטיק און ביינערדיק האַרט, זיינען זיי אויפגעשפּרונגען, געזוכט אַ העכערן, אַ וואַרימערן אָרט. און נאָך איי־דער בערמאַן האָט צייט געהאַט צו קומען צו זיך, איז ער איינגיכן אַזוי אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט האַלב־פאַרפרוירענע, שוואַך־פלאַטערנ־דיקע פויגל און פייגעלאַך.

די פויגל האָבן גענומען קריכן אונטער זיינע אַרבל, אונטער זיינע פאַכוועס און זיין בוזים. אייניקע פון זיי האָבן שוין מער קיין כוח ניט געהאַט זיך צו האַלטן לאַנג אַף אים און נאָך איידער זיי האָבן צייט

געהאַט זיך איינצוואַרימען, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ שוואַכן פּישטש און זיינען אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד, ווי שטיינדלאַך.

„וואָס קומט דאָ פּאַר, וואָס קומט דאָ פּאָר,״ — און בערמאַן איז אַזוי געשטאַנען, זיך געפילט ווי אַ צילבערט פּאַר אימיצנס פּיילן. די נאַטור, ווי די מענטשן זיינען אַלץ אַזוי ניט אויסשעפנדיק־גרויזאַם פאַרן לייב, פּאַר די גערדאַנקען. און אינמיטן פון אַלץ טויכט נאָך ערגעץ אין קאָפּ אויף אַ נערוו אַזאַ, וואָס האָט נאָך כוח צו פרעגן:

— איז אין דעם דאָ אַ זין?

עס וואָלט זיך אַזוי שטאַרק וועלן געפינען אַ באַרעכטיקונג קעגן אַטדער שוידערלאַכער אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט איצט אַזוי ברוטאַל באַגאַנגען קעגן די אומגליקלאַכע פויגלען, קעגן די ערשטע פויגלען, די ערשטע אָנזאָגער פון פרילינג. אַלץ אין אים פרירט אָן גליווערט. אָבער אַ שטיקל געדאַנק אַזאַ געפינט זיך נאָך וואָס פרעגט:

— מיט וואָס ווערט דאָס באַרעכטיקט?

און ערגעץ אינמיטן פון דער גאַנצער פאַרצווייפלונג, שטייגט אויף אַזאַ געפיל אַז — „באַרעכטיקט איז עס דאָך״. און וועמען צוואַרפן אַט־די ברוטאַלע באַרעכטיקונג אין פּנים אַריין איז ניטאָ.

ערגעץ מוז זיין אַ תּירוץ.

די מענטשלאַכע קלעפּ האָבן דאָס אַלץ אַזוי וואונדיק אויסגעשריבן אַף בערמאַנס לייב. דער הונגער און די קעלט האָבן דאָס ביטער אַריינ־געשריבן אין די געדערים אַריין, האָבן דאָס איינגעקריצט אין דעם מאַרך, האָבן דאָס געקריצט אַף די ביינער. די אומגליקלאַכע פויגלען זיינען אים געוואָרן ווי אייגענע. ער האָט זיי געלאָזן זיך שטעלן אַף אים און נאָך זיי געהאָלפן קריכן אונטער זיינע אַרבל, אונטער זיינע פּאַכוועס, אונטער זיין ראָק. אים איז איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף נעמען און אַ פּאָר פון זיי אַריינלייגן אין בוזים. אַלס אינגל פלעגט ער דאָס אָפט טאָן מיט געכאַפּטע פייגעלאַך. ווי נאָר אָבער ער האָט אַ בויג געטאָן זיין אָפּגעשוואַכטע האַנט אַף אָנצונעמען אַ פויגל, אַזוי האָבן זיך גלייך עטלאַכע פון זיי אַ שטעל געטאָן אַף דעם בויג פון זיין האַנט און זיך גענומען נעסטן, איינע אַף איינע, לעבן זיין ברוסט.

אַ באַדעקטער מיט פויגלען, האָט זיך בערמאַן גענומען באַוועגן איבער דער קאַלטער, ווינטיקער פרערי. ער האָט שוואַך געפּלאָנטערט

מיט זיינע קאַלטע, מידע פיס. אי דערפאַר, וואָס די פיס זיינען געווען מיד, אי דערפאַר, וואָס ער האָט מורא געהאַט אַראָפצוטרייסלען פון זיך די פויגלען, איז ער אַזוי פּאַמעלאַך, שוין כמעט אָן געדאַנקען געגאַנגען. באַלד אָבער האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ ווייך בערגל. דאָס בערגל האָט גענומען פּישטשען. אַ נייער אומדערוואַרטער שרעק איז אים באַפאַלן:

— וואָס איז דאָס? אפשר שלאַנגען. אפשר איז ער אַרויפגעטראָטן אַף אַ נעסט פון צונויפגעדרייטע שלאַנגען?!

און ער האָט אַפילו קיין שטעקן ניט אין האַנט.

מיט אַ גליווערדיקן שרעק האָט ער זיך גענומען, וואַקלענדיק, צוריקציען. זיך מיט חיהשן שרעק גענומען איינקוקן, ביז ער האָט דורך דער פינצטערניש, דערזען ניט קיין שלאַנגען, נאָר פויגלען, וואָס האָבן זיך צונויפגעבאַרגט איינע אַף איינע, און אַזוי אין אָן אָנגעהויפטן בערגל. און אָט איז ניט ווייט נאָך אַ בערגל און אָט נאָך. קליינע, פּלאַטערדיקע פּישטשענדיקע פויגל־בערגלאַך דאָ און דאָרט, ווי ווערים, האָבן זיי זיך אָנגעהויפט איינע אַף די אַנדערע. די אויבערשטע וואָלטן וועלן זיין אונטער די אונטערשטע, כדי זיך צו דערוואַרימען און זיי פּרואוון זיך שטופּן מיט די קעפּלאַך אין בויך פון דעם בערגל און קאַטשען זיך אָפּט אַראָפּ פון דעם בערגל און בלייבן ליגן מיט איבערגעקערטע פּיסלאַך אַרויף. און ער, ווי אַ וואַקלענדיקער ברודער זייערער, ווי אַ פויגל־מענטש, ווי אַן אויפגעשפּרונגען פויגל־בערגל צווישן זיי. און אָט נעמט זיך אים דאַכטן, אַז די גאַנצע פּרערי איז ווייך, אַזוי ווי דער אָפּגעדעקטער בויך פון דער ערד. אַ פויגל־תהום איז דער בויך פון דער ערד. און אים דאַכט זיך, אַז ער נעמט זינקען אין אַ פויגל־תהום, אין אַ ווייכן פויגל־תהום. זינקט אייניינעם מיט זיין פאַרצווייפלונג, מיט זיין ביטערקייט, מיט זיין הילפלאָזיקייט. בערמאַן האָט גענומען פילן, אַז ער איז געוואָרן שטום, גענומען פילן, ווי ער גליווערט, ווי ער ברענט און גליווערט.

עס וואַרגט און די האָר אַפן קאָפּ פרירן און די ציין ווערן ווי שטיקלאַך אָנגעפּראָסטיקט אייז אין מויל. וואָס וועלן, דאַכט זיך, באַלד צעבראָכן ווערן.

און אפשר וועל איך היינט אין דער נאַכט משוגע ווערן, גיט ער **אַ טראַכט.**

דער ווינט איז מיט יעדער מינוט געוואָרן שאַרפער, טרוקענער און קעלטער, האָט געשניטן ווי מיט שאַרפן פון אָפּגעבראָכענע גלאָז־טאָוולען. ער וועט דאָס ניט אויסהאַלטן. עס איז זיין לעצטע נאַכט אויף דער וועלט. ער וועט דאָ אומקומען — אַ שעיר לעזאזל. פאַר וועמען? פאַר וואָס? אַן אייזל, אַ ווייסטער, אומגליקלאַכער נאַר. איז אַרויס אויף דער וועלט — איז ער געוואָרן אַ שעיר לעזאזל.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן פון בלינדן כעס.

אַלץ איז אַזוי שוידעלאַך נאַקעט.

עס איז ניטאָ אפילו אויף וועמען צו וואַרפן די שולד. ער האָט נאָכ־דעם צוריק געעפנט די אויגן, ווי ער וואָלט דערוואַרט צו דערזען עפּעס אַ זין, צי אַ זאַך אַזאַ און פּאָרט גאָרנישט ניט געזען, נאָר די באַוועגנ־דיקע פויגל־בערגלאַך — די גאַנצע ערד באַוועגט זיך אײַנײַנעם מיט זיי.

די מידע, שווערע אויגן־דעקלאַך, וואָס האָבן זיך שוין איינמאָל געהאַט צוגעמאַכט, האָבן זיך שוין נאָכדעם אַליין גענומען צומאַכן פון־כאָל־צו־מאָל. ער האָט גענומען דרעמלען, גייענדיק און שטייענדיק אויף די מידע פיס.

ס'איז גאָרנישט ניטאָ אויף דער וועלט, נאָר אַ באַקאַנט ווייס ליכט גייט־אויף ווי נאָר ער מאַכט צו די אויגן. דאָס איז גערטרודס ליכט. עס מאַכט ווייס די מדבר. גערטרוד איז צו אים אינדערנאַכט אויף דער פינצטערער פּרערי געקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך איר שטיל, ווייס ליכט. גערטרוד און מיט איר דאָס קאַלטע צפון־ליכט איבער די קאַלטע, צפונדיקע דאַקאָטאַ־פעלדער.

צווישן פויגל־בערגלאַך קומט אָן גערטרוד, צווישן די געשרייען פון וואָיענדיקע שאַקאַלן, צווישן וויינענדיקע פּרערי־הינט — גערטרוד און איר ליכט. ער צעעפנט די אויגן — פינצטערניש, שוואַרצקייט, אַ קעלט, וואָס שניידט די ביינער, דאָס גרוילנדיקע שרייען פון די פּרערי־הינט און דאָס נישטערן פון די פויגלען אויף זיין קערפּער.

און אַט — ער איז גאָר אויף אַ באַן־סטאַנציע. פּאָליציי קומט אָן אַרעס־טירן עטלאַכע מענטשן. סטרייקערס? סטרייקערס. די „אַסאָ־סיאיישאָן", בערנשטיין... די פּאָליציי דאַרף אַפּריינען די גאַנצע סטאַנ־ציע. אַ גרויס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן, אָדער דאַרף באַגאַנגען ווערן. נאָר... אינמיטן, אין סאַמע מיטן פון דעם וואָקזאַל שטייט אַ

איד, איינגעהילט אין א גרויסן טלית. א גרויסער טלית איז אויך אויס־געשפרייט אונטער זיינע פיס. דער איד קוקט זיך אף קיין זאך ניט אום: קוקט ארויף און רעדט אפגעריסענע אומפארשטענדלאכע ווער־טער... דאס איז א קאבאליסט; יא דאס איז א מקובל, ער רעדט סתרי־תורה. דער סוד פון דער וועלט רייסט זיך פון זיינע צרופים און רמזים. און אט רעדט ער פון דעם זעיר־אנפין און פון דעם מאור־הפנימי — פון א גאנצער וועלט, א גרויסער, וואס שפיגלט זיך אין זיך אליין...

—ליכט איז ליכט און גאט איז גאט און דער מענטש איז וועלט און וועלט איז גאט און גאט איז גאט און איז ליכט, וואס שפיגלט זיך אין זיך אליין...

די פאליציי וויל אבער דורכוים, אז ער זאל גלייך פארלאזן דעם וואקזאל, ווייל א גרוים פארברעכן דארף דא באלד געשען. זיי פאדערן דורכוים, אז ער זאל פארלאזן די סטאנציע, און ער וויל ניט מפסיק זיין און ווייל דאס ארט זיינס אף דעם טלית ניט פארלאזן... ער קאן ניט, ער טאר ניט... ער מוז שטיין אף דעם טלית.

די פאליציי?... און מענטשן האבן מורא צוגיין צו אים נאענט.

בערמאן מיט נאך א פאר גייען צו, הויבן־אונטער דעם טלית, אף וועלכן ער שטייט, וויקלען אים ארום זיינע פיס, וויקלען אים איין אין נאך טליתים און טראגן אים ארוים אינדרויסן, שטעלן אים אוועק שוין ווייט אף דער ליידיקער פרערי, וויקלען־אפ די טליתים פון ארום אים. שפרייטן צוריק אוים אונטער אים דעם טלית, אף וועלכן ער איז פריער געשטאנען, כדי ער זאל שטיין ווי פריער, כדי ער זאל זען, אז מען האט אים פון דעם ארט אפן טלית ניט גערירט. און בערמאן נעמט זיך נאכדעם שפרייטן נאך און נאך טליתים ארום דעם אידן, לייגט איין טלית צום צווייטן פון רעכטס און פון לינקס, פון פארנט און פון הינטן, און דער איד אין טלית שטייט אינמיטן פון אט־די אלע פאנאנדער־געשפרייטע טליתים ארום אים און רעדט פאר אלעמען ניט פארשטענד־לאכן דרוש, קבלה־רייד, אנדייטונגען, נביאות...

נאר בערמאן פארשטייט, ווערט פארכאפט, ווערט דורך דעם גע־הייליקט, געגרויסט און געלייטערט.

א פראסט און א פייער שלאגט פון אט־דעם בעל־מקובל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

. . . און דער אבא האָט זיך געפרייט, ווארים פריער איז געווען פינצטערניש און נאָכדעם איז געוואָרן ליכט. האָט ער דאָס דערזען און געזאָגט — עס איז גוט. איז דערפון געדרונגען, אַז די אָנונג איז דער „מעוט המחזיק". „עס איז גוט" — מיינט פרייד; די פרייד פון ששת ימי־בראשית. ביי אַלע טואונגען „עס איז גוט". נאָר, ווען ער האָט אָפּגעטיילט דאָס וואַסער פון וואַסער, האָט אבא ניט געזאָגט: „ע ס א י ז ג ו ט". דאָס אָנען האָט אינגאַנצן ניט געזאָגט. עס איז דערביי אפילו גאָר ניט געבוירן געוואָרן דאָס אָנען, ווייל אָנען איז קוואַל און דער שפּיגל פון בריאה. אָנען קומט ביים אויפשטעלן א י ש מ א י ן, אָבער ביים אָפּטיילן דאָס וואַסער פון וואַסער, האָט דאָך אבא ניט אויפ־געשטעלט אַ יש מאין, האָט דערפאַר ניט אויפגעלויכטן דאָס אָנען. אַ תהום האָט זיך פאַר אבאן צעעפנט, אַ יש, אַן אחדות איז צעריסן גע־וואָרן, אַן איינס איז צעבראָכן געוואָרן און דער ס"ם האָט איינגעעם מיטן תהום אויפגעשריען: איז דאָס אַן ארבעט פאַר אבאן ? !...

אבא־אמא־אחדות; אָנען, מיעוט, קודשה, קודשה בריך הוא — אחדות. פרידות — דאָס ערשטע פּנים פון שרעק, פרידות — פּחד, פּחד, מרובה, מחזיק, מאור־הפנימי, תהום און ס"ם — שפּיגל. שפּיגל שפּיגלט זיך אַליין... פּחד אין פּחד, פרידות אין פרידות.

און עס נעמען זיך אַזוי מיטאַמאָל ווידער הערן פון דעם מקובל, בליציקע אומפאַרשטענדלאַכקייטן.

בערמאַן ווערט פון דעם ווי פּאַראַליזירט. די לופט אַרום אים פרירט און נעמט, דאַכט זיך צו דאָס לעצטע ביסל אָטעם. עס בלייבט באַלד ממש קיין שום אָרט ניט אינדערלופט, אויסער פראָסט. בערמאַן קאָן קוים איינשטיין, ער איז אָבער פאַרכאַפּט און וואַרט. ער וויל, ער מוז דער־ציען, ביז דער איד וועט זיך דערךדן צו דעם, אַז מענטשן זיינען... — אַז „מענטשן זיינען, וואָס זיי אָנען, און גרייכן, וואוהין זיי צילן".

אָט־דער מענטש מיט דער גרויסער באָרד, וואָס ברענט מיט אַזאַ פאַרכאַפּנדיק פראָסטיק־פייער, האָט עפּעס אַ גרויסן סוד, וואָס ער וויל דאָ פאַנאַדערוויקלען און דאָס אַלץ איבער דעם רעיון, אַז מענטשן זיינען, וואָס זיי אָנען. געוויס. אָט־אָט און ער וועט דאָס מאַכן גאַנץ קלאָר.

מיטאַמאָל איז אָבער דער מקובל אַזוי ווי אויפגעלייזט געוואָרן.

ער איז פאַרשוואונדן און ניט געוואָרן. בלויז דער טלית, אין וועלכן ער איז געווען איינגעהילט, איז געבליבן אינדערלופט, און דער טלית, אַף וועלכן ער איז געשטאַנען, איז געבליבן אויסגעשפּרייט אַף דער ערד ווי פריער. דער טלית, וואָס איז געהאַנגען אינדערלופט, האָט נאָך אָנגע־האַלטן זיינע פאָרמען, ווי ער וואָלט זיך נאָך אַלץ געוויקלט אַרום דעם אידן, דעם בעל־מקובל מיט דער גרויסער באָרד. די עטרה פון דעם ליי־דיקן טלית האָט געפינקלט, ווי אַ ליכטיקע נשמה, ווי אַ ליכטיקע דער־מאָנונג, אַז אַ מקובל איז דאָ פריער געשטאַנען. און אָט זע: — עס איז צוריק דאָ אַ איד אין דעם טלית. און דער איד, דאָס איז בערמאַנס אייגענער טאַטע... ער איז פון ערגעץ געקומען און זיך גלייך אין דעם טלית אַריינגעשטעלט. האָט זיך בערמאַן שטאַרק דערשראָקן, האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אַ וויג געטאָן אַף די פיס און צעעפנט די אויגן.

די פויגל אַף אים האָבן אַלע אַף אַמאָל אַ פישטשע געטאָן. אַ פּאָר פון זיי זיינען פלאַטערדיק אויפגעפלויגן און האָבן זיך גלייך ווידער אַוועקגעזעצט אַף אים.

נאַכט.

קאַלטע, אָפענע פּרערי, שניידנדיקער ווינט, געשרייען פון ווילדע, וואָיענדיקע פּרערי־הינט און אומגליקלאַכע פויגלען אַף זיין לייב און אַף זיין קאָפּ.

ער איז מיד, ער פאַלט פון די פיס. ער קאָן זיך לייגנער ניט האַלטן אַף די פיס. —

— פאַרוואָס?

אָט־די שאלה: פ אַ ר וו אָ ס? עגבערט זיך אין לויזער פוסט־קייט אַריין. און אפשר טאַקע בעסער פאַלן? — גיט ער אַ טראַכט — אַ רחמנות אַף די פייגל. זיי האָבן זיך שוין ווי־ניט־איז פאַרט איינגע־נעסט אָן אים. און אָט גיט איינער ווידער אַ פאַל־אַראָפּ פון אים, ווי אַ שטיינדל. אַזאַ עלנט, אַזאַ אומגליק, טראַכט בערמאַן, די אויערן פרירן, די פינגער פרירן, עס פרירן די פיס. און אָט איז גאָר זיין מאַמע. זי בוינט זיך איבער אים מיט טרערן אין די אויגן, רעדט מיט אַ פאַרטרערט און געבראָכן קול:

— קינד מיינס, קינד מיינס. ניי ניט — פאָלג מיך — ניי ניט אין בית־המדרש צו האַלטן דרשות פאַרן עולם. מען וועט דיר נאָך חלילה

געבן אַ גוט־אױג. אַזאַ יונג־קינד װי דו. מען זאָגט, עס שיטן זיך דיר ממש פּערל פֿון מױל און מענטשן האָבן בײזע אױגן... אפֿילו דער טאַטע דײַנער, זאָגט מען, האָט זיך דערשראָקן, װען ער איז אײנמאָל אַרײַנגעקומען אין בית־המדרש צו דײַנער אַ דרשה. ער האָט געמוזט אַרױסלױפֿן אינמיטן דרײַנען, װײַל ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דיר... איך בעט דיך, קינד מײַנס, הער אױף! װאָס טוט דיר װײ? דער קאָפּ? די פֿיס? די זײַטן? אױ װײ, מײַן קינד... װאַרט, איך װעל דיך אײַנדעקן... און מיטאַמאָל װערט אים װאַרעם. — ער פֿירט אַ בטרײַק. סטרײַקער קומען פֿון אַלע גאַסן; זײ מאַרשירן. ער פֿירט זײ צו מחנות און מחנות. אַלע אַרבעטער־פֿאַכן דאַרפֿן זײַן פֿאַראײניקט. אײן פֿאַך צוליב דעם אַנדערן און אַלע אינײנעם. מחנות און מחנות אין אײן גרױסן, שטאַרקן בונד. די װעלט איז באַהערשט, די װעלט איז באַזיגט. די מױערן װאַקסן, װאַקסן און הױבן זיך אױף, רײַסן זיך העכער. — ער ציטערט־אױף.

— װידער די אױגן... אַלץ טוט אים װײ און די האָר טוען װײ. ליגן װי אַ שאַרפֿער פֿראָסט אױפֿן קאָפּ און װידער אַט־דאָס װײַסע צפֿון־ליכט — גערטרוד.

דאָס קאַלטע נאָרד־ליכט מיט אַ װאַרים לײַב, מיט הײסע פֿלײשיקע ליפּן... זי גײט, זי קומט, און אָט זיצט ער מיט איר אױפֿן זאַמדיקן ברעג פֿון ים. איבערן ים הױבט זיך אױף די לבֿנה און לײגט אױס איבערן גרױסן ים אַ ברײטן זילבערדיקן װעג ביז צו זײערע פֿיס...

— צי איך האָב דיך געזוכט, גערטרוד? טאַ, װי קום איך דיך געפֿינען?...

— איך האָב דיך געזוכט, בערמאַן, און איך האָב דיך געפֿונען.

— װי אַזױ האָסטו געזוכט, אַז געפֿונען האָב איך? ! מײַן װײַס ליכט, מײַן לעבן, מײַן סטרונענדיקע פֿרײד.

— איך האָב אַמאָל אימיצן אונטער אַ פֿאַקל געהערט אױסשרײַען:

— „װי אַ װײַסער פֿױגל װעט זיך דער אמת פֿאַר אײַך אױפֿהױבן און מיט װײַט־פֿאַנאַנדערגעשפּרײטע פֿליגלען, װעט ער שװעבן איבער אײַערע קעפּ" — האָב איך אױפֿגעציטערט אױף שטענדיק און האָב נאָכדעם געזוכט און נעהלומט פֿון אַט־אַ דעם, װאָס האָט דאָס געזאָגט.

און איך האָב געוואַרט און געטרוימט און געשטעלט מיינע טריט, ביז איך בין געקומען צו דיר.

— האָב איך דען ווען אַזוינע ווערטער געזאָגט, גערטרוד?

— דו האָסט. דו האָסט. ס'איז ביי מיר אויפגעשריבן אָט־אָ דאָ, אַף מיין ברוסט.

איר קלייד פאַרשפּיליעט זיך אַף אַ זייט. בערמאַן גיט אַ כאַפּ און אַן עפן־אויף דאָס קלייד איבער איר ברוסט. אונטער דעם שיין פון דער אַנטקעגנענדיקער ווייסער לבנה האָבן זיך אויפגעוויזן אירע ציטערדיקע און שיין־ און פול־פאַרמירטע בריסט מיט אַ ליכט, וואָס האָט געבלענדט. ער האָט אַזאַ פלאַטערדיק און וואַרים־אָטעמדיק ליכט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געזען. — ווי אַנדערש ס'איז דאָס ליכט ביי דעם ליכט פון דער לבנה אין דעם ראָם פון דעם האַלב־געעפנטן, טונקעלן קלייד, וואָס הייגגט אַף אַ זייט. וויפיל ליכט דאָס גיט־צו צו די אויגן, וויפיל דינקייט, צאַרטקייט און וויפיל פעלזיקע שטאַרקייט דעם געמיט.

ס'אַרא גערונדיקטע ווייסקייט, ס'אַרא וואַרימע, ווייסע שטראַליקייט! כ'אַרא וואונדערלאַכע ענלאַכקייט פון דיביידע אויפגעצאַפּעלטע בריסט.

— די אויגן קאָנען דאָס אַלץ ניט זען פאַר אַמאָל. ער ווערט פאַרבלענדט.

— ווי ווייס, ווי לויטער דאָס איז אַלץ אויסגעשריבן איבער דער פלאַטערדיקער ווייסקייט פון דיינע אויפגעבישופטע בריסט! וואָס איז אַ ווייסער פויגל קעגן אַ געטלאַך־שיינעם מענטשן ווי דו? וואָס איז גאָט קעגן אַ ליכטיקן, קעגן אַ שטאָלצן, קעגן אַ ריינעם און שיין־פאַרמירטן מענטשן, ווי דו? דאָס איז גאָט. דאָס ביסטו.

ס'אַרא ליכט, ס'אַרא ליכט!

בערמאַן ווערט פאַרשיכורט, פאַלט־צו מיט זיין פּנים, מיט זיין שוואַרצן, צעפּאַטלטן קאָפּ צו אָט־די שטראַלנדיקע, אויפגערונדטע בריסט. ער אָטעמט איין די לופט איניינעם מיט די ציטערדיקע, שטראַלנדיקע רונדע פאָרמען, איניינעם מיט דער אויפגייענדיקער, אָטעמדיקער וואַרימקייט.

אַלץ גייט־אויף. די ערד גייט־אויף איניינעם מיט זיי. זיינע אויגן, זיינע געדאַנקען האָבן אַזוינס ניט געזען און ניט געחלומט צו זען. ער רייסט זיך אָפּ פון־מאָל־צו־מאָל, כדי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ קוק צו טאָן אַף דעם, קוקט אַ פאַרבלענדטער, פלווידערט:

— גערטרוד, גערטרוד! וואָס איז דאָס, וואָס איז דאָס? — קושט זי ווידער פאַרשיכורט. נעמט זי אַרום, גיט זי נאָכדעם אַ הויב־אויף, ווי ער וואָלט זיך געקליבן זי אַוועקטראָגן מיט־די אויפגעלויכטענע בריסט אירע צו דער לבנה, צום ים. זי ליגט אין זיינע הענט, ווי זי וואָלט זיך אויסגעצויגן אַף אַ מזבח פאַר אַ קרבן, מיט די בריסט אַרויף צו דער לבנה.

—עי, גערטרוד, גערטרוד! — שרייט ער אויס מיטאַמאָל און גיט זיך אַזוי מיט איר אַף זיינע הענט אַ לאָז און נעמט מיט איר שפּאַנען איבער דעם זילבערנעם שטעג, וואָס די לבנה האָט אַזוי זיכער אַוועקגע־לייגט איבערן ים ביז זייערע פיס.

ער גייט מיט איר אַרויף גלייך אַף דעם וואַסער, אַף דעם צע־שטראַלטן, זילבערנעם לבנה־וועג. דער גאַנצער ים איז ווי אַ ווייך־געוועבטער, טיפער, שוואַרצער טעפּיך און ווייס און ליכטיק איז דער פינקלדיקער לבנה־שטעג איבער דעם טעפּיכדיקן ים. מילך איז ווייס. שניי איז ווייס. ווייס איז אָט־דער זילבערנער וועג איבערן ים. ווייס און פלאַטערדיק איז אויך אָט־די ליכטיקע לבנה אין דעם הימל, נאָר גער־טרודס צווילנגדיקע בריסט איז אַנדערשדיקער, איז ליכטיקער, איז פאַרמ־דיקער, בשופדיקער און ווייסער.

— עי, דו גרויסער ים, דו, שוואַרצער בער, און דו לבנה, דו ליכ־טיקע קאַץ פון דער וועלט! זעט נאָר וואָס איך טראָג!

— ווער איז רייך? — איך בין רייכער!

— ווער איז גרויס? — איך בין גרעסער!

מיט אייזן זיינען אָנגעגאָסן מיינע מוסקולן און איך גיי איבער אָט־דעם לאַנגען, זילבערנעם וועג מיט זיין ווייסן שטערן.

— זעט! דער קוואַל פון ווייסן צפון־ליכט איז אין מיינע הענט.

— זעט! אַ ליכט אַזאַ, וואָס קיינער האָט נאָך פאַר איך, ביז איך, ביז איצט ניט אַנטפּלעקט.

— און ווער זעט איצט אָט־דאָס ליכט?

— קיינער ניט. אויסער — איך און די לבנה.

— איך גיי מיט איר איבער דעם רוקן פון דעם גרויסן שוואַרצן בער — דעם ים, אַף דעם זילבערנעם שטעג, וואָס דו האָסט אויסגע־לייגט איבער אָט־דעם רוקן זיינעם.

— איך ווער אלץ גרעסער און וואקס אלץ העכער,
און פון וועמען הער איך רופן:
— מיין ליבער, מיין גוטער...
— פון גערטרודן, לבנה, צו פון דיר?

מיטאמאל אבער גיט זיך דער זילבערנער וועג א האק־אפ. די לבנה גיט א שפרונג ארויס פון הימל ווי א קאץ א ווייסע — זיך אפגע־ריסן און א שפרונג געטאן. בערמאן דערשרעקט זיך און גיט זיך מיטאמאל א גליטש און א פאל גלייך אין דעם פינצטערן ים אריין, דערפילט א הארטן קלאפ און צעעפנט די אויגן און דערזעט, אז ניט אין ים איז ער געפאלן. ער איז געפאלן צו דער הארטער, קאלטער פרערי־ערד; האט דערהערט מיט שרעק דאס אויפפישטשען און אויפפאטשן פון פויגל איבער זיך און דערפילט א שארפן ווייטיק אין הארצן.

די ערד איז קאלט. געשרייען פון אלע זייטן. און ער ליגט ווי א נבלה אין פעלד מיט פויגלען איבער אים.

ער פילט, דער קאפ איז אים הייס. ער שטריינגט זיך אן, הויבט זיך אויף, לאזט די פויגלען זיך ווידער ארומנעמען ארום אים. ערגעץ אין א זייט פון פעלד זיצט די מאמע און וויינט איינינעם מיט דער נאכט און מיט די פרערי־הינט.

בערמאן קוקט פאר זיך. ער קוקט און טראכט, דאכט זיך, פון גאר־ניט. קוקט — אן א זין, אן א פארשטיין, און אט הויבט זיך פון דער פינצטערניש מיטאמאל אויף א וואיענדיקער, שפרינגענדיקער הונט. גע־קרויזט־האריק און שווארץ איז דער הונט. רויטע פלאמען שפרינגען־אויף איינינעם מיט אים. דאס איז א הונט מיט א מענטשישן קאפ. דאס פנים איז רויט, ווי פון פלאמען פארשפיגלט. דאס איז גאבריעל. ער פארשטעלט זיך פאר א הונט, און אט שטייט ער פאר אים: די פעדערש־טע הענט, ווי אויפגעהויבענע צוויי הינטישע לאפעס; דאס פנים־פלא־מענדיק, טעאטערדיק־רויט, און מיט א געמאכטער פרומקייט בוקט ער זיך פאר בערמאנען און פרעגט:

— רבי, רבי, וואס וועט זיין מיט דער וועלט, ווען די וועלט וועט ניט זיין.

—וואס וועט זיין מיט דער וועלט, אז די וועלט וועט ניט זיין?

—רבי, רבי.

און אז בערמאַן ענטפערט ניט, פרעגט דער פאַרשטעלטער גאַבריעל:

— רבי, איך בין געשפּרונגען איבער מײַלן און מײַלן און די ערד איז געשפּרונגען אינײַנעם מיט מיר און פלאַמען פײַער זײַנען געפלויגן פון מײַן מויל און פון אונטער מײַנע הינטישע פיס. רבי, איך פרעג דאָך אײַך חלילה ניט, ווי אַזוי גיט מען אָפּ מעשר פון זאַלץ און פון שטרוי? איך, די גאַנצע וועלט, די פויגל, וואָס פרירן איצט אינדערנאַכט, די ווילדע, וואָיענדיקע פּרערי־הינטלאַך, די ציטערדיקע ציין פון אײַער מויל און אפילו די האָר פון אײַער קאָפּ, ווילן פון אײַך איצט וויסן, וואָס וועט זײַן מיט דער וועלט, ווען די וועלט וועט ניט זײַן?

—ענטפערט, רבי, ענטפערט!

בערמאַן גיט זיך פון כעס אַ באַוועג צו אָט־דעם פאַרשאָלטענעם גאַבריעל. די פויגל גיבן אַ פלי־אויף פון אים. די פויגל פון איבער דער גאַנצער פּרערי גיבן זיך אַ הויב־אויף מיט רויטע אויגן אין דער נאַכט:

— רבי, וואָס וועט זײַן מיט דער וועלט, ווען די וועלט וועט ניט זײַן? מיר גייען־אונטער, רבי. זאָגט:

— וואָס וועט זײַן מיט דער וועלט, ווען די וועלט וועט ניט זײַן?

— איר וואַלגערט זיך דאָך איצט אין מדבר, ווי אַ דערלייזער, רבי. נאָר אַ שטן האָט אײַך געפעלט. אָט בין איך דאָ... כאַ־כאַ, איך בין געקומען.

— כאַ־כאַ, רבי!

— מענטשן זײַנען, וואָס זיי אַנען. כאַ־כאַ... — צעלאַכט זיך גאַבריעלס רויטער קאָפּ אויפן הינטישן קערפּער און ער זאָגט נאָכדעם, אַלץ לאַכנדיק און רייצנדיק זיך:

— רבי, רבי, לויפט מיר נאָך אַביסל, רבי. דערוואַרימט זיך אַביסל. דערלייזט. איר זעט דאָך די גאַנצע וועלט: די פויגל, די חיות און איר, רבי — — —

— כאַ־כאַ־כאַ!...

— איר ווייסט ניט, רבי, כאָטש דאָס איז דאָך אַזוי פּשוט: אָט הערט, ווי פּשוט דאָס איז:

„עס וועט זײַן מיט דער וועלט, ווען די וועלט וועט ניט זײַן, דאָס וואָס קאָן זײַן מיט דער וועלט, ווען די וועלט וועט ניט זײַן.״

— אַזאַ פּשוטע זאַך, רבי, זאָלט איר ניט וויסן, רבי?!

בערמאַן צעעפנט די אויגן. פילט אַ שרעקלאַכע היץ אין קאָפּ. די

פויגל זיינען ניט אוועקגעפלויגן פון אים. ליגן, זיצן און נורען זיך אף אים. ער נעמט זיך אזוי הילפלאז בעטן:

— צוליב וואס דארף מען אט־דעם גאבריעלן? צוליב וואס ווערט אזא מענטש באשאפן אף דער וועלט? ערגעץ מוז אף דעם זיין אן ענטפער — פילט בערמאן. נאר דאס מויל איז טרוקן. די ליפן פאר־פייניקט. און אט־דער מאדנער כוח נאך צו טראכטן דערביי... טראכטן.

ביי זיין גאנצן אומגליק, האט בערמאן אליין ניט טראכטנדיס און ניט וויסנדיק דאך געפילט, אז יעדע זאך האט אן ארט, יעדע באשעפעניש האט א זין און אז יעדע געשעעניש, יעדער אומגליק אפילו האט א צוועק, און אים האט זיך גראד איצט אזוי שטארק געוואלט וויסן, צו־ליב וואס אט־דער גאבריעל איז דא. צוליב וואס דארף דאס לעבן האבן אזא גאבריעלן.

זיין צערודערטער און געשפאלטענער מארך האט נאך אלץ ערגעץ געטראגן אין זיך עקשנותדיק־איינגעקריצטע מעגלאכקייטן פאר פארענט־פערונג, אבער דאס באוואוסטזיין איז געווען אינגאנצן צעטרייסלט פון אזוי פיל ביטערניש, וואס האט זיך דא אזוי אפן, אזוי זינלאז אויסגעגאסן אף אים. ער האט ניט געהאט די מעגלאכקייט אנצובינדן אט־די פארענטפערונג, און שרעקלאך איז געבליבן שטיין אט־די אנ־געווייטיקטע פראגע, און איז געווארן א פראגע אף אלץ. „און אז ער זאל דא היינט פארלארן גיין?...” נאר אט האט עס גאר גענומען אויסקומען אזוי:

עס איז אינמיטן בערמאנס חתונה מיט גערטרודן. א ליכטיקער רויך האט זיך מיטאמאל א הויב געטאן און זיך צעשטראלט איבער דעם מדבר. די בית־הלל און די בית־שמאי האבן זיך אין פייערלאכע מחנות צעשטעלט איבער דער מדבר. דער פאטער זיינער איז דא, איינער מיט נאך מענטשן, ארום א ליכטיקן טיש און דערקלערט אלעמען די זיבן קולות פון וועלט־באשאף. אף יעדן קול ברייננט ער א נייע ראיה־לדבר און אט רעדט ער פון גאטס קול, וואס העלפט דער געווינערן, דער אינד, און ער דערקלערט:

איבער א זינד א גרויסער איז די אינד געבוירן געווארן אזוי, אז ס'איז איר שווער צו געבערן. דער הלל, דורך וועלכן זי דארף געבערן איז אזוי קליין, אז אירע וויטיקן זיינען שוין גאר איבער די כוחות. נעמט

די אָרימע חיה שרײַען מיט אַזױנע באַנומענע קולות, װאָס שפּאַלטן די הימלען און גרײכן ביזן כּסא הכּבֿוד.

דערבאַרימט זיך קודשא בריך הוא און פֿון זײַנע טיפֿסטע טיפֿע־נישן ברעכט אױס װי אַן אױפּטרײסלענדיקען דונער, זײַן אױפֿזיפֿצנדיק קול; דאָס איז אַזאַ הילכיקער דונער, װאָס שאַלט אױף און טרײסלט אױף דעם רױם װי אין די טעג פֿון װעלט־באַשאַף. אַלע װעלטן װערן דורכגענומען מיט רחמים פֿון אָט־דעם מיטפֿילנדיקן, געטלאַכן דונער. װאָס רײסט זיך דורך אַלע װעלטן און יאָגט זיך און טראָגט טרײסט צו דער אָרימער געװײנערין — דער אינד. אַ ליכטיקער חלל אַזאַ װערט פֿון אָט־דעם געטלאַכן קול דורכגעשלאָגן אינדערלופֿט. און גלײך אין דעם ליכטיקן חלל װערט אַ גרױסע, אַ בײזע און שװאַרצע שלאַנג געבױרן, און די בײזע שלאַנג טראָגט זיך אײנײנעם מיט דעם ליכט און מיט דעם קול. און אײנײנעם מיט דעם ליכט און מיט דעם קול, בײסט זיך די שװאַרצע שלאַנג האַסטיק אײַן אין דעם געבער־אָרט פֿון דער אָרימער געװײנערין, דער אינד. פֿון דעם שרעקלאַכן ביס װערט דאָס געבער־אָרט אױפֿגעריסן און גרעסער. און די אָרימע געװײנערן װערט דורך דעם באַפֿרײַט פֿון אירע שרעקלאַכע װײטיקן.

אָט־אַזױ האָט דאָס דער טאַטע דערקלערט, זיצנדיק צװישן אידן, אַזױנע װי ער. ליכטיק איז אַלץ געװען אַרום, נאָר די ביטערע געשרײען פֿון דער אינד האָבן זיך ממש געטראָגן אינדערלופֿט, בשעת מעשה. פֿינצ־טער איז נאָכדעם געװאָרן און אַ שרעקלאַכער דונער האָט אױפֿגעקנאַלט און אַ בלענדנדיק־ליכטיקער שטראָם האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער פֿינצטערניש, און אין דעם בליצנדיקן ליכט־שטראָם האָט זיך בליצנ־דיק דורכגעטראָגן אַ שרעקלאַד־בײזע, שװאַרצע שלאַנג.

דאָס האָט געװיס געדאַרפֿט דינען װי אַ דערקלערונג, פֿאַר אַסאַך זאַכן און איבערהױפּט אַף דעם, צוליב װאָס אַזאַ מענטש װי גאַבריעל איז דאָ אַף דער װעלט. דאָס מענטשלאַכע געמיט זוכט אָפֿט און געפֿינט פֿאַר זיך די נױטיקע פֿאַרגאַנצונג. געמיט איז כּמעט אַן אומבאַגרענעצטער צושטאַנד, און איז אין זיך גאַנץ, װי דער רױם. דאָס מענטשלאַכע באַ־װאוסטזײַן איז באַגרענעצט, רײסט זיך אָפֿט צו באַנעמען דאָס אײגענע געמיט און האָט אָפֿט ניט קײן כּוח דאָס צו טאָן. און אָפֿט טראָגט זיך דאָס געמיט פֿאַרבײַ דעם באַװאוסטזײַן, װי עס טראָגט זיך פֿאַרבײַ אַ

קרעפטנדיקער ווינט פארביי די נאָזלעכער פון איינעם, וואָס אָטעמט קוים. האָט זיך בערמאַן דערפאַר בלויז אַ וויג געטאָן אַף זיינע מידע פיס, צעעפנט די אויגן און הילפלאָז און מיט שרעק געגומען רעדן, ווי אין פיבער:

—וואָס גייט דאָ פון מיר ווערן, מאַמע? מאַמע?! און פאַרוואָס, פאַרוואָס?... קאָנסטו ניט אויפהערן וויינען? הער אויף, הער אויף, מאַמע!

— . . . ס'אַרע גוי, ס'אַרע ביקס און ווי הארט עס זיינען זיינע שיך און אָט־דאָס שטיק ברויט ביי מיינע פיס. און איך בין אַזוי הונ־געריק און היים איז מיר און קאַלט און טרוקן דער האַלדז. און דאָס מויל און די ליפּן...

—מאַמע, מאַמע...

און אָט הויבט זיך אויף אָט־די וויינענדיקע מאַמע און, ווי נאָר זי הויבט זיך אויף, איז דאָס גאָר גערטרוד. גערטרוד — אַ ליכטיקע מיט אויסגעשפּרייטע הענט. ווידער גערטרוד! גערטרוד איז זיין שוועסטער, איז זיין מאַמע און איז גערטרוד, און זי גייט צו אים איבער דער פּרערי, ווי דאָס אויפגייענדיקע צפון־ליכט.

— . . . אפשר איז דאָס מיין לעצטע זעאונג, איידער איך זינק, איידער איך פאַל...

ער דערפילט אַ נייע הילף אין זיך און הויבט זיך אויף.

— גערטרוד, גערטרוד. פאַרוואָס האָסטו אים צעדראַפּעט דעם האַלדז, אים, גאַבריעלן?

— קום גערטרוד, דו מוזט מיט מיר איצט גיין. איך גיי מיט דיר איצט צו גאָט.

— קום מיט מיר פאַר גאָט. זאָל ער משפּטן. זאָל גאָט משפּטן צווישן מיר און דיר. איך בין אַ שמוציקער פּויער, אַ? דו גייסט מיט מיר זיך שטעלן פאַר גאָט? איך נעם דיך, איך נעם מיין טאַטן, איך נעם דעם פּויער מיט זיין ביקס, מיט זיינע שווערע, האַרטע שיך. איך נעם מיינע צייכנס אַף מיין לייב. איך נעם־מיט אָט־די אומגליקלאַכע פויגלען. איך נעם־מיט דעם בערנשטיינען און אָט־די אַלע אידישע און

גויישע בערנשטיינס פון דער וועלט. איך נעם־מיט אַט־דעם באַרוועסן מאַנאַך. איך נעם אייך אַלע מיט און קום זיך מיט אייך אַלע שטעלן פאַר גאָט.

—איר מוזט מיט מיר אַלע גיין פאַר גאָט, פאַר גאָט. זאָל ער משפּטן צווישן מיר און צווישן אייך. זאָל ער משפּטן!

שפּעט אינדערנאַכט, ווען די גרויסע, סוף־חודשדיקע לבנה האָט דורכגעריסן די פינצטערניש און האָט מיטאַמאָל אָפּגעדעקט מאַט־ווייסע, אומענדלאַכע זילבער־מיילן פון דער צוגעהאַרטעוועטער פּרערי, וואָס איז געווען מיט אַ ווייסן פראָסט באַדעקט, איז שוין בערמאַן אַף דער פּרערי געשטאַנען אַ גרויער, ווי דער אומגעריכטער, ווייסער פּרילינג־פראָסט, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אַף דער ערד, וואָלט זיך אויך אין איין וועג, אַף בערמאַנס קאָפּ פאַרשפּרייט.

איינער־אַליין איז ער אַזוי אַ פּלוצלונג גרוי־געוואָרענער געשטאַנען איבער דער באַזילבערטער און פּלוצלונג באַלויכטענער פּרערי. צווישן אומברחמנותדיקע, צעוואָרפענע, איינגעשלאָפענע און וואו־ניט־וואו פּיש־משענדיקע פויגל־קופּעס, צווישן איבערגעקערטע טויטע פויגעלאַך, איבער־געקערטע מיט די פיסלאַך אַרויף און שוין באַדעקט מיט פראָסט. ער האָט מורא געהאַט אַ טראָט־טאָן, ער זאָל אַף זיי חלילה ניט אַרויפטרעטן און הויך איבער בערמאַנען, איבער דעם אָפּגעדעקטן, האַלבן־הימל, וואָס אנטקעגן אים, האָט זיך באַוויזן אַן אויפגעלויכטן־געשטאַלט פון אַ גע־וואַלדיקער גרויס. דאָס געשטאַלט איז געווען פון הוילער ליכט; אומענד־לאַכער ערנסט, פּעלזיקע זיכערקייט און אייביקער, דורכגעווייטיקטער, באַרואיקנדיקער רו, איז געווען אין דער געשטאַלט. עס האָט געקוקט מיט אַ בליק, וואָס פאַרנעמט, וואָס וועגט, וואָס מעסט.

פון די וואָלקנס איז דאָס געשטאַלט געקומען, כאָטש אַף דעם הימל זיינען, דאַכט זיך, גאָר קיין וואָלקנס ניט געווען. עס האָבן געלויכטן, ניט נאָר דאָס פּנים פון אָט־דעם געשטאַלט, נאָר אויך די בלויע ליכטיקייט פון זיין דרויסנדיק־קלייד און די ווייסקייט פון זיינע אויסגעשאָטענע ברעמען און פון זיין גרויסער, ווייסער באָרד.

איבער הימל און ערד זיינען געווען פאַנאַדערגעשפּרייט זיינע ליכ־טיקע הענט און די אַראָפּהייִנגענדיקע ברייטע אַרבל פון זיין אינעוויי־ניקסטן, ווייסן קלייד.

אַזוי האָט בערמאַן זיך, אין זיין קינדהייט, פאָרגעשטעלט דאָס געשטאַלט פון גאָט, און אַזוי האָט ער עס איצט פאַר זיך דערזען איבער דער פרערי אינדערנאַכט.

גאָט איז אַ ליכטיקער געקומען! ער האָט זיך באַוויזן אַף זיין רוף! ער איז געקומען משפּטן!!!...

II

צעבראָכענע פענסטער

קאַפּיטל ניין

מענטשן קאָנען זיך אפשר גערן לאָזן באַהערשן פון אנדערע מענטשן צוליב אַן אַלגעמיינער געזעלשאַפטלאַכער אידייע. ערגעץ אָבער גייט עפּעס אין דעם מענטשן קיינמאָל ניט איין אַף דעם, אַז אַ מענטש מעג אים באַהערשן צוליב פּערזענלאַכן נוץ.

דאָס, וואָס בערמאַנען איז איינגעפאַלן פונקט פאַר זיין פאַרלאָזן ניו יאָרק אראָפּצופאַלן אַף דער ארבעטער־בירזשע און אויסגיסן זיין ביטער האַרץ אַף זייער רעדאַקטאָר, וואָס חברט זיך מיט זייערע אונ־טערדריקער, די פאַרפלוכטע קאַפּיטאַליסטן, איז געווען ווי אויל אַף אַ לעכצנדיקן פייער.

דער פאַרלאָרענער סטרייק האָט אַזוי אויך גערייצט די געמיטער. ארבעטער פילן זיך שטענדיק, אַז געראַבט זיינען זיי. עס ליגט אין זיי אַן איינגעבאָרן געפיל, אַ באַוואוסטזיין אַזאַ, אַז די גאַנצע וועלט איז אומגערעכט, איז ליגנעריש און פאַלש קעגן זיי. עס איז אי דער חיהשער אינסטינקט, אי דער באַליידיקטער, מענטשלאַכער שטאָלץ, וואָס שלאָגט־אויף דעם ארבעטערס ביטערקייט ביי יעדער געלעגנהייט.

ווען ארבעטער פאַרלירן אַ סטרייק זיינען זיי סיי־ווי זיכער, אַז אימיצער האָט זיי דאָ באַשווינדלט, און דאָ נאָך, ווען בערמאַן איז פונקט אין צייט אראָפּגעפאַלן און גענומען מיט זיין גאַנצן כעס דונערן:

— מען באַשווינדלט אייך! מען פאַרראַט אייך. אייער רעדאַק־טאָר טרינקט וויין, האַלדזט זיך און קושט זיך מיט אייערע אונטער־דריקער!

דאָס איז געווען אַ מין איבערפאַל אַף די ארבעטער, אַ מין וואַרפן זיי אין פּנים דעם גאַנצן פאַרראַט, דעם גאַנצן עקל פון דעם פאַרלאָ־רענעם סטרייק, וואַרפן זיי אין פּנים זייער בלינדקייט, זייער לאָזן זיך פירן פון אַזאַ פירערשאַפט.

די מענטשן האָבן כמעט ווי חיות גענומען צעעפענען די נאָזלעכער פון אַזוינע ביטערע און אויפגערייצטע רייד. בערמאַן האָט זיי נאָכדעם גלייך איבערגעלאָזט און איז פון זיי אַן אַ „זיי געזונט״ אַוועק צום באַן.

די מיס פעלדמאַן האָט נאָכדעם פאַרענדיקט, דאָס, וואָס בערמאַן האָט געלאָזט אינמיטן, און אַזוי, אַז אַסאַך פון די אַרבעטער, אַרבעט־לאָזע, און אפילו אַזוינע, וואָס האָבן געהאַט אַרבעט, האָבן זיך נאָכדעם מיט איר איניינעם אַוועקגעלאָזט צו דער רעדאַקציע פון „דאָס ליכט״ צו פּראָטעסטירן, אויסגיסן זייער צאָרן, און געענדיקט האָט זיך דאָס מיט דעם, וואָס זיי האָבן דאָרטן אויסגעזעצט אַלע שויבן פון דער רעדאַקציע.

דער, וואָס האָט געוואָרפן דעם ערשטן שטיין, איז דווקא געווען ווילק, אַט־דער ווילק, וועלכן מען האָט חושד געווען, אַז ער האָט, אין צייט פון סטרייק, אָנגעוויזן די גענגסטער וועמען צו שלאָגן. ווילק האָט דאָ דערזען זיין געלעגנהייט זיך אויסצופּיינען: אַט, זאָלן מענטשן זען ווער ווילק איז! אַט ווי מען דאַרף זיך נעמען צו זיי! זיך אַוועק־געזעצט אַף אונזערע בלוטיקע געלט אין די רעדאַקציעס, ווי די פּריצים, חברן זיך מיט אונזערע בלוטזויגערס — אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין!

— איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז אַזוי פּירט מען ניט קיין סטרייקס

— האָט זיך ווילק אַזש געקאָכט — היינטיקע צייטן פאַרלאָזט מען זיך ניט אַף די פּריצים מיט זייערע זיסע ריידעלאַך. אונזערע בלוטזויגערס שטעלן־אָן „שטאַרקע״, דאַרפן מיר אויך ניט זיין קיין יאָלדן. זאָל נאָר יעדערער פון אונז אונטערשטופּן די פּאָר גראָשן און איר וועט זען, ווי די חברה, וואָס האָבן אויסגעכאַפּט די קאָנטראַקטלאַך, וועלן נעמען פליען פון די שעפער ווי טייבעלאַך. מען דאַרף בלויז צעשפּאָלטן אַ פּאָר העפּ. נאָר ניט זיין קיין גרינע! דאָס איז אַמעריקע, דאַרפט איר וויסן — ניט רוסלאַנד אָדער גאַליציע. מען דאַרף דאָ ניט זיין קיין יאָלדן. איר נעמט און פאַרלאָזט זיך אַף אָט־דעם פרענקלען. ער איז ניט קיין יאָלד. ער ווייסט, ער איז אין אַמעריקע. האָלט ער אייך אין פּנים פייערדיקע דרשות קעגן די קאַפּיטאַליסטן און הינטן־אַרום טרינקט ער שאַמפּאַניער מיט זיי. אונזערע ברידער שפּאַלט מען די קעפּ און ער טרינקט שאַמ־פּאַניער מיט אונזערע בלוט־זויגערס! חברה, איך זאָג אייך, מען דאַרף זיך אַוועקלאָזן אַהין און אים דאָרט אויסזעצן אַלע פענצטער.

און דערווייל האָט ווילק אין איילעניש געשלעפּט ביי די אַרבעטער

צו קוואָדערס און צו האַלבע דאָלאַרס שרייענדיק: „נעווער מיינד" דער סטרייק איז פֿאַרלאָרן, דער סטרייק איז שוין גאָרניט פֿאַרלאָרן! איך וועל אייך ווייזן, וואָס ווילק קאָן. קומט נאָר היינט אָפּדערנאַכט צום מיטינג, וועט איר שוין זען און הערן.

ווען מען איז שוין געשטאַנען פֿאַר דער רעדאַקציע „דאָס ליכט" האָט נאָך ווילק אַלץ „געזאַמלט", ממש געליידיקט די קעשענעס. און ניט נאָר ביי אַרבעטער פֿון זיין טרייד, נאָר אפֿילו פֿון זייטיקע, וואָס זיינען זיך אָנגעלאָפֿן:

— אידן, דאָ קומט פֿאַר אַ קאַמף אויף לעבן און טויט! גיט וויפֿיל איר קאָנט!

און ווען ער האָט שוין געהאַט אַ היטל מיט געלט איז ער געבליבן שטיין אַ ווייל, אָנגעקוקט דעם עולם און אויסגעשריען:

— וואָס שטייט איר דאָ ווי ליימענע גולמס?! אַט צוליב דעם זענט איר דאָס געקומען אַהער?! — און ער האָט זיך אַזוי אַ דריי געטאָן ארום זיך, געכאַפּט דעם ערשטן שטיין, וואָס איז אים געקומען צו דער האַנט, אַ דריי געטאָן אַ פּאָר שנעלע קרייזן מיט דער האַנט. ווי ער וואָלט אין האַנט געהאַלטן ניט קיין שטיין, נאָר אַ באָל צו שפּילן, און ניט אַ געניטער האַנט נאָכדעם אַרויסגעלאָזט דעם שטיין און באַץ — — עס פּלאַצט אַ פֿענצטער...

— ער איז גערעכט, דער יונג — האָט איינער גלייך נאָכן פּלאַצן פֿון ערשטן פֿענצטער אויסגעשריען — אַט־דאָס איז דער וועג! מען באָדט זיך אין אונזער בלוט און מיר וועלן שווייגן?! שטיינער, ברידער, שטיינער!

— אין זייער אַלעמענס טאַטנס טאַטן אַריין. רוק־און־לענד דאַרף מען זיי ברעכן!

און אַזוי זיינען צעבראָכן געוואָרן אין שטיקלאַך די טאַפּליעס פֿון די פּאָר פֿענצטער פֿון דער רעדאַקציע, און די פֿענצטער האָבן נאָכדעם גענומען קוקן אויף דער גאַס מיט צאָרנדיק־צעשפּיצטע לעכער.

ווען די פּאָליציי איז אָנגעלאָפֿן איינצושטעלן אָרדענונג איז שוין ווילק ניט געווען און אַרעסטירט זיינען געוואָרן די מיס פֿעלדמאַן און אַ פּאָר זייטיקע, כמעט אינגאַנצן אומשולדיקע אַרבעטער.

קאַפּיטל צען

פרענקל האָט נאָך דעם גאַנצן נעכטיקן צוזאַמענשטויס, נאָך דעם סקאַנדאַל, וואָס בערמאַן האָט אויפגעשפּילט ביי אים אין הויז, און איבערהויפּט נאָך דעם חלשן פון זיין טאָכטער אַף דעם נעכטיקן געבורטס־טאָג אירן, זיך סיי־ווי־סיי גענומען פילן ווי אַ געשלאָגענער הונט. דאָס חלשן האָט קלאָר און דייטלאַך באַוויזן, אַז זיין טאָכטער איז טאַקע שוואַנגער. דער סקאַנדאַל, וואָס בערמאַן האָט דעם אָוונט געמאַכט אין זיין הויז, האָט אים אויסגעזען ווי אַ פאַרדינטע שטראָף.

— איך בין אַ זינדיקער מענטש — האָט ער געטראַכט. — האָב קיין כח ניט געהאַט איינצוהאַלטן מיין לעבן ווי עס פּאַסט פאַר אַ ערלאַכן סאָציאַליסט. איך האָב געזיית ווינט און איך שניידט איצט שטורעם. אַלץ געזייט אַף שטיין, געבויט אַף זאַמד, זיך געחברט מיט מענטשן, וועמען מ׳טאָר די האַנט ניט געבן, געזעסן מיט זיי ביי איין טיש, זיי אריינגעלאָזט צו זיך אין הויז. איך האָב געמאַכט קאָמפּראָמיסן. צוליב וואָס? פאַרוואָס? איך בין אַ זינדיקער מענטש. איך וואָלט געדאַרפט ארויסגיין בעטן מחילה ביי די אַרבעטער. אַ פאַרשטייער פון די אַרבעטער, וואָס חברט זיך מיט קאַפּיטאַליסטן, איז אַ פאַררעטער. ער פאַרראַט די הייליקייט פון דער אידייע, די הייליקייט פון דעם גרויסן קאַמף. ער פאַרשוועכט דעם הייליקן פּרינציפּ פון „קעגנערשאַפט צום קעגנער".

אָ, ער, פרענקל, האָט דאָס אַלץ גוט געוואוסט. נאָך אין די טעג, ווען זיי האָבן גענומען שטעלן די ערשטע טריט אַפן וועג צו קאַפּיטאַליזם, — אַט־דער איצטיקער בראָך האָט נאָך אין יענע טעג ביי מיר געפיבערט. דאָס האַרץ האָט זיך געריסן, האָט פאַרויסגעזאָגט, דאָס האַרץ האָט פאָרגעפילט. נאָך איינער־אַליין איז ער געווען, מיט קליינע כחות, האָבן בלויז די אויגן צוגעקוקט און מיט ווייטיק געזען, ווי אַלץ ארום ברעכט זיך אין שטיקער. און וואָס האָט ער באמת אַליין געקאָנט אויפטאָן אין יענע יאָרן, צווישן די ריזיקע מילשטיינער פון דער גרויסער

שטאַט? — פּרואווט ער זיך פאַרענטפערן — געדאַרפט געווען אַנטלויפן אין דער וועלט אריין — ענטפערט ער זיך צוריקשלאָגנדיק.

— בין איך דאָך אַנטלאָפן. איז וואָס פון דעם געוואָרן? — פאַר־טיידיקט ער זיך ווידער און טראַכט:

— געקומען פון דאָרט צוריק אַן ארויסגעשפּיגענער, א פאַרשפּיגע־נער און נאָך דערצו געלאָזט אַלעמען טראַכטן, אַז איך בין געווען אַף א הייליקער שליחות. אַט־דאָס לאָזן זיי אַלעמען טראַכטן, אַז איך בין געפאַרן פאַר א רעוואָלוציאָנערער טאַט אין רוסלאַנד, איז געווען מיין ערשטע, גרויסע זינד, און נאָכדעם האָבן זיך די זינד שוין געשלעפּט איינע נאָך דער צווייטער. פאַרוואָס האָב איך זיי דאָס ניט דערציילט? — טענהט ער מיט זיך ווידער איין — ווייל זיי זיינען מיר געוואָרן ווילד־פרעמד. ס'איז פּשוט ניט געווען צו וועמען צו רעדן א פאַרטרויט און אויפריכטיק וואָרט.

— אָבער זייער געלט, זייער אַרבעט פאַר דער צייטונג האָב איך דאָך אַלעמאָל גענומען — וואַרפט ער זיך ווידער פאָר — געגאַנגען צו זיי נאָך הילף.

— אָבער אַן דעם וואָלט דאָך קיין צייטונג ניט געווען — פאַר־ענטפערט ער זיך ווידער.

דאָס, וואָס „אָן דעם וואָלט קיין צייטונג ניט געווען" פאַרענטפערט פאַר פרענקלען אַסאַך זאַכן. צוליב דער צייטונג, פאַר דער צייטונג, אַלץ פאַר דער צייטונג. די צייטונג איז געווען ווי זיין קינד, זיין טאָכטער.

אַט־אַזוי האָט פרענקל געטראַכט און זיך אָנגעשטריינגט צו טראַכ־טען אַפּמאָרגן נאָך יענעם אומגליקלאַכן געבורטסטאָג פון זיין טאָכטער.

ער איז דעם מאָרגן פריער ווי אַלעמאָל אַוועק אין דער רעדאַקציע פון „דאָס ליכט". ער האָט זיך ניט געוואָלט באַגעגענען מיט ליזאַס אויגן, מיט זינאַס פּנים; ניט געוואָלט זען די שטולן, די ווענט פון זיין הויז. ער האָט געהאַט א געפיל נאָך נעכטן, גלייך ווי דער עולם איז זיך צעגאַנגען, אַוועקצוגיין אינמיטן דערנאַכט אַהין אין דער רעדאַקציע.

די רעדאַקציע — דאָס איז געווען זיין קדשי־קדשים. אַהין פלעגט ער קומען ניט נאָר ווי א כהן־גדול צו דער עבודה, נאָר אָפט ווי א פאַר־

ברעכער, וואָס פּלעגט אין אַמאָליקע יאָרן לויפן זיך אַנצוכאַפּן אַן די הערנער פון דעם מזבח.

כאָטש אין וואָס איז דאָ אייגנטלאך באַשטאַנען זיין פּאַרברעכן? עס איז דאָך, אַז מען וויל, דאָ גאָר קיין פּאַרברעכן ניט באַגאַנגען געוואָרן. האָט ער דען ניט געפּריידיקט קיין פרייע ליבע? האָט ער דען ניט געוואָלט, אַז די טאָכטער זאָל זיין די טרעגערן פון זיינע אידעאַלן?...

נאָר זי איז דאָך נאָך אַזאַ יונג קינד, און גאַבריעל... ער האָט דאָך שוין געקאָנט האָבן אַן עלטערע טאָכטער פון איר... און גאַבריעל איז דאָך נאָך דערצו אַזאַ ניט פאַראַנטוואָרטלאַכער..

נאָר גאַבריעל איז דאָך אַזאַ פּערזענלאַכקייט, אַ קינסטלער, אַן אינטעליגענטער מענטש, אַן אומדערמידלאַכער רעוואָלוציאָנער, גאַבריעל —דער גרויסער בונטאַר; גאַבריעל — דער אָריגינאַל, דער מאַן, וואָס ווייסט געניי און זיכער, וואָס ער וויל. ניט ווי מיר.

אָך, יאָ, יאָ, — עפּעס איז דאָ פאַראַן אַן אמת, וואָס איך פאַרשטיי ניט, וואָס איך ווייס ניט, ווייל איך בין בלויז אַ שוואַכער, אַ זיגדיקער מענטש.

אַזוי איז זיך פרענקל געזעסן אַ צעגעסענער, אַ פאַרזונקענער אין געדאַנקען ביז דער מינוט, וואָס די דעמאָנסטראַציע איז אָנגעקומען צו זיין רעדאַקציע, ביז קורץ איידער די פענצטער האָבן זיך גענומען ברעכן פון די שטיינער פון גאַס. בראַווערמאַן און פינק זיינען גלייך אַריינגעקומען, אַריינגעלאָפן. פרענקל, אַ דורכגעגעסענער, אַ שוואַרצער פון אויפרעגונג איז זיי אַנטקעגן געקומען. בראַווערמאַן האָט אים דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט און מיט זיין חוצפּהדיקן אַרויסרופנדיקן קול געפרעגט:

— וואָס, איר ווייסט גאָרניט?!

— וואָס? — האָט פרענקל געפרעגט, טאַקע ניט וויסנדיק.

— די דורכגעפאַלענע סטרייקער גלויבן, אַז „דאָס ליכט" האָט זיי פאַרראַטן. זיי שטייען דאָ אַ „מאַב" פאַר די פענצטער, שעלטן, רייסן די צייטונגען אין שטיקער און טרעטן זי מיט די פיס אַלס פּראָטעסט.

די צייטונג „דאָס ליכט" ווערט געריסן אין שטיקער פון אַרבעטער, ווערט געטראָטן מיט די פיס — האָט פרענקל שוואַרץ אויפבליצ-

דיק א טראכט געטאָן און אזוי ווי פונדאָסניי דערהערט אָט־די שרעקלאַך־ווילדע ווערטער און דערביי ניט געקאָנט ארויסרעדן קיין וואָרט.

— און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס ועט זיך ענדיקן — האָט אויפ־געדעגט בארעדעוודיק און געשעפטמעסיק זיך אָנגערופן די מאדאם פינק — איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אז מען דאַרף א ראדיקאַלע ענדערונג...

— און נאָך איידער זי האָט פארענדיקט האָט א פּלאַץ געטאָן דאָס גרויסע פענצטער און ווילקס שטיין איז מיט א פּאָר שטיקלאַך צעבראָכענעם גלאָז א פלי געטאָן און א פאַל געטאָן כמעט לעבן פרענקלס פיס.

פרענקל איז געוואָרן בלאסער, צעטומלטער. די פּראַסטיקע לופט האָט זיך ארייננגעריסן און איז אויך א פאַל געטאָן אף פרענקלען ווי א שטיין א שארפער.

קאַפּיטל עלף

ווילקס טאָג איז געקומען.

נאָך אין דעם אייגענעם אָוונט, האָט ווילק געהאַט די געלעגענהייט צו דערווייזן, אַז דער אמתער אַרבעטער־פירער איז ער, ווילק.

נאָך אין דעם אייגענעם פאַרנאַכט, עטלאַכע שעה נאָכן ברעכן די פענצטער פון דער רעדאַקציע „דאָס ליכט", זיינען עטלאַכע „שטאַרקע" באַפאַלן און „געפּלעט קעפּ" פון „סקעבס". מער פון אַלעמען זיינען אָף ווילקס וואונק צעהאַרגעט געוואָרן עטלאַכע פון די, וואָס האָבן „געכאַפּט קאָנטראַקטלאַך".

די אַרבעטער איז פון דעם אויפגעגאַנגען ווי אַ נייַ ליכט פאַר די אויגן. אַ וואַרימע פרייד האָט גענומען פראַלן פון זייערע הערצער און זייערע אויגן. „ווילק מאַכט דעם ריכטיקן דזשאַב. ווילק פירט זיי פון זיג צו זיג. די ריכטיקע צייט איז געקומען. נידער מיט די אינטעליגענטן, די פאַררעטער, וואָס קושן זיך אין די פּיסקלאַך מיט אונזערע אונטער־דריקער."

און אַז ווילק האָט געזאָגט, אַז אַפּדערנאַכט דאַרפן אַלע זיין אין זאַל צום מיטינג פון דער „יוניאָן", איז מען געקומען. מען איז געלאָפן מיט פרייד; מען איז געלאָפן מיט שרעק. מען האָט דערפילט, אַז דאָס איז שוין „גאָר אַ גאַנץ אַנדער זאַך". מען האָט זיך געקליבן און געקלעפּט אַרום ווילקן, ווי אַרום אַ נייער זון.

דער זאַל איז געווען העל באַלויכטן און פון אַלע זייטן:

— ווילק.

— ווילק.

— ברודער ווילק.

— אַט־דאָס הייסט אַ דזשאָב, ווילק.
— שוין לאַנג געדאַרפט אַזאַ יונג מיט ביינער!
— זאָלן זיי אויך פּאַרזוכן דעם טעם פון פעפער שמעקן!

בערמאַן, וואָס איז גלייך נאָך זיין אינדערפריערדיקער רעדע, אוועק צום באַן און אוועק פון ניו יאָרק, האָט דאָ קיינעם ניט געפעלט. ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער אפשר אויסגעזען, ווי אַן איבעריקער.

אַף ווילקס גליק איז נאָך אינמיטן פון דעם מיטינג אַריינגעפאַלן בעני, אַ צעקיילטער און צעביילטער מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. אַף בענים גורל איז דאָס אויסגעפאַלן היינט נאָכאַמאָל געשלאָגן צו ווערן און בעני האָט הויך, אַף אַ וויינענדיקן קול גענומען טענהן:

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר? ברידער, פאַרוואָס? איר ווייסט דאָך, אַז איך בין געווען פון די ערשטע אַרויסצוגיין אין סטרייק. איך האָב אַליין געהאָלפן רופן דעם סטרייק און ראָזע איז אויך ניט שולדיק. זי האָט אַ מומע אַזאַ, זאָל אַ רוח אין אירע ביינער אַריין! אָבער ראָזע איז אַ גוט־ מיידל. איך פרעג אייך נאָר, פאַרוואָס האָט מען מיך איצטער געשלאָגן? קאַרג בין איך אויסגעריסן געוואָרן, איך האָב דאָך די ערשטע קלעפּ געכאַפּט אין אָנהויב פון סטרייק. נעמט מען איצט און מען שלאָגט מיך ווידער. אַ ניט, בין איך דען געגאַנגען צוריק צוליב דעם קאָנטראַקט? אַ שוואַרצער יאָר אַף דער „מאָדל" מיט אירע באַ־סעס. אָט נאָט. איך צערייס דאָ דעם קאָנטראַקט פאַר אייך אין די אויגן. איך בין געגאַנגען צוריק, ווייל איך האָב געמיינט, אַז דער סטרייק איז שוין אַ פאַרלאָרענער. נעמט מען און מען שלאָגט מיך דערפאַר!... קאַרג נאָך, וואָס מען האָט פריער געשלאָגן? איך וויל נאָר וויסן, פאַרוואָס האָט מען צו מיר מער, ווי צו אַלעמען? פאַרוואָס? בין איך געווען אַ שלעכ־טער סטרייקער, אַ? זאָל מען מיר זאָגן!

דער עולם האָט געלאַכט, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז בעניןפלאַצט פון דעם די גאַל, און דער צופרידענער און שמייכלענדיקער ווילק איז פון דעם געוואַקסן אין זייערע אויגן.

שפּעטער איז צום מיטינג אויך געקומען בראַווערמאַן. שוין אַלס דער נייער רעדאַקטאָר פון „דאָס ליכט". ער איז געקומען באַגריסן די

סטרייקער, אַלס רעדאַקטאָר פון זייער צייטונג און זיי אָנזאָגן די בשורה, אַז די אַרעסטירטע חברים — די סטרייקער וועלן אינגיכן באַפרייט ווערן. עס איז געלונגען פאַר זיי צו קריגן „בייל" און אַ גוטן אַדוואָקאַט, אַ געניאַלע, וואָס וועט פאַר זיי אויפטרעטן אין געריכט. צוויי אַדוואָקאַטן, האָט בראַווערמאַן גלייך צ.געלייגט — ווייל איך בין איינער פון זיי.

און בראַווערמאַן איז אויפגענומען געוואָרן מיט וואַרימע אַפּלאָדיסמענטן, אַלס רעדאַקטאָר און אַלס גוטער נייס־ברייינגער, און אַלס אַדוואָקאַט. די יוניאָן האָט שוין הייסט דאָס איצט אַן אייגענעם אַדוואָקאַט.

קאַפּיטל צוועלף

די צעבראָכענע פענצטער אין דער רעדאַקציע „דאָס ליכט" האָבן אַריינגעבראַכט דעם סטרייק אין אַלע ענגלישע צייטונגען. פריער איז געקומען אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון די צעבראָכענע פענצטער מיט אַ גרויסער אויבערשריפט: „אַ ראַיאָט אַף דער איסט סייד". נאָכדעם זיינען געקומען די באַשרייבונגען און דערקלערונגען. די ענגלישע צייטונגען האָבן זיך דווקא כמעט אַלע פאַרהאַלטן סימפּאַטיש צו די סטרייקער. אַ פּאָר האָבן אפילו געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די באָסעס טרייבן די אַרבעטער צו „גוואַלד־טאַטן".

די „באָסעס־אַסאָסיאיישאָן" האָט זיך דערשראָקן... דערצו נאָך האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז דער סעזאָן, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ פריער, האָט גאָר ערשט איצט גענומען קומען, און זיי האָבן אַף זייער אַ ספּעציעל־גערופענעם מיטינג, באַשלאָסן נאָכצוגעבן די סטרייקער אין אַלץ, וואָס לאָזט זיך. און נאָכן מיטינג האָט בערנשטיין געזאָגט צו קאַלמאַנאָוויטשן:

— נו, בערל. עס איז שוין, ווייזט אויס, ניט דאָס, וואָס אַמאָל. די ערד, הייסט דאָס, באַוועגט זיך פאָרט.

דאָס וואָס בערנשטיינען איז איינגעפאַלן אָנצורופן קאַלמאַנאָוויטשן מיט זיין היימישן, אינגלשן נאָמען, האָט זיי ביידן דורכגענומען ווי מיט אַן עלעקטרישן שטראָם. די אינגלשע ריינקייט האָט זיי ביידן אַזוי ווי דורכגעטרייסלט פאַר אַ מינוט. האָט זיי דערמאָנט אָן זייער ביידנס „אַרבעט" פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און זייער ביידנס אַרבעט פאַר אָרגאַניזירן יוניאָנס דאָ אין לאַנד, אָן די מאָדנע וויינענדיקע אויסברוכן פון זייערע ווייבער. קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך געפּרואווט פאַרהאַרטעוועט איינהאַלטן און געזאָגט:

— וואָס זשע, לייבל, שוין טאַקע עפּעס אַנדערש, אַ? — און צוגעגעבן — נייע צייטן קומען־אָן, וואָס? — און ווידער צוגעלייגט:

— נו פאַרט, מיר האָבן עפּעס קאַרג כוחות אף דעם אָוועקגעלייגט. וואָס?

— כאָטש די געשעפטן, גלויב איך ניט, אַז דאָס זאָל שאַטן — האָט בערנשטיין צוגעלייגט — אַט־דער גאַנצער טומל אין די ענגלישע צײַטונגען האָט, ווייזט אויס, אַרײַנגעבראַכט אַסאַך לעבן אין אונזער אינדוסטריע. דאָס האָט אונז, ווייזט אויס, גאַנץ גוט אַדווערטייזט.

— ווער ווייסט... — האָט קאַלמאַנאָוויטש פילדייטיק געענטפערט

— דאָס וועלן מיר ערשט דאַרפן זען... נאָר אף פרענקלען איז טאַקע א רחמנות.

— יאָ — האָט בערנשטיין, נאָכדיינקענדיק געענטפערט — אָוועקגעבן זיין גאַנץ לעבן און מיט אַזוי פיל איבערגעבנקייט. איצט האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן אף צוויי שפּענדלאַך.

— און איצט וועט דאָס ערשט אָוועקגיין א סדרה פון סטרייקס.

— יאָ. איך הער, אַז עס רודערט זיך שוין אין עטלאַכע טריידס.

— און פרענקל וועט ניט זיין דערביי?

— געדענקסט, ווען ער איז נאָר־וואָס געקומען פון סיביר? ס'אַרא ליכטיקער בחור, א ברען!... וועלטן געקערט...

— און דער בראַווערמאַן איז דאָך אַן אייזל.

— זיי דאַרפן איצט האָבן אַזוינע אייזלען — זאָגט בערנשטיין.

— וואָס מיינסטו?

— אַט וועסטו זען. ער וועט אַרײַנלייגן אביסל ווייניקער נשמה. וועט זיך דאָס דערפאַר אַרבעטן שטאַרקער.

קאַלמאַנאָוויטש בלייבט שטיין, טראַכט א ווײַלע און גיט צו:

— ביסט אפשר גערעכט. אָבער...

— וואָס, אָבער? — פרעגט בערנשטיין, אויפהויבנדיק די אויגן אף קאַלמאַנאָוויטשן, וועמעס פלוצלונדיקער „אָבער" האָט אים מאָדנע א קלונג געטאָן.

— דו ווייסט, אַז די חברה האָבן געפייערט זייער זיג מיט א מאַרש איבער די גאַסן?

— נו?... — פרעגט בערנשטיין פאַרשנדיק, כאָטש שוין אויך אביסל שמייכלענדיק.

— איז וואָס שמייכלסטו — פרעגט קאַלמאַנאָוויטש, שוין אויך

שמייכלענדיק, אָבער מיט אַ פאַרשעמטער וואַרימקייט אַרום די אויגן.

— נו, איך זע דאָך, אַז דו ווילסט עפּעס דערציילן — האָט בערנ־שטיין געמאָנט.

— גאָרניט וויל איך דערציילן — זאָגט קאַלמאַנאָוויטש אַליין, מאָדנע שמייכלענדיק — נאָר ווען איך האָב דערזען די חברה אַזוי מאַרשירנדיק, מיט פאָנען, מיט מוזיק, האָב איך מיר אָוועקגעשטעלט מיין אָטאָמאָביל ביי אַ זייט גאַס און בין אַוועק און זיך אָנגעשלאָסן אין מאַרש.

— דו — אין מאַרש ? ! — פרעגט בערנשטיין.

— פאַרוואָס ניט ? — רופט זיך אָן קאַלמאַנאָוויטש גאָר ערנסט — מיר האָבן אַף דעם קאַרג געהאָרעוועט, קאַרג כוחות אַף דעם אַוועק־געלייגט... און נאָכן מאַרש האָבן זיי דאָרטן געהאַלטן פייערדיקע רעדעס. האָב איך טאַקע אַפּלאָדירט אויך. פאַרוואָס ניט ?

בערנשטיין קוקט אים אָן. דערפילט אַ ניט פאַרשטענדלאַכע וואַרימ־קייט אַפן פנים און פרעגט אַזוי, גלייך קוקנדיק אַף קאַלמאַנאָוויטשן :

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען אימיצער וואָלט דיך דאָרט דערקאָנט ?

— מען האָט מיך אָבער ניט דערקאָנט — ענטפערט קאַלמאַנאָוויטש.

— ! ?...

— יאָ.

—און דו האָסט אַפּלאָדירט אויך ? — פרעגט אַליין בערנשטיין מיט אַ מאָדנעם קלאַנג אין קול.

— יאָ — ענטפערט קאַלמאַנאָוויטש.

— אַזוי ווי אַמאָל ? — פרעגט אַליין בערנשטיין.

— יאָ. יאָ.

— גוט. גוט... — פאַרענדיקט בערנשטיין.

קאַפּיטל דרײַצן

װען עס קומען צײַטן, קומען זײ ניט־פֿרעגנדיק בײַ קײנעם.

בראַװערמאַן האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט צײַטיקער, זיכערער. זאַכן זײַנען אים אַנטקעגן געגאַנגען און ער איז געװען זיכער, אַז ער װײסט פֿאַרװאָס דאָס איז. — עס איז דערפֿאַר, װאָס ער פֿאַרנעמט זאַכן בעסער און פֿאַרשטײט קלאָרער. ער איז ניט, װי דער פֿאַרדרײטער פֿרענקל, אָדער דער פֿאַרפּלאָנטערטער בערמאַן, װאָס האָט זיך פּונקט אין דער נױטיקסטער מינוט אױפֿגעהױבן און איז אַנטרינען געװאָרן.

ער, בראַװערמאַן, האָט אַ קלאָר אױג און אַן אמת מאַטעריאַליסטישן בליק אױף זאַכן און געשעענישן. און קײן פֿײגלינג איז ער זיכער ניט. ער איז אױפֿן פּלאַץ און װעט שטענדיק זײַן אױפֿן פּלאַץ.

די מינדלין, װאָס האָט זיך צוריק גענומען רופֿן „בעסי פֿינק״, האָט אים די גאַנצע צײַט זײער פֿיל געהאָלפֿן צו זײַן אױפֿן פּלאַץ. זי האָט אים געהאָלפֿן האַלטן די מאַכט, האָט אים געהאָלפֿן מיט האַנדלונגען און מיט עצות, מיטן רעדאַקטירן און אַפֿילו, אױף װיפֿיל זי האָט געקאָנט, מיט צוגרײטן זײַנע לעקציעס פֿאַרן אוניװערזיטעט.

זי איז געװען זיכער, אַז ער מוז פֿאַרענדיקן זײַן שטודיום. ער מוז װערן אַן אַדװאָקאַט. אַ ריכטיקער אַמעריקאַנער לאָיער. דעמאָלט װעט ער ערשט קאָנען װערן דער גרױסער אַמעריקאַנער אַרבעטער־פֿירער.

אינײנעם אָבער מיט בראַװערמאַנס צוגעקומענער זיכערקײט און רײַפֿקײט זײַנען אױך זיכערער און רײַפֿער געװאָרן זײַנע געפֿילן צו גערטרודן און אונטער די שטילע, אײן זיך פֿאַרטראַכטע בליקן פֿון גערטרודס גרױסע אױגן פֿלעגן פֿאַר בראַװערמאַנען זײַנע באַציאונגען מיט בעסין אױפֿשטײן, װי אַ שװערער פֿלעק אױף זײַן פּנים.

האָט ער זיך אױף זײַן פּשוטן, פּראָסטן און זיכערן אופֿן באַפֿרײַט פֿון בעסין. בעסי האָט זיך לכתחילה ניט געגלױבט; זי האָט גערעכנט, אַז ער איז פּשוט אַ נאַרישער אינגל און װײסט ניט, װאָס ער טוט. ער

וועט זיך געווים באַלד באַזינען. זי האָט זיך אָבער אינגיכן מיט שרעק און ווילדער פאַרצווייפלונג געכאַפּט, אַז זי האָט דאָ פאַרשפּילט איר לעצטע קאָרט. אירע אויגן, מיט די סאַך צוגעקומענע קליינע קנייטשלאַך אַרום זיי, האָבן מיטאַמאָל מיט שרעק און מיט ביטערקייט דערזען, אַז אַ נישטיקער, אַ קליינבירגערלאַכער דור איז אונטערגעוואַקסן; אַ דור אַ נייער, וואָס האָט ליב ריינקייט, אומשולד. קליינבירגער! און זיי לאָזן זיך אפילו ניט אָנוואַרימען לעבן זיך... און אַליין זיך באַטייליקט, אַליין געהאָלפן אויסוואַרימען מענטשעלאַך מיט פלאַכע, קליינבירגערלאַכע סענטימענטן. אָבער, ניין. זי איז ניט שולדיק אין דעם. אַלע זיינען שול־דיק. די גאַנצע וועלט איז שולדיק...

זי איז געווען גרייט צו באַשולדיקן אין דעם די גאַנצע וועלט, נאָר מער פון אַלעמען איז אָבער אין דעם געווען שולדיק פרענקל. ער איז געווען אַן אומפּייאיקער פירער, אַ שוואַכמוטיקער, אַ מענטש אָן אַ כאַראַקטער. דאָס איז אַלץ די פרוכט פון זיין שוואַכער, ווילנלאָזער פירונג.

און דערביי פלעגט זי זיך עסן און אויפגעגעסן ווערן, און טראַכטן, און זען, און פילן, אַז איר ווירקונג הויבט זיך אָן אויסלאָזן. ענדיקט זיך, האָט זיך שוין געענדיקט.

זי האָט זיך ביסלעכווייז גענומען צוריקציען. זיך ווייזן וואָס זעל־טענער. געקוקט אַף זיך און אַרום זיך. געטראַכט פון־מאָל־צו־מאָל פון דעם, וואָס, ווען עס קומען צייטן, קומען זיי ניט־פרעגנדיק ביי קיינעם. און פון דעם — צי עס האָט צוליב דעם געלוינט אַוועקצוגעבן אַזוי פיל צייט, אַזוי פיל געזונט און אַזוי פיל לעבן.

און צייטן זיינען געקומען, און צייטן זיינען געגאַנגען און האָבן זיך ניט געזאָרגט און פאַרט ניט געפרעגט ביי קיינעם.

בעסי האָט גענומען אָפּט אַריינגיין צו די פיינמאַנס, איבערהויפּט, ווען זי האָט געפילט, אַז זי וועט דאָרט קיינע זייטיקע ניט טרעפן. זי פלעגט זיך דאָרט פאַרזיצן ביז שפּעט אינדערנאַכט. ווען עס פלעגט קומען די צייט פון צו גיין אַהיים, פלעגט זי, געוויינטלאַך, בעטן, אַז אימיצער זאָל זי באַגלייטן. פיינמאַן פלעגט זיך אָנבאָטן דאָס צו טאָן און פלעגט, פאַרשטייט זיך, מיטנעמען זיין גראָבן שטעקן.

איינמאָל, אין אַ זומערדיקער נאַכט, ווען פיינמאַן האָט אַזוי באַ־

גלייט בעסין צו איר וואוינונג, האָט בעסי אָפּן וועג זיך אַלץ געטוליעט צו אים און גערעדט, ווי אַ נערוועזע, ווי אַן עלנטע, אַ פאַרוואָרלאָזטע פרוי:

— אַך, דיין שטעקן האָט דאָך אין זיך אַזוי פיל דערינערונגען. אפשר וואָלסטו מיר גאָר געשיינקט דיין שטעקן. איך האָב עפּעס לעצטנס... מורא... קיינער וועט מיך, דאַכט זיך, ניט אויסכאַפּן. נאָר אַ מורא אַזאַ אַף מיר... ניט נאָר האָב איך מורא צו גיין אין די גאַסן ביי־נאַכט, נאָר איך האָב מורא צו זיין אין מיין צימער אַליין. און פאַרוואָס איז דאָס, פיינמאַן? איך האָב, דאַכט זיך, קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן און פונדעסטוועגן מיידט מיך יעדער! אוים? פאַרוואָס? מענטשן זיינען סוף־כל־סוף חזירים. מעגסט זיך זיי אַוועקגעבן אינגאַנצן, וועלן זיי דיך אַרויסוואַרפן ווי אַן אָפּגענוצטע שמאַטע, ווען זיי דאַרפן דיך ניט מער.

— דיין פאַניא האָט דאָס געמאַכט קלינער... קליינבירגערלאַכער. אָבער קלינער. נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן. איך האָב ניט קיין חרטה. ביין. נאָר אין די נעכט האָב איך מורא צו גיין אין גאַס אַליין און האָב מורא צו זיין אין הויז אַליין. איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך וואָלט געטאָן צו זיך...

איינמאָל ווען בעסי האָט אַזוי נערעדט און גערעדט, האָט פיינמאַן גענומען טראַכטן, אַז מען דאַרף איר עפּעס זאָגן. האָט ער געטאַפּט אַלץ זיין גראָבן שטעקן און געטראַכט, אַז מען דאַרף איר אַף געוויס עפּעס זאָגן, נאָר וואָס, ווייסט ער ניט. און זי רעדט אַלץ. אָט קלאָגט זי זיך שוין אַף דעם, וואָס מען זעט ניט גאַבריעלן אין ערגעץ. זינא האָט דאָך שוין פון אים אַ צווייט־ קינד. מיידט ער, גאַבריעל, שוין אינגאַנצן אוים פרענקלס הויז. זי שוואַנגערט צו אָפּט. און ער איז אפשר גערעכט. אַזאַ הייסנטוועלטיק מיידל האָט געדאַרפט האָבן מער שכל. אַזוי פלעגט ער נאָך אַמאָל אַרויפקומען צו אייך, אָבער זינט דו האָסט אים אַראָפּ־געוואָרפן פון די טרעפּ, ווייזט ער זיך שוין צו אייך אויך ניט. און ווער וואָלט דאָס געגלויבט אַף דיר? טשעפּעסט, דאַכט זיך, גאָר קיינמאָל קיין פליג אָפּן וואַנט ניט און דאָ, מיטאַמאָל, אַ כאַפּ טאָן אַ מענטשן פאַרן האַלדז און אים מיט אַזאַ רציחה אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ. מען זאָגט, ער איז נאָכדעם געלעגן אין האָספּיטאָל אַ צייט. מען זאָגט, אַז

ער איז נאָך איצט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אין האָספּיטאַל. און אַלץ דערפאַר, וואָס גערטרוד האָט דיר דערציילט, אַז ער האָט זי באַליי־דיקט. איך ווייס ניט. איך האָב טאַקע ניט קיין קינדער. האָב טאַקע קיינמאָל ניט געהאַט קיין קינדער, אָבער אָנכאַפּן אַזוי אַן אייגענעם מענטשן! וואָס טוסטו, ווען ער ווערט טאַקע געהרגעט? ער האָט דאָך טאַקע געקאָנט דערהרגעט ווערן! און וואָס האָט ער איר דאָרטן גע־טאָן?... דאָס איז דאָך אַלץ געווען אין יענעם אָוונט ביי פרענקלען אין הויז. אין דעם אייגענעם צימערל, וואו זי האָט ראָמאַנסירט מיט דעם ווילדן יונג, מיט דעם בערמאַנען. איז וואָס? וואָרפסט דערפאַר אַ מאָדערנער מענטש אַרויס אַן אייגענעם חבר אַף אַזאַ אופן פון הויז אַרויס. האָסט דאָך דאָס קיינמאָל צו קיינעם ניט געטאָן אַמאָליקע יאָרן... אדרבה, פלעגסט נאָך גאָר יענעם אָפּטרעטן דיין אָרט... — אַפּנים, יאָרן ענדערן זיך. צייטן בייטן זיך. צו דו מיינסט אפשר, אַז גערטרוד וועט אַף אייביק פאַרבלייבן אַן אָפּגעריסענער נאַר? אָט, זעסטו, בין איך געבליבן איינע אַליין. איך האָב פונדעסטוועגן קיין חרטה ניט. איך האָב גלאַט מורא צו זיין איינע אַליין. ס'איז מיר אומעטיק. עס פאַלט אַף מיר אָן אַ שרעק. עס איז שרעקלאַך צו זיין אַליין. שרעקלאַך, שרעק־לאַך... אָבער קיין חרטה האָב איך פאַרט ניט. איך וואָלט פונדעסטוועגן וועלן וויסן, צי דו וואָלסט אָט־דעם ניט־דערצויגענעם, ווילדן בערמאַן, אויך אַזוי אַרויסגעוואָרפן פון הויז, פאַר אַזאַ זאַך?

פיינמאַן איז געבליבן שטיין, זי אָנגעקוקט, דערפילט אין האַנט די געוואוינטע, גוטע שווערקייט פון זיין שטעקן און זיך גראָד איצט מיטאמאָל דערמאָנט, אַז ער האָט איר שוין איצט יאָ וואָס צו זאָגן. יאָ אוודאי דאַרף מען איר עפּעס זאָגן:

— דו ווייסט? — האָט ער זיך אָנגערופן — אין רוסלאַנד רודערט זיך דאָך...

— וואָס מיינסטו? — פרעגט בעסי, זיך אָנשטעלנדיק אַף אים.

— עס רודערט זיך. עס שמעקט, דאַכט זיך, מיט אַן איבערקערעניש, מיט רעוואָלוציע.

— מיט רעוואָלוציע — האָט זי אויסגעשריען, מיט אַן אויפגעיונגטן האַרץ, און זיך, מיט אַמאָליקער פרייד, אָנגעכאַפּט מיט אירע ביידע

הענט אָן זיין שווערן אָרעם — רעוואָלוציע, רעוואָלוציע! וואָס רעדסטו? טאָקע? רעוואָלוציע אין רוסלאַנד! וואו האָסטו דאָס געזען?!

— אין צייטונג, היינט.

— קיין רוסלאַנד. קיין רוסלאַנד! — איך פאָר קיין רוסלאַנד! האַ־האַ, ס'אַרא נאַר איך בין. האָב זיך איינגערעדט אַ מורא. וואָסער מורא — רעוואָלוציע! רוסלאַנד! מיר האָבן דאָך דאָ אַלע געליטן, זיך געמאַטערט, געמוטשעט. שיר אונזערע לעבנס צעבראָכן צוליב דער רעוואָלוציע, צוליב רוסלאַנד. מירן אַלע פאָרן קיין רוסלאַנד. אַלע, אַלע... און דו שווייגסט וועגן דעם, דעם גאַנצן אָוונט און זאָגסט וועגן דעם קיין וואָרט ניט. גאָט מיינער! איז דאָס אמת, אמת?

— און זי פאַלט אָף אים און נעמט אים קושן.

— ס'אַרא נאַר איך בין — זאָגט פיינמאַן און ווערט ערשט איצט אויפגעראַמט — און איך האָב דאָס גאָר פאַרגעסן. אפילו פאַניען ניט געזאָגט וועגן דעם.

שטיקער און פּאָסן פּויפּט

קאַפּיטל פּערצן

וועז בעסי איז אריין צו זיך אין צימער, איז איר האַרץ געוועזן אַזוי שטאַרק און שרעקלאַך איבערגעפּילט, אַז זי האָט פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

א גרויסע, א ריינע זון האָט, האָט זיך, דאַ מיטאַמאָל זיך א הויב געטאָן, זיך אוועקגעלייגט אַף א פרייער ערד און מיט ארויסגעשפּאַרטע פריידיקע שטראַלן, געקוקט בעסין גלייך אין די אויגן אריין. און ווי אַן ווערטער געזאָגט: איך בין דאָ. איך בין רעוואָלוציע.

אַף פּרענקלען איז בעסי געווען, דאַכט זיך, אין כעס די לעצטע צייט, אָבער דער ערשטער רעאַלער געדאַנק, וואָס איז איר איצט געקומען אין קאָפּ אריין, איז געווען אָפּצורופן פרענקלען און אים אָנזאָגן די בשורה. כאָטש פרענקל ווייסט דאָך דאָס געוויס. נאָר זי וואָלט זיך גלאַט געוואָלט דורכרעדן מיט אים וועגן דעם. — זי האָט אין דער מינוט דערפּילט אַזאַ שטאַרקע פאַרוואַנדשאַפט צו פרענקלען — דער אָרימער דאַרף דאָך געוויס זיין פול מיט פרייד. זיך דערוואַרט. זיין טאָג איז געקומען. אונזער אַלעמענס טאָג.

פרענקל איז אָבער ניט געווען אינדערהיים. ער איז געווען אין קאָנטרי, ביי שליאַפּניקאָוון. געפאָרן אָפּנעמען זינאַן, האָט איר פרענקלס ווייב, ליזא, דערקלערט.

— זינא איז ניט געזונט. ווייסט דאָך מיטן צווייטן קינד. האָבן מיר זי אוועקגעשיקט צו שליאַפּניקאָוון אין די בערג אַף א פּאָר וואָכן.

— נו, און וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? — האָט בעסי געפרעגט.

— וואָס זאָל זיך הערן?

הייסט דאָס, האָט בעסי פּינק א טראַכט געטאָן, אַז ליזא ווייסט נאָך פון גאָרניט, און אַזוי ווי בעסי האָט געוואָלט זיין די ערשטע אַף אָנזאָגן פרענקלען די בשורה, האָט זי זיך דערפאַר איינגעהאַלטן און ניט אויסגעזאָגט ליזאַן די נייעס, נאָר פונדעסטוועגן צוגעגעבן:

— וואָס הייסט „וואָס זאָל זיך הערן", נעם אַ צייטונג, וועסטו הערן נייעס...

ליזא האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס איז בלויז אַ חכמה אַף צו לאַכן, האָט זי אַ לאַך געטאָן.

און בעסי האָט טאַקע נאָכדעם גלייך אָפּגערופן פרענקלען אַף דעם „לאַנגן דיסטאַנץ"-טעלעפאָן. און אים און די שליאַפּניקאָווס אָנגעזאָגט, אַז „אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע!"

די הויז האָט דאָרטן גענומען גיין כאָדאָראָם. אַלע האָבן אַריינגע־רעדט, געפרעגט און איבערגעפרעגט. פרענקל, אַניוטקאַ, שליאַפּניקאָוו, זינאַ, אפילו דער באָי — פערדינאַנד לאַסאַל, האָט זיך נאָכגעפרעגט צי ס'איז אמת.

פרענקל האָט, אַף יעדן פאַל, גלייך נאָכדעם אָפּגערופן די לאָקאַלע צייטונג און כאָטש די צייטונג האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף נאָך פונ־דעסטוועגן אָפּוואַרטן ביז מאָרגן, ביז ווייטערע נייעס. די טעלעגראַמע, וואָס איז געווען געדרוקט אין בלויז איין ניו יאָרקער צייטונג, איז אַגב ניט קיין אָפיציעלע, האָט מען אין שליאַפּניקאָווס הויז אָבער פאָרט אָנגענומען די נייעס, ווי בעסי האָט זי איבערגעגעבן אַפּן טעלעפאָן. וואָרים, אַז זי האָט ספּעציעל אָפּגערופן פון ניו יאָרק וועגן דעם, איז דאָך געווים ניט אומזיסט. זי איז דאָך דאָרט אין ניו יאָרק.

ביי אַלעמען האָבן זיך נאָכדעם די צונגען פאַנאַדערגעבונדן. מען האָט גערעדט, געלאַכט און געקושט זיך. דאָס הויז מיט דער פאַרם דאַרף מען פאַרקויפן.

— אוודאי, דאַרף מען דאָס פאַרקויפן.

— פאַרקויפן אַלץ, זיך איינפּאַקן און פאָרן קיין רוסלאַנד.

פערדינאַנד און זינאַ האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די פּלענער, זיינען, דאַכט זיך, אויך געפאָרן, אָבער בלויז מיטן מויל און מיט די אויגן אַבּיסל... שליאַפּניקאָוו, אָבער, האָט געוויינט פאַר פרייד. אַלע־מאָל פונדאַסניי זיך געפּאָלן קושן. גענומען טרינקען (אַ זאַך, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געטאָן) טרינקען פאַר רוסלאַנד. דער באַפריי־טער. פאַר דער גרויסער, באַפרייטער מוטער רוסלאַנד!!!

נאָכדעם האָט זיך שליאַפּניקאָוו צערעדט אַז אַז אָפּהאַלט. זיינע

טורמע־טעג, זיינע סיבירער טעג האָבן פאַר אים אויפגעשיינט, מיט זיל־בערנע קרוינען.

— מיט אָרעאָלן ליכטיקע שיינען איצט אויף אַלע אונזערע טורמע־און קאַטאָרגע־טעג. פרענקל, ברודער. פרענקל, ברודער! ארמייען גאַנ־צע פון טעג אַזוינע שיינען איצט אויף. ווי כּלות אויסגעפּוצט קומען איצט אָט־די טעג צו ברייננגען ליכט פאַר אונזער לאַנד. פרענקל, טייע־רער, לאָמיר זיך נאָכאַמאָל באַגריסן! און דו, אַניוטקא, מיין מלאך, מיין ריינער, מיין גוטער...

אַניוטקא איז צוגעגאַנגען, ארויפגעלייגט איר האַנט אַף זיין גרויסן רוסישן קאָפּ, אַף אים צו באַרואיקן, צוגעבויגן דעם קאָפּ צו זיך און אים געגומען קושן אַפן שטערן:

— באַרואיק זיך, באַרואיק זיך.

שליאַפּניקאָוו האַלדזט זי, קושט זי און באַפרייט זיך. אים וואָלט זיך וועלן איצט גאַנץ פּושקינס מאַזעפּאַ איבערדעקלאַמירן.

מאַזעפּאַ איז געפאַלן; קאָטשובעי האָט געזיגט! אָט־דער קאָטשו־בעי, וואָס איז רייך, ניט נאָר מיט זיינע סאַך גיטער, מיט זיינע סאַך פעדער, מיט זיינע פאַנאַדערגעשפּרייטע פעלדער און וועלדער, מיט די טאַבונען לאַנג־גריוועדיקע פערד, מיט זיינע אָפּגעדעקטע און באַהאַל־טענע אוצרות אָן אַ שיר! ניט מיט דעם נאָר איז רייך קאָטשובעי, נאָר מיט דער וואוילער, שיינער טאָכטער זיינער איז רייך דער גוטער קאָטשובעי. און קאָטשובעים טאָכטער איז ביי שליאַפּניקאָוון געוועזן די רוסישע רעוואָלוציע.

— ניין. ער וועט איצט ניט איבערדעקלאַמירן גאַנץ מאַזעפּאַ. ער וויל ניט ערגערן אַניוטקאַן, וואָס זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק פאַר זיין גע־זונט, נאָר דאָס וויל ער זאָגן צו אַלעמען, צו דער גאַנצער וועלט, צו גאַנץ איירָאָפּע:

> ווער לויפט דאָרט איצט, דורך נאַכט און שטערן,
> ווער לאָזט זיך דאָרט איצט האַסטיק הערן,
> פאַר וועמעס פערד, ווי פייל פון בויגן
> האָט זיך די גרויסע סטעפּ צעצויגן?
> דאָס איז דער קאָזאַק,

— פרייהייט איז זיין וועג!
דאָס איז דער קאָזאַק,
וואָס רוט ניט ביי קיין שטעג!...

און שליאַפּניקאָוו פאַרענדיקט:

— ציטערט, מאַזעפּעס פון דער גאַנצער וועלט! דער רוסישער קאָזאַק פאָרט! אַף אַ גאַנץ אַנדער שליחות פאָרט איצט אונזער קאָזאַק, פאָרט איצט אונזער רוסלאַנד.

דער גלויבן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט קומען אַף צו באַפרייען און אויסלייזן די גאַנצע וועלט איז כמעט געווען אין יעדן רוסישן רעוואָלוציאָנער. געהייסן האָט עס, אַז מען וויל בלויז ברייינגען רוסלאַנד צו די פרייהייטן פון אייראָפּע און אַמעריקע, אָבער ערגעץ אונטער דעם אַלעמען האָט געגליט אַ גלויבן: „און זאָל זיך נאָר רוסלאַנד אַ באַוועגטאָן, וועט איר זען וואָס וועט זיין". אַ וועלט אַן אַנדערע וועט ווערן.

פרענקל האָט זיך געפרייט אינײנעם מיט שליאַפּניקאָוון, אינײנעם מיט אַלע אַנדערע פון הויז, גלייך געקומען זען פאָר זיך די חברים רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווערן איצט באַפרייט פון אַלע געפענקענישן איבערן גאַנצן לאַנד. די גרויסע פאָלקס־מאַסן, ווי פאַרביקע כוואַליעס, איבער אַלע גאַסן, איבער אַלע וועגן. צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן פריי. זיי קאָנען גיין וואוהין זיי ווילן, זיי קאָנען זינגען, זיי קאָנען רעדן וואָס זיי ווילן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. ס'איז פרייד עס וועט דאָרט איצט זיין איבערן לאַנד, ס'איז פרייד...

נאָר ווען שליאַפּניקאָוו האָט זיך שפּעטער אַביסל באַרואיקט און דאָס אָרימע, שוואַך־באַלויכטענע הויז האָט זיך גענומען איינשטילן, האָט פרענקל איבער זיך מיטאַמאָל דערפילט אַ גרויסן עלנט און איז, איינער אַליין, אַרויס אין דרויסן.

ווי מיט אַ גרויס און ליכטיק אויג איין קאָפּ, איז די לבנה מיט דעם גרויסן הימל געשטאַנען איבער שליאַפּניקאָווס הייזל, איבער שליאַפּניקאָווס פערמע און איבער די אַלע נאָענטע און ווייטע פערמעס, וואָס האָבן זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע. געשטאַנען און געקוקט אַזוי איבער די בערג און בערגלאַך פון דער געגנט, איבער די אָפענע און אָפּגערעקטע פעלדער און וועלדער, וואָס האָבן זיך בערגלדיק געשפּרייט

אונטער דעם נאַכטיקן, זילבערנעם ליכט פון דעם פולן אויג פון הימל.

דער גרויער פרענקל האָט זיך איינגעגעסן אין דער ליכטיקייט מיט זיינע אויפגערעגטע, שווארצע אויגן. האָט זיך אָנגעלייגט אַן פאַר־קאָן. געקוקט און געזען פאַר זיך אַן אַ שיר רואיק און שפּילנדיק ליכט, אַף דערטרונקען צו ווערן, אַף געלייטערט צו ווערן און ער האָט געטראַכט פון אַ סאַך זאַכן.

— אָט, דאַכט זיך, ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן ערגעץ אין אַ קליין שטעטל. ערשט נעכטן אין חדר געלערנט. ערשט נעכטן אין סיביר געווען, פון סיביר אַנטלאָפן. קיין אַמעריקע געקומען.. ווילד דאָ אַלץ אַזוי געווען, די ערשטע אַרויסטרעטונגען. און נאָך און נאָך אַזוינע זאַכן. און די צייטונגען שרייבן, אַז אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע. אפשר נאָך אַ צו־פריע נייס, אָבער עס קאָן דאָך זיין, עס קאָן, עס קאָן!

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען ביי פרענקלען די געדאַנקען אַזוי ווי פאַרבלאָסט געוואָרן. ער האָט שוין גלאַט ניט געוואוסט פון וואָס ער טראַכט, און צו ער טראַכט... און דאָך איז ביי אים גראָד פון אָט־דעם ניט־ווייסנדיקן טראַכטן מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז ער מוז בלייבן דאָ, אין אַמעריקע. און דערפון, קאָן זיין, האָט זיך דאָס אָט־דער פלוצלונדיקער עלנט אַף אים מיטאַמאָל אַזוי שאַרף אַנגערוקט דאָרט, אין הויז, לעבן דעם אויפגעלעבטן שליאַפּניקאָוו. — שליאַפּניקאָוו קאָן פאָרן. ער איז אין דעם היגן לעבן מיט גאָרניט איינגעוואַקסן. קיין פאַרביסענע, ביטערע כוחות אין דעם היגן לעבן ניט אַריינגעלייגט. און אויב בלויז ערד, איז די רוסישע ערד ערדישער, וואַרימער, היימישער. אָבער ער, פרענקל, האָט דאָ אַריינגעלייגט אַזוי פיל דורכגעווייטיקטע כוחות. אַמעריקע דאַרף דאָך מיך האָבן, כאָטש איך בין שוין אַזוי ווי אַן אַרויסגעוואָר־פענער. עס וואָלט געווען ווי פאַרראַט איצט אַוועקצופאָרן פון דאַנען. איך בין דאָ נאָך אַלץ אַ נויטיקער. איך שטיי אַף אַ פּאָסטן און טאָר דעם פּאָסטן ניט פאַרלאָזן. איך טאָר ניט, כאָטש פאָרן וואָלט זיך דאָך אַזוי שטאַרק וועלן — און דאָס האַרץ גיט אַ שטאַרקן שלאָג:

— אַך, רוסלאַנד! רוסלאַנד אַ באַפרייטע!...

די ערד הויבט זיך אין דעם ליכט פון דער נאַכט. די ערד מיט אירע סאַך אָפּגעבויגענע, אויפגעבויגענע און אויפגעשפּרונגענע בערג און בערגלאָך. די נאַכט ווערט אַלץ גרעסער. די נאַכט ווייזט אַלץ נייע

מיילן און מיילן, אויסגעשיינט מיט לבנה־ליכט. קלאָר און דורכזיכטיק איז די נאַכט. די ערד קנייטשט זיך און בייגט זיך מיט אַ לעבעדיקן, זי־כערן אָטעם אונטער דעם כמעט פּלאַסטישן, קערפּערלאַכן ליכט. עפּעס ווערט פון דעם אַזוי קלאָר און זיכער פאַר די אויגן, וואָס קוקן אַף דעם. פאַראַן עפּעס אוראַלטס און שטאַנדהאַפטיקס אין אונזער לעבן, ווי אוראַלט און שטאַנדהאַפטיק עס איז אָט־דאָס ליכט, ווי אוראַלט און שטאַנדהאַפטיק עס זיינען אָט־די אויפגערוקנטע, אויפגעבויכטע און אויפגעקעסטלטע ערדן.

אַמאָל פלעגט פרענקל אָפּט חושד זיין, אַז וואָסערע אידייען קאָן דאָס דען אַ מענטש ניט באַרעכטיקן? לעצטנס אָבער האָט פרענקל גענומען פילן, אַז די זאַך איז ווייט ניט אַזוי. עפּעס שטאַנדהאַפטיקס איז פאַראַנען. אַ מענטש וואַרצלט ערגעץ. און קיין רוסלאַנד וועל איך ניט פאָרן. איך וועל ניט...

— רוסלאַנד, רוסלאַנד! — רעדט ער אַרויס און דערפילט, ווי אַ הויב צו טאָן די האַנט און זיך שטאַרק אָנשלאָגן מיט זיין אייגענער פויסט אין האַרצן, כדי דאָס צו באַרואיקן, כדי דאָס זאָל נאָך שטאַרקער ווײ טאָן.

זינא איז שפּעטער אַרויסגעקומען און דערזעענדיק דעם טאַטן שטיין אַזוי אַליין ביים פאַרקאַן אין דער ליכטיקער נאַכט איז זי שטיל און גע־היט צוגעגאַנגען צום פאַרקאַן און זיך געשטעלט ניט ווייט פון אים. ער האָט זי ניט באַמערקט פאַר אַ ווײלע, און זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן און אים ניט געשטערט. געקוקט אַף דער שטילער נאַכט, אַף דער בהמה, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון זיי און געמאַלעגיירעט און אַף דעם לבנה־ליכט, וואָס האָט זיך געפערלט אַף אירע הערנער און אַף איר ווייסן, גלאַנציקן מויל.

נאָך אָט־דער גרויסער פרייד וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע — האָט זי געטראַכט — שטייט ער איצט, איר פאָטער, ווי אַן עלנטער, ווי אַ בעטלער, ווי אין דער נאַכט אַ פלעק, אַ פאַרבלאָנדזשעטער. טראַכט אפשר פון זיינע נידערלאַגן דאָ און פון די נידערלאַגן, וואָס ער קאָן נאָך אפשר אויך דאָרטן האָבן. טראַכט אפשר פון דעם גרויסן, גע־האָפטן גליק, וואָס איך האָב אים געדאַרפט ברייינגען, פון דעם "גליק", וואָס איך האָב אים געבראַכט, וואָס די מאַמע האָט אים געבראַכט. אַ מענטש געבוירן אַף נידערלאַגן איז איר טאַטע. נאָר אָט־די שטילע, ליכ־טיקע נעכט דאָ, אָט־די אויפגעהויבענע פּילע בערגלאַך, וואָס הויבן זיך

איבער די פאַנאַנדערגעוואָרפענע ליכטיקע מיילן און מיילן — זיי האָבן, דאכט זיך, אין זיך אַזוי פיל היילונג...

זינאַ האָט, פאַר די עטלאַכע מאָל, וואָס זי איז דאָ אַף דער פערמע געווען, זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין און אַף אַ מאָדנעם אופן ליב צו האָבן אָט־די נעכט. זינאַ האָט זיך בכלל לעצטנס פיל געאַנדערשט. פאַרלאָרן אסאך פון אירע אַמאָליקע פּרעטענזיעס, גענומען קוקן אַף זאַכן אַנדערש, גענומען טראַכטן אַנדערש:

— זאָל ער שטיין אַזוי, דער טאַטע, זאָל ער טראַכטן. מיינע צוויי קינדער שלאָפן דאָרט ביידע איצט אין הייזל און — זי שמייכלט־אויף — איך און מיין טאַטע, אויך צוויי קינדער, שטייען וואַכנדיק דאָ ביים פּאַרקאַן, הינטער אַ פּאַרקאַן, אינדערנאַכט און אין דעם ליכט. ס׳אַראַ ליכט! ס׳אַראַ גרויס ליכט! — און זי פאַרקוקט זיך און פאַרטראַכט זיך אַזוי.

פרענקל קוקט זיך אום:

— זינאַ. איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט שוין.

און דאָס ליכט און די ווייכקייט פון דעם ליכט נעמט זיי אַזוי ביידן דורך.

— ניין, טאַטע — ענטפערט זי און אירע אויגן קוקן, ווי פון ליכט אַרויס, ווי פון ריינקייט אַרויס, קוקן ווי די בליקן פון אַ יונגער מאַמע.

— וואָסערע וואונדערלאַכע נעכט דאָ, טאַטע. ס׳אַראַ ריינקייט. אַלץ איז אַזוי ריין, אַזוי קלאָר.

— יאָ, מיין קינד. און די קינדער שלאָפן שוין?

— יאָ.

— זיי וועלן שוין טרעפן אַנאַנדער וועלט. אַ רעוואָלוציאָנערע, אַ באַפרייטע — זאָגט פרענקל.

— דו מיינסט רוסלאַנד, פּאַפּאַ?

— יאָ. דאָס ליכט פון רוסלאַנד וועט אויפגיין אַף דער גאַנצער וועלט. עס איז פאַר מיר אַזוי קלאָר, אַזוי ליכטיק, ווי דאָס אויסגעגאָסענע ליכט פון אָט־דער נאַכט. עס וועט גרייכן ביז אונז. עס וועט אָנפילן גאָר די וועלט.

— דו וועסט פאָרן אהין?

— ניין.

— ניין? — פרעגט זי איבער.

— איך רעכן, אז מען דארף מיך דא האבן.

— א נייער קרבן, פאפא? — פרעגט זי אזוי ווי איבער.

— צוליב וואס אזא פראגע, טאכטער? — פרעגט פרענקל.

— ניין, פאטער. נאר צוליב וואס שטענדיק זיין דער אידעאליסט דער־מאלט, ווען דו אליין פריידיקסט אלץ דעם וויסנשאפטלאכן, היסטארישן מאטעריאליזם? בראווערמאן איז דאך אפשר גערעכט, אז אידעאליזם איז א ריין־בורזשואזע דערפינדונג...

זינא האט געוואוסט, אז דאס איז דעם טאטנס שוואכסטער פונקט, אז דאס וועט אים ווייטאן. נאר אין אט־דער ליכטיקער נאכט האט זיך אליץ געוואלט ארויסשטעלן אין ריינעם ליכט. און דעם טאטן וועט דאס אפשר גוטס טאן. מען מעג דאס אים איצט זאגן. זאל ער דאס וויסן. און זי פארענדיקט:

— בראווערמאן איז אן אפארטוניסט; גלויבט אין אפארטוניזם. באגרינדעט אים פילאזאפיש און פאקטיש. האט זיך געמאכט אט־דעם ווילק, דעם גענגסטער, פאר זיין רעכטע האנט און דער עולם איז צו־פרידן פון דעם. זיי וויסן, אז זיי דארפן גארניט קיין בעסערס; ווילן, דאכט זיך, מער קיינעם ניט האבן...

פרענקל האט זי אנגעקוקט. אין דער בלויקייט פון דער נאכט, דערזען די אויפגעווארימטקייט פון איר פנים, דאס ליכט פון אירע אויפגעגלאנצטע אויגן. א טראכט געטאן און זיך צו איר אומדערווארט אנגערופן:

— וואס שטייען מיר? לאמיר זיך אוועקזעצן.

זי האט אים אנגעקוקט א ווײַלע. זיך נאכדעם איינגעם מיטן טאטן אפגעטיילט פונם פארקאן. זייערע שאטנס האבן זיך, שוועבנדיק, א באוועג געטאן איבער דעם באטויאיקטן און ווייך־אויפגעשטראלטן גראז, איבער דעם אויסגעטראטענעם און ניט איבעריק ריינעם הויף. און האבן זיך נאכדעם איינעם מיט זיי גלייך אוועקגעזעצט אף א דער־בייאיקן קלאץ.

פרענקל האט געמיינט — אט וועט ער אוועקזעצן זיין טאכטער לעבן זיך און וועט צו איר נעמען רעדן, ווי עס מעג א טאטע רעדן צו זיין איינציק קינד, צו זיין אומגליקלאך קינד, וואס האט שוין קינדער. — נאר, ווען ער האט זיך אוועקגעזעצט איינעם מיט איר און אויפגע־

הויבן די אויגן פאר זיך צו דער שטילער, אויסגעשטערנטער נאכט, וואס רעדט, דאכט זיך, אזוי אפן און גאר אן שום ווערטער, האט זיך אים דאס מויל אזוי ווי אפגעזאגט צו פאלגן. עס האט אויסגעזען, אז דאס קול וואלט דא געקלונגען, ווי א דיסאנאנס. דאס קול וואלט דא עפעס צעשטערט. דער אויער וואלט דאס, דאכט זיך, ניט אריבערגע־טראגן, און דאס קול איז געבליבן שטיל.

דאס הארץ אבער האט זיך צערעדט פון זיך, פאר זיך. אזוי, אז אלע ביינער אפילו זיינען, דאכט זיך, געווארן געהער און געשפרעך.

— טאכטער מיינע, איך פיל — איך מוז דא בלייבן. דאס איז ביי מיר פשוט א געפיל פון פאראנטווארטלאכקייט, א טיף געפיל אזא זיצט אין מיר און זאגט: „דו מוזט דא שטיין אף דיין פאסטן. אהין וועסטו אפשר קומען שפעטער, אלס פארטרעטער פון דער היגער ארבעטערשאפט, פון דער היגער רעוואלוציע. נוץ דערווייל אוים דאס ליכט פון רוסלאנד פאר דער פינצטערניש". פארשטיי מיך, טאכטער, עס טוט וויי; נו, אוודאי, טוט וויי. אבער איך פארשטיי, אז אונזערע מאסן דא קריגן איצט זייער פארלאנגטן אויסדרוק דורך בראווערמאנען, דורך ווילקן. עס האט זיך ביי די ארימע ארבעטער גענוג אנגעקליבן אפן הארצן. זיי האבן געהאט גענוג פון אזוינע מענטשן, ווי איך. און דורך בראווער־מאנען און ווילקן קומט דאס ארוים, ווי דורך א מעגאפאן. איך האב פאר זיי געארבעט, זיי געהאלפן, זיי צוגעגרייט, נאר ווען עס איז געקומען די צייט פאר דעם מעגאפאן, האב איך געדארפט אפטרעטן, און אויב איך בין ניט אפגעטראטן אין דער ריכטיקער מינוט, בין איך דערפאר געבליבן שטיין פאר צעבראכענע פענצטער. און איך האב דערפילט, אז עס קומט מיר, אז איך האב דאס כשר פארדינט. איניינעם מיט מיין גרויסן ווייטיק אין דער מינוט, האב איך דערפילט, ווי אנצונעמען דעם ערשטן שטיין, וואס איז געפאלן לעבן מיינע פיס און אים קושן... גע־רעכט, יא... זיי זיינען גערעכט. אבער אנשטעלן מענטשן אף צו שפאלטן קעפ פאר זיי, וואלט איך פארט ניט געקאנט.

— עס איז אבער א מלחמה און אז יענע אונטערדריקן סטרייקס דורך געדונגענע קעפ־שפאלטער; טא פארוואס זאלן די ארבעטער ניט מעגן טאן דאס אייגענע?

— איך בין נאך איצט ניט זיכער, אז דאס איז גוט.

— פאַרוואָס, ווייל דאָס דעמאָראַליזירט?

— ניין. ניט נאָר גראָד דערפאַר, נאָר דערפאַר, וואָס אויב די אַרבעטער קאָנען דינגען צען גענגסטערס, קאָנען דאָך די פאַבריקאַנטן דינגען הונדערט און טויזנט... און דערצו איז דאָס גלאַט אַ געפערלאַכער וועג. עס וועט אַריינפירן קאָרופּציע. דער ווילק קאָן אַמאָל פאַרשקלאַפן די יוניאָן, די פירער, די ציַיטונג. דער „ווילקיזם" איז אַ שרעקלאַכע מאַכט. טאַכטער, אַ געפערלאַכע מאַכט. איך מוז דאָ בלייבן. איך מוז — די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך ערשט איצט גענומען דערפילן, אַז זי איז דאָ, אַז זי האָט כוחות, אַז זי וואַקסט. און דו האָסט דאָך צוויי קינדער. און דו אַליין ביסט דאָך דאָ אויסגעוואַקסן... אָט, ווען בערמאַן. דער יונגער, דער נייער פרענקל... ער איז אַוועק. אים איז געוואָרן ענג. אָט, ווי מיר אַמאָל. אפשר וועט ער קומען צוריק אַ ליכטיקערער פון מיר... — און פרענקל הויבט־אויף די אויגן. טראַכט אַ ווײַלע. דערמאָנט זיך, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אָט־דאָ מיט דער טאָכטער. געמיינט זיך מיט איר דורכרעדן און ער זיצט גאָר צום סוף אַזוי אַ שווייגעדיקער און זאָגט גאָר־ניט. ער וויל איר עפּעס פאַרט זאָגן. נאָר אָט, ווי ער קוקט אַזוי אין דער אָנגעבאַרגטער, שטילער ליכטיקייט פון דער נאַכט, קומט בערמאַן פון דער ליכטיקייט אַרויס. ער קומט, ער שטייט, ער זעצט זיך לעבן זיי. פרענקל ווייסט, אַז דאָס איז ווי געזען אַ חלום מיט אָפענע אויגן, אַבער עס שטערט ניט פרענקלען צו נעמען טראַכטן, צו רעדן טראַכטנדיק צו בערמאַנען: — בערמאַן, מיין ליכטיקע האָפענונג. גע־ווען ערגעץ ווייט. נאָך האָפענונג אַוועק? האָפענונג געבראַכט? אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד! ווי שיין איז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד? ווי דער טאָג דער ליכטיקער! נאָך ניט זיכער, אַז עס איז אַ רעוואָלוציע. אָבער, אויב עס איז אַ רעוואָלוציע, וועט דאָך דאָס אויפגיין אַף דער וועלט, ווי אַ ליכטיקער, ווי אַ פייערדיקער זייל. אָבער מיר וועלן בלייבן דאָ. מיר וועלן ניט אַנטלויפן פון אונזערע פּאָסטנס. עס קומט אפשר איצט אונזער ווײַכטיקסטע און ליכטיקסטע צייט. גאַבריעל. אָ, ער וואָלט מן הסתם געלאָפן און אפשר וועט ער סיי־ווי־סיי לויפן, כאָטש ער האָט לעצ־טענס, דאַכט זיך, צונויפגעבראָכן ווי אַ קאַרטן־שטיבל. וואַלגערט זיך אין די האָספּיטאַלס. גייט פון דאָרט אַרויס און גייט אַהין גלייך ווידער אַריין. און וואָס האָט ער מיר געמאַכט פון מיין זינא. וואָס וועט פון איר איצט

ווערן ?

זינא, וואס איז אזוי געזעסן לעבן טאטן, האט איבער מאדנער פסיכישער פארבינדונג, אויך געטראכט כמעט אף דעם אייגענעם גע־דאנקען־שטראם פון דעם טאטן:

— א רעוואלוציע אין רוסלאנד. אלע וועלן געוויס נעמען פארן און וועלן זי דא איבערלאזן אליין. זאלן זיי. זאל דער טאטע אויך פארן. זאל ער ניט בלייבן דא. ער איז דא אן ארויסגעשפיגענער. אויב ער וועט ניט פארן, וועט די מאמע אים איבערלאזן דא און אליין פארן. און, אז גאבריעל וועט ארויס פון האספיטאל, וועט ער מיט מיר איבערזיין א טאג צו צוויי, זיך נאכדעם נעמען גלייך זידלען און שעלטן און אנטלויפן, אף די קינדער וועט ער ניט וועלן קוקן. פארן אבער קיין רוסלאנד וועט זי ניט קאנען. גאבריעל הארף דאך, פונדעסטוועגן, פארט האבן מיין ווארים־לייב און מיר איז גוט פון דעם — טראכט זי און כאפט זיך: — בער־מאן. אט שטייט פאר איר בערמאן, ווי א לעבעדיקער. געקומען פון דער שטילער, ליכטיקער נאכט און זיך אוועקגעשטעלט פאר איר:

— בערמאן. איך האב שוין צוויי קינדער און מיר איז גוט פון דעם, וואס איך האב דיך ליב און וואס איך האב צוויי קינדער. און מיר איז גוט פון דעם, וואס גאבריעל איז מיין מאן, כאטש ער פייניקט מיך, כאטש ער איז אלט. ער איז מיטאמאל אזוי אלט געווארן און ליידט פון א געשוויר אפן האלדז. ער זאגט — גערטרוד האט זיך אים אמאל אזוי איינגעגעסן מיט אירע נעגל און ער האט דאס נאכדעם פארפודערט, פארדעקט און פארגיפטעט. ער איז מיר פארט ליב. ער איז, ווי א העלדישער סאלדאט, וואס איז פארוואונדעט געווארן אין שלאכט... ער איז דער שטענדיקער בונטאר, דאס פייער פון רעוואלוציע...

און בערמאן ענטפערט איר, כאטש ער איז גאר ניטא דא, נאר ער ענטפערט פארט און זאגט:

— ניין. ער איז ניט דאס פייער. ער איז אפשר פון די אפגעריסענע פונקען פונם פייער.

— און ווער איז דאס פייער — פרעגט זי שמייכלענדיק.

— דער בארוועסער מאנאך — ענטפערט ער מיטן גאנצן ערנסט, דער אויסגעטראכטער בערמאן לעבן איר.

— דער באָרוועסער מאָנאַך איבערן פראָסט און שניי. אין זיין רייניקייט איז דער באָרוועסער מאָנאַך דאָס אמתע פייער פון רעוואָלוציע.

— דער באָרוועסער מאָנאַך? — פרעגט זי איבער, ארויספרעסנדיק דערביי אירע שמייכלענדיקע אויגן און גיט זיך דערביי, אַזוי שמייכלענדיק, אַ נויג צום פאָטער, ווי זי וואָלט אים וועלן זאָגן: — נו, און וואָס זאָגסטו אַף דעם, טאַטע? נאָר בערמאַן קאָן דיר אַזוינס אָפּזאָגן...

פרענקל האָט דערזען איר שמייכלענדיקן בליק, האָבן זיך ביי אים איבערגעריסן די געדאַנקען; ער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן פון אָרט און זיך אָנגערופן:

— וואָס איז, טאָכטער?... שוין צייט גיין שלאָפן?

— יאָ. — האָט זי געענטפערט שמייכלענדיק. פונקט, ווי טאַקע וועגן דעם האָט זי דאָס געטראַכט...

און אָט־אַזוי האָט פרענקל, וואָס האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט זיין טאָכטער אַף דורכצורעדן זיך מיט איר, ניט ארויסגערעדט קיין איין וואָרט און דאָך צווישן זיך געהאַט אַ פאַרבונדענעם רעדנדיקן שנור. זינא האָט נאָך פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן: „דער מאָנאַך איז רעוואָלוציע" ווי קומט צו מיר אַזאַ געדאַנק? אָבער זי איז זיכער, אַז בערמאַן קאָן אַזעלכע זאַכן אָפּזאָגן. אַ. אַ. און ווי נאָר זיי האָבן ביידע געמאַכט די ערשטע פּאָר טריט, זיינען זיי ביידע געבליבן שטיין פאַרגליווערטע. — גלייך אַנטקעגן זיי האָט זיך, ווי פון דער לויטערער נאַכטיקייט אויסגעטיילט אַ פיגור, אַ באַקאַנטע. אַ נאָענטע, אַן אמתע... די פיגור גייט צו זיי. די פיגור איז... בערמאַן!

— אַ גוטער אָוונט אייך! דאָ וואוינט מיסטער שליאַפּניקאָוו?...

— בערמאַ—אַ—ן!

— בערמאַ—אַ—ן!

—יאָ, בערמאַן — ענטפערט בערמאַן.

דאָר, פאַרפרעמדט און פאַרוואָקסן האָט בערמאַנס פּנים געקוקט אַף זיי. דאָס ווייכע לבנה־ליכט האָט אים אַזוי אומדערוואַרט אַוועקגעשטעלט פאַר זיי. זייערע דריי שאָטנס איינער לייגנער פון צווייטן, האָבן זיך ווי אַן אויסגעהאַמערטע גרופּע אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד. מען וואָלט די אומגעוואָרפענע, רעליעפּע שאָטנס זייערע, דאַכט זיך, געקאָנט אַ

נעם־טאָן דאָרט ביי די קעפּ, זיי אונטערהויבן און זיי אויפשטעלן, ווי אַן אויסגעהאמערטע גרופּע. — און זיי האָבן דאָךביידע נאָר וואָס געטראַכט וועגן אים. — ס'איז צופאל. פונוואנען האָט ער זיך גענומען?...

— אין רוסלאנד אַ רעוואָלוציע, בערמאַן.

— ניין. נ אָ ך נ י ט.

— נאָך ניט?

— נ יי ן . . .

קאַפּיטל פופצן

ווי אַ ליכט אין דעם שיין פון איר אייגענעם ליכט פלעגט געדרט־רוד אַרומגיין צווישן די אייגענע, צווישן פריינט און באַקאַנטע; אָבער נאָכמער פלעגט זי לויכטן פאַר זיך אַליין, אין די אָוונטן, אין איר אייגן צימער, וואו קיין זייטיק אויג האָט אף איר ניט געקוקט. זי פלעגט דאָרט אַליין טראַכטן אירע חלומות וועגן בערמאַנען. אָפט פלעגט זי זיך פאַרקוקן דורכן פענצטער צו איר שטערן און טראַכטן פון דעם, אַז דער שטערן זעט אפשר ערגעץ איצט בערמאַנען, אָדער — בערמאַן קוקט אפשר איצט אף דעם אייגענעם שטערן און זייערע ביידנס בליקן טרעפן זיך אפשר איצט דאָרט צונויף אף דעם שטערן. דאָס איז דאָך איר שטערן, היט ער אָפּ און האַלט צוזאַמען אָט־די בליקן זייערע. דער שטערן איז געטריי און איז ריין ווי איר האַרץ. איר האַרץ לויכט אייניגעם מיט דעם שטערן פאַר בערמאַנען, וואָס איז ערגעץ ווייט, וואָס איז ערגעץ נאָענט. איבער די שטערן טרעט איצט בערמאַן, ער גייט צו זיין שיינענ־דיקן שטערן, צו איר שטערן.

אָדער זי פלעגט אַמאָל, זייענדיק אַליין מיט זיך אין איר צימער, דערזען אין דעם שיין פון דעם אויפגעלויכטענעם ליכט פון איר עלעקטרישן טיש־לאָמפּ בערמאַנס פאָטאָגראַפיש בילד, פלעגט זי דאָס אָננעמען אין די הענט, קוקן אף דעם, ביז דאָס בילד פלעגט ווערן אַזוי גרויס, אַז זי פלעגט קאָנען אריין אין דעם ממש, ווי אין אַ וואַלד, און אינגאַנצן פאַר־לוירן ווערן אין בערמאַנען.

דאָס אייגענע פלעגט מיט איר אָפט פּאַרקומען זיצנדיק ביי דער פּיאַנע. זי פלעגט אַזוי אייניגעם מיט דער פּיאַנע אריין אין בערמאַנען.

— בערמאַן, בערמאַן! דו ביסט דאָ — איך בין דאָ. ביסטו דאָ? איך בין דאָ! ווי גוט עס הילכן די טענער אַרום אונז, ווי אַ פריילאַכער וואַלד. די טענער שמעקן. הערסט ווי זיי שמעקן? זיי הילכן, זיי גליען מיט זון דורך דעם טאָג. זיי פליסטערן לבנהדיק דורך דער נאַכט. ווער

האָט פאַרבלאָנדזשעט? אַ, בערמאַן, בערמאַן, ס'אַרט שרעק מיר איז צו זיין אַליין. קום מיט מיר, בערמאַן. לאָמירביידע אַריינגיין אין דיר.

— וואו ביסטו, בערמאַן, מיין טייערער, מיין געליבטער? וואָס קומט דאָרט איצטער פאַר מיט דיר. ווען עס גייט מיר אַוועק אַ טאָג אַ גוטער, מיין איך, אַז אויך דו האָסט געהאַט אַ גוטן טאָג. ווען איך האָב אַ שלעכטן חלום אינדערנאַכט, וואַך איך אויף אינמיטן דער נאַכט און מיט מיינע אָפענע אויגן קוק איך און זע און ווייס, אַז עפּעס בייזס האָט מיט דיר היינט געטראָפן, אָדער דו האָסט זיך דערמאָנט אין מיר און טראַכסט, אַז איך האָב אפשר פאַרגעסן אָן דיר. אַ, ניין. אַ, ניין, בערמאַן. דו ביסט מיין וואַלד, מיין קאָפּ און מיין קרוין און איך וועל קיינמאָל ניט פאַר־געסן אָן דיר. און אַז איך בין אַ שלעכטע, און אַז איך בין אַ בייזע, וועסטו מיט מיר קיינמאָל שוין ניט גיין צום ים? אַף זיינע ווייסע זאַמדן מער ניט זיצן, אונזערע באָרוועסע פיס מער אין זיין וואַסער ניט וואַשן און פאַר דער לבנה און פאַר דעם ים, מער מיינע בריסט ניט אָפּדעקן? אָבער, מיין טייערער, בערמאַן ליבער, די נעגל פון מיינע פיס קוש איך פאַר דיר. די נעגל פון מיינע הענט קוש איך פאַר דיר. מיינע ווייסע ציין ווערן מיר זיס אין מיין מויל, ווען איך טראַכט פון דיר. האָניק גיט אַרויס מיין גומען און מיין צונג אין מויל איז זיס, ווען איך טראַכט פון דיר. ווי פאַר אַ געטין, איז זינאַ געפאַלן און געקניט, ווען זי האָט מיין לייב אַמאָל דערזען. אַף צוויי, גרינגע פיס בין איך דע־מאָלט פאַר איר געשטאַנען. אַף דיינע קני, ביסטו אַ צעטומלטער געשטאַ־נען, ווען דו האָסט צום ערשטן מאָל מיינע אויפגעווייסטע, אויפגערונדטע בריסט, פאַר דעם ליכט פון דער לבנה, דערזען. איך בין ווי אַ געטין אַף דעם זאַמד געזעסן — און דו פאַר מיר אַף דיינע קני.

— ווי בלאָס דו ביסט אַ פאַרלאָרענער געשטאַנען און צום טויזנסטן מאָל אַרויסגעבראַכט פון מויל: „גערטרוד, גערטרוד!" מיר גלויבט זיך אַזוי ניט, אַז דאָס איז אמת; „גערטרוד, גערטרוד!"

— ווי אַ ברענעדיק ליכט בין איך פאַר דיר אַזוי אינדערנאַכט געזעסן. האָב איינגעהאַלטן מיין שטאָלץ, ביז דיינע מאַזאָלעדיקע הענט האָבן מיט זייער גאַנצער, שווערער זיכערקייט, ניט גלויבנדיק, טרוקן אַנגערירט מיינע בריסט.

— פון וואַנען ווייסט בערמאַן, אַז איך וועל קומען?
— ווייל מיינע טריט עלעקטריזירן פאַר אים די לופט אַרום אים!
— פון וואַנען ווייס איך, בערמאַן, אַז דו וועסט קומען?
— ווייל איך דערפיל אַן ענדערונג אינדערלופט אַרום מיר. פון דיינע קומענדיקע טריט נעמט זיך אַזוי מאָדנע ענדערן די לופט אַרום מיר. — דו קומסט — איך הער דיך קומען. איך הער דיך גיין צו מיר. אַ, פּיס מיינע, הענט מיינע! לאָמיר גיין באַגעגענען אונזער בערמאַן. לאָמיר אים ברענגען זיין גרויס־אויגיק־מיידל, זיין זיס האַרץ, זיין גערטרוד!

— — — — — — — — — — — — —

אָט אין אַזאַ צושטאַנד האָט זיך געפונען גערטרוד, ווען זי איז איינמאָל געזעסן, שפּעט אינאָווענט, ביי דער פּיאַנע. קיינער איז אין הויז ניט געווען, נאָר זי און איר אינגערע שוועסטער, וואָס איז שוין געשלאָפן אין איר צימער. דער טאַטע מיט דער מאַמע זיינען געווען אַף אַ קאָנצערט און זי האָט שטיל אַזוי — אַלץ אַזוי שטיל — געשפּילט, אימפּראָוויזירט, נוצנדיק דערביי דעם ווייכן פּעדאַל, כדי צו מאַכן די קלאַנגען נאָך שטילער. און פּלוצלונג — דער טעלעפאָן קלינגט. מיט אומדערוואַרטער שטאַרקייט קלינגט פּלוצלונג אַזוי אויף דער טעלעפאָן, אַז דאָס האַרץ גיט זיך אַ ריס. זי שפּרינגט־אויף אַ דערשראָקענע:

— וואָס איז דאָס?!
— וואָס אַזאַ שפּעטער און אַזאַ שנעלער, אַזאַ האַסטיקער קלינגען?

זי גייט־צו. הויבט מיט פאַרשטאַרבענעם שרעק אויף דעם טעלעפאָן־האַלטער:

—האַלאָ!

דאָס איז זינאַס קול...

— וואָס איז, זינאַ. — שרייט זי אויס אַ שרעקלאַך־דערשראָקענע
— וואָס איז, וואָס האָט געטראָפן?!
— שרעק זיך ניט, גערטרוד.
— וואָס פאַרט!!!
— אָבער, גערטרוד, טייערע...

— מאך דאָס גיך, ווען ניט שטאַרב איך דאָ ביים טעלעפאָן! גיך! וואָס האָט געטראָפן!?

— שטאַרב ניט, וויל בערמאַן..

— וואָסטו געזאָגט. וואָסטו געזאָגט, וואָסטו געזאָגט!...

— בערמאַן איז דאָ אָפּן פערמע.

— ב ע ר מ א ן!!!

— בערמאַן.

IV.

שרעק

שטיקער ערד און פּאַסן לופֿט — 2

קאַפּיטל זעכצן

בערמאַן איז זיך געהאַט געגאַנגען אַף זיין וועג קיין ניו יאָרק איבער די אויפגעוואָרפענע בערג־געגנטן פון דעם שטאַט ניו יאָרק. ווי ווייסער שניי האָט זיך איבער דער גרינער ערד געווייסט דער באַרג־און־פעלדיקער וועג אין דער לבנהדיקער נאַכט. ווי אויפגעשטעלטע, ווייסע שניי־פלאַכן האָבן זיך געווייסט די ווענט פון פערמע־הייזלאַך דאָ און דאָרט. שנייאיקע ווייסקייט אין דער לבנהדיקער נאַכט־לופט, פירעקיקע פרישע ווייסקייט בלאַנקט אויפגעשטעלט און פרישט דאָס אויג. כאָטש זומער, נאָר אַ פּראָסטיקע שאַרפקייט שטייפט־אָן די באַרג־לופט אין די בערג. שטייסטו, שטייט די גאַנצע לופט מיט דיר; ווי נאָר אָבער דו נעמסט זיך באַוועגן, דאַכט זיך דיר אויס, ווי אַ שאַרפער, קילער ווינט בלאָזט דיר איבער דיין פּנים. דאָס שניידט אַזוי דאָס פּנים פון דעם גייער דאָס ווייס פון דער לבנה, דאָס שניידט אַזוי דאָס פּנים פון דעם גייער די אָנגעצויגענע, אָפּגעקילטע באַרג־לופט. די נאַכטיקע באַרג־לופט ברעכט זיך כמעט אַזוי ווי אויסגעטריקנטער, סקריפּענדיקער פראָסט אַף דעם פּנים פון דעם גייער. איז זיך בערמאַן אַזוי געגאַנגען אַף זיין וועג קיין ניו יאָרק.

— וואָס איז אַ מענטש?

— אַ נעסט אַזאַ. אַ נעסט פאַר פויגל אַזוינע, צי אַזוינע.

— און אויב אַ מענטש איז נאָך ניט אינגאַנצן צוגעפּאַסט פאַר אַ געוויסן מין פויגל, אַ באַשטימטן, קומט אַמאָל דער צופאַל און נעמט דעם מענטשן אַריין אין זיין קלעם, ביז ער פּרעסט אים איבער. מאַכט פון אים דאָס נויטיקע, צוגעפּאַסטע אָרט פאַר דעם פויגל, וואָס וואַרט אַף זיין נעסט.

אַ מענטש מאַכט אפשר אויך אַליין זיינע אייגענע צופאַלן. עס זיצן שוין אין אים אַזוינע פויגלען, וואָס טרייבן אים אויף אַזוינע וועגן, וואָס ברענגען אים צו די צופאַלן, וואָס זאָלן אים אַריינגעמען אין

קלעם און אים צוגרייטן אַף אויפצונעמען די נייע גערדאַנקען — די נייע פויגל.

און ווייס ווי שניי איז דער וועג און דער טראָט איז גרינג און קלאָר איז די נאַכט, ווי אַ זעאונג אַ קלאָרע. פון־צייט־צו־צייט שרייט־אויף אַ מענטש, זינגט־אויף אַ מענטש.

ווי אַן אויפגעבראַכן שטיקל ערד, שפּרינגט־אויף אַ האָז דאָ און דאָרט; שפּרינגט אָפּט, שפּרינגענדיק פאַרביי דעם וועג, שטעלט זיך אַמאָל אָפּ אינמיטן וועג, אַ צעטומלטער פון דעם וועגס נאַקעטקייט, אַ פאַרבלענדטער פון דער ווייסקייט, זעצט זיך צו אַ צעשראָקענער — וואַרט אַ רגע — כאַפּט זיך באַלד אויף פון אַ נייעם שרעק און שפּרינגט ווייטער ווי אַ שטיקל שפּרינגענדיקע ערד.

אַ שטערן פאַלט. אַ שטערן פאַלט. — ווער קאָן מעסטן, ווער קאָן ציילן די שטילקייט פון דער נאַכט?

אַ פאַלנדיקער שטערן גיט זיך אָפּט אַ שטעל, ווי אַ גאָלדענער ווייזער איבערן הימל. גיט זיך אָפּט אַ צי, ווי אַ גאָלדענע מעסט־שטריק אין אימיצנס הענט. מיט שטויב פליט אָן אַן אויטאָמאָביל, לאָזט אים איבער, לאָזט איבער בערמאַנען אין ווייסן שטויב אַ פאַרשטויבטן און בערמאַן גייט ווי אַן אויפגעשפּרונגענע שטיק ערד אינמיטן שטויב אַפן וועג.

דער ווייסער שטויב צעגייט זיך און עס ווערט נאָכדעם נאָך ווייסער און ליכטיקער די נאַכט...

בערמאַן האָט מיט זיך געטראָגן קיין ניו יאָרק אַן אויפגעלויכטענעם געדאַנק. גרייט אים דאָרט אָפּצולאָזן, ווי אַ ליכטיקן פויגל. און אַ מאָדנע בלייכקייט איז פון דעם געדאַנק געלעגן אַף זיין פּנים.

בערמאַן האָט, בכלל, געהאַט אַ געפיל, אַז ער גייט זיך דאָ פאַנאַנ־דערצאָלן... צווישן די סאַך חובות, וואָס ער האָט געטראָגן, איז אויך געווען זיין פאַרלאַנג צו טרעפן זיך מיט דעם רעוואָלוציאָנער שליאַפּניקאָוו, וואָס האָט זיך גענומען צום תהילים. צווישן די אַלע חשבונות וואָס ער האָט אין זיך געהאַט אונטערצופירן, איז אויך אָט־דער קליינער חשבון גע־ווען: אַ קוק־טאָן דעם שליאַפּניקאָוון אין די אויגן אַריין, אַ הער־טאָן דעם קלאַנג פון זיין קול און גיין ווייטער...

מענטשן זיינען דאָך ווי גייענדיקע נעסטן, וואָס טראָגן מיט זיך זייערע געדאַנקען, ווי פויגל. האָט זיך אויך אָט־דער געדאַנק ווי אַ

בויגל געוואָרימט אין זיין נעסט און זיך איצט אַ הויב געטאָן פון נעסט אַרויס.

עס איז שוין נאַכט. עס איז שוין שפּעטלאַך. אָבער ער גייט דאָך סיי־ווי־סיי איצט פאַרביי דאָס דאָרף, וועט ער זען, אפשר שלאָפט מען דאָרט נאָך ניט. וועט ער קאָנען אַ קוק־טאָן, אַ פרעג־טאָן, און נאָך זיין מיטן מאָרגן אין ניו יאָרק.

און ווען פרענקל און זינא האָבן אים, אַזוי אומדערוואַרט, דערזען פאַר זיך אין דעם כמעט פאַרכישופטן לבנה־אָוונט, גראָד דעמאָלט, ווען זיי האָבן ביידע געטראַכט פון אים, זיינען זיי צעטומלט געוואָרן.

אַף זינאן איז מיטאַמאָל אָנגעקומען אַ מאָדנע אויפרעגונג און זי האָט אַזוי גלייך אַ פרעג געטאָן:

— בערמאַן, ווער איז דאָס דאָס פייער פון רעוואָלוציע?

בערמאַן האָט זי אָנגעקוקט, דער פאָטער האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט זיך דערשראָקן, טאָמער וועט בערמאַן געבן אַנאַנדער ענטפער און האָט אַליין גלייך אונטערגעכאַפּט:

— דער באַרוועסער מאַנאַך?

בערמאַן האָט זי אָנגעקוקט, האָט זי פאַרשטאַנען און איר גלייך געענטפערט:

—יאָ. דער באַרוועסער מאַנאַך.

—וואָס איז דאָס? — פרעגט פרענקל, ניט פאַרשטייענדיק.

— אָ, זינא האָט מן הסתם פון עפּעס געטראַכט און איך בין איר מן הסתם פונקט אָנגעקומען אַפן טראַכטן — זאָגט בערמאַן, מיט אַן אויסערגעוויינטלאַכער רואיקייט און זיכערקייט אין קול.

פרענקל ווערט אָנגעשטעקט פון בערמאַנס רואיקייט און זאָגט אויך אַרויס רואיק:

—יאָ. איך האָב איינגנטלאַך איצט אויך געטראַכט פון אייך. סאַ מאָדנע זאַך... טראַכסט פון אַ מענטשן און דאָ אָט איז דיר דער מענטש.

— וואָס איז דאָ „מאָדנע"? די ערד פאַרבינדט דאָך אונזערע פיס, די לופט — אונזערע קעפּ, טאָ פאַרוואָס זאָלן אין געגעבענע מינוטן אונזערע געדאַנקען זיך ניט איבערכוואַליען פון איינעם צום צווייטן?

— אַך בערמאַן, בערמאַן! וואו זענט איר פאָרט געווען, בערמאַן!

-- שרייט פּלוצלונג פרענקל אויס, דערפילנדיק מיטאַמאָל אַן אויפגערעגטע

װאַרימקײט אין זיך — װאָו פֿאַרט און פֿון װאַנען. איך האָב דאָך נאָך אײך געבײנקט, װי נאָך אַ ברודער, װי נאָך אַן אײגן קינד.

שליאַפּניקאָװ האָט זיך באַװיזן אין טיר:

— װער איז דאָס?

— אַך, שליאַפּניקאָװ, ברודער, דאָס איז אַ יונגער קאָמעראַד, בערמאַן, און ער זאָגט, אַז אין רוסלאַנד איז ניט קײן רעװאָלוציע.

— נ יט ?!...

— נ יי ן.

— נײן?

— נ יי ן.

מען איז אַרײַנגעגאַנגען אין הױז. זיך באַקאַנט. בערמאַן, װאָס איז אַהער געקומען אונטערצופֿירן אַ געװיסן חשבון אַ קלײנעם, האָט זיך פֿאַר אַ לאַנגער װײַלע אײַנגעקוקט אין שליאַפּניקאָװן, כּדי דורכזיכטיק אַנקוקן דעם געװעזענעם רעװאָלוציאָנער, װאָס האָט זיך גענומען לײענען תּהילים און איז דאָך געבליבן רעװאָלוציאָנער. און מאַקע אױך אַנקוקן אָט־דעם מענטשן, װאָס האָט זיך אַמאָל פֿאַרנומען באַקעמפֿן די ציװיליזאַציע, זיך אַף זײַן אופֿן אָפּגעזאָגט פֿון איר, זיך אַפֿילו אָפּגעזאָגט צו דינען דער אַרכיטעקטור. אַ מענטש האָט פֿאַר זיך אַלײן אױסגעטראַכט, האָט פֿאַר זיך אַלײן באַשטימט זײַן װעלט און לײַדט און לעבט אין איר.

שליאַפּניקאָװ האָט אױך אָנגעקוקט בערמאַנען פֿאַר אַ װײַלע און איז געבליבן צופֿרידן און געזאָגט:

— גאָר אַ װאױלער יונג, יאָ. זעץ זיך אַװעק. טרינק מיט אונז אַ גלאָז טײ. כאָטש דו זאָגסט, אַז אין רוסלאַנד איז קײן רעװאָלוציע ניטאָ, טרינק פֿונדעסטװעגן מיט אונז אַ גלאָז װײַן. אַ רעװאָלוציע װעט סײ־װי זײַן.

װען מען האָט זיך גענומען אַרומזעצן אַרום דעם טיש בײַ דעם אָנגעצונדענעם קעראָסין־לאָמפּ, איז זינאַ אַװעק אין צװײטן צימער אָנזױגן איר קינד. אָבער, װי נאָר זי איז אַרײַן אין צװײטן צימער, האָט זי גלײַך, מיט אַ פֿיבערדיקער אױפֿרעגונג, אַראָפּגענומען דעם רעסיװער

פון טעלעפאָן און אָפגערופן גערטרודן און איר אָנגעזאָגט: „בערמאַן, בערמאַן איז דאָ, ביי די שליאַפניקאָווס אף דער פערמע".

דאָס אָפגעזאָגט און אויפגעהאַנגען דעם רעסיווער, איז זי געבליבן שטיין, אביסל געטראַכט, א מעסט געטאָן אין קאָפּ די ווייטקייט, א טראַכט געטאָן: צי וועט גערטרוד קומען? ווי לאַנג דאַרף נעמען איר קומען? א טראַכט געטאָן און באַשלאָסן: — זי וועט נעמען איר זויג־קינד און דאָס אריינטראָגן צו בערמאַנען, זאָל ער זען איר קינד. זאָל ער דאָס באַטראַכטן. דאָס איז איר קינד, איר אינגסט קינד... ווי נאָר אָבער זי איז מיטן קינד אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט זי דערהערט ווי שליאַפּניקאָוו זאָגט וועגן בערמאַנען: ער זעט אויס ווי א מאָנאַך, ווי אַן אַסקעטישער. האָט זי זיך אזוי ווי דערשראָקן און זיך געוואָלט אומ־קערן און זיך אָבער נאָכדעם פאַרט אוועקגעזעצט צום טיש, אָבער אזוי, אַז בערמאַן זאָל איר קינד ניט זען.

קאַפּיטל זיבעצן

א נאַסט מאַגנעטיזירט כמעט שטענדיק אַרום זיך דאָס ליכט פון הויז. אויסער דעם ליכט פון הויז קריגט ער נאָך צו דאָס ליכט פון די אויגן פון די שטוביקע; יעדערער טיילט אים צו א טייל פון זיין ליכט.

איז בערמאַן אַזוי געזעסן ווי אין א ליכט־קרייז און אזוי ווי אויפגעלויכטן פאַר אַלעמען. עס האָט אויסגעזען, אזוי ווי ניט נאָר אַלעמענס אויגן, נאָר אויך, אז דאָס ליכט פון דעם לאָמפּ וואָלט זיך געצויגן צו אים.

פאַרשוואַרצט און פאַרפייניקט איז בערמאַנס פאַרוואַקסן פּנים געווען. א פּראָסטיקע גרויקייט האָט זיך שטום צעוועבט צווישן זיינע שוואַרצע האָר פון קאָפּ און אף דעם בערדל, וואָס האָט אַזוי אומדערוואַרט באַברימט זיין דאַר־אויפגעקנאָכט פּנים. די אויגן האָבן זיך ביי אים איצט טיף אַרונטערגערוקט אונטער זיין אַרויסגעפּרעסטן הויכן שטערן און האָבן פון דאָרט אַרויסגעקוקט מיט יענער אויפגעלויכטענער שטילער זיכערקייט, פאַר וועלכער מענטשן בלייבן אָפּט שטיין, ווענדן זיך אָפּ אָדער גיבן זיך אונטער. מען האָט גערעדט:

— איז, זאָגסטו, הייסט עס, טייערער, אז אין רוסלאַנד איז ניט קיין רעוואָלוציע? — פרעגט שליאַפּניקאָוו און גיט גלייך צו:

— אָבער עס וועט דאָך זיין א רעוואָלוציע. עס וועט זיין.

— יאָ — ענטפערט בערמאַן מיט רו און זיכערקייט.

— נו, און ווען עס וועט זיין, וועט עס דאָך זיין א וואונדערלאַכע רעוואָלוציע, א?

— יאָ — ענטפערט בערמאַן און לייגט צו:

— א רעוואָלוציע פאַר דעם וואונדער פון דער וועלט און פון דורות!

— שיין, ברודערל, האָסטו דאָס געזאָגט — פאַר דעם וואונדער פון דער וועלט און פון דורות. — — עס וועט זיין — — עס וועט זיין.

אָבער, ברודערל, פאַרוואָס איז דאָס שוין ניט געווען, אַ? ווייל אונזער פאָלק איז פויל און שווערמוטיק. אַ פאָלק, וואָס איז ניט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ קריכנדיקער וואָרעם! אפשר וועט דאָס נאָך קומען בויגן די קני און זאָגן איינינעם מיט דעם תהלים־זינגער: זע, איך בין אַ נישטיקער וואָרעם, ניט קיין מענטש. יאָ, יאָ. דאָס וועט דאָס נאָך אפשר קומען זאָגן. גו איז וואָס? וועט דאָס דערפאַר ווערן אויס וואָרעם?

אַ שווערע ביטערקייט אַף דעם אייגענעם פאָלק האָט זיך גענומען הויבן אין שליאַפּניקאָוון. דאָס פאָלק, זיין פאָלק, איז אַ קריכנדיקער וואָרעם, איז געבראַכט געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ וואָרעם. און ער רופט זיך אָן צו בערמאַנען:

— און דו זאָגסט פונדעסטוועגן, אַז די רעוואָלוציע וועט קומען. ווי אַזוי פאָרט וועט זי קומען, אויב דאָס פאָלק איז פויל און שווער־מוטיק, ווי אַ קריכנדיקער וואָרעם?

— איז דער מיסטעריע פון רעוואָלוציע איז שוין פאַראַנען אָט־יענער כוח, וואָס — ווען זי שלאָגט אין נאַבאַט, גיט דאָס פאָלק, אָט־דער לאַנגזאַם־קריכנדיקער וואָרעם, זיך פּלוצלונג אַ הויב און אַ שפּרונג און דער קריכנדיקער וואָרעם ווערט ממש פאַר די אויגן פאַר־וואַנדלט אין אַ פליענדיקער וואונדער־שלאַנג — ענטפערט בערמאַן.

— אַ מיסטעריע אַזאַ, אַ מיסטעריע אַזאַ — רעדט איבער שליאַפּ־ניקאָוו און ניט צו:

— ביסט גערעכט, ברודערל, ביסט גערעכט. אַ וואונדער אַ גרויס וועט געשען. ווי אַ וואונדערלאַכער באַפליגלטער שלאַנג וועט זיך נאָך אונזער פאָלק אַ הויב טאָן, און ווי דו זאָגסט דאָרט — פאַר דעם וואונדער פון דער וועלט און פון דורות. אָבער וויסנשאַפטלאַך, ווי דער סאָציאַ־ליזם, ווי קאַרל מאַרקס, ווי ענגלס האָבן אויפגעשטעלט, אַזוי דאַרף קומען די רעוואָלוציע, ניט ווי אַ מיסטעריע. מענטשן האָבן דערפאַר די קעפּ געלייגט.

— בערמאַן — האָט זיך דאָ פרענקל אָנגערופן, אויסשרייענדיק — איר רעדט נאָך אַלץ פון מיסטעריעס, איר שוועבט נאָך אַלץ אין קאָס־מישן עטער? פאַרוואָס דערקלערן רעוואָלוציע מיט מיסטעריעס? פאַר־וואָס ניט מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס איז אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלאַך? פאַרוואָס ניט האַלטן זיך אַף אַ רעאַלן באָדן?

בערמאַן האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און אַזוי פון אונטער זיין שטערן אַ קוק געטאָן אַף פרענקלען. עס איז ביי בערמאַנען געוואָרן די לעצטע צייט אַ געוואוינהייט אַזאַ פריער אַ קוק טאָן פאַר זיך אָדער אַף דעם מענטשן, צו וועמען ער רעדט, אַ קאַלטן טראַכט טאָן פאַר אַ פונק פון אַ רגע.

— די אידייען פון „קלאָר און דערקלערלאַך" — האָט בערמאַן נאָכדעם געענטפערט — זיינען אַגב אויך מיסטעריעזע באַגריפן.

— וואָס מיינט איר? — כאַפּט פרענקל אומגעדולדיק אונטער.

— איך מיין, אַז דער רעאַלער באָדן איז אויך אַ מיסטעריע אַזאַ — ענטפערט בערמאַן אַלץ גלייך און רואיק קוקנדיק אַף פרענקלען.

— איך פאַרשטיי אייך פאָרט ניט — זאָגט פרענקל כמעט מיט שרעק אין זיין קול.

— איך מיין — זאָגט בערמאַן, זיך כאַפּנדיק, אַז ער פירט דאָ אונטער נאָך אַ חשבון — איך מיין, אַז מיר שניידן אַלע איניינעם שטי־קער באָדן און פאַסן קאָסמאָס און פלאַסטערן מיט זיי אונזער וועג דורך דער וועלט. איך מיין, אַז אָן די ביידע עלעמענטן וואָלט זיך בכלל קיינער פון אונז פון אָרט ניט געקאָנט רירן.

— אָבער מיסטעריעס זיינען דאָך פאַרפירעריש.

— פאַרוואָס זאָגט איר דאָס? — האָט בערמאַן אַ זאָג געטאָן, און אָנשטעלנדיק זיינען בליקן גלייך אַף פרענקלס אויגן געזאָגט:

— קוקט זיך אום און איר וועט דערזען, אַז די מיסטעריע פון זאַכן קוקט אויך פון אייערע אויגן אַרויס — און אַזוי אַלץ קוקנדיק אַף פרענקלען צוגעגעבן:

— ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן פאַר דער מיסטעריע פון זאַכן. די מיסטעריע איז ממש די ערד אונטער אונזערע פיס.

— די מיסטעריע איז דאָך עפּעס אַ מין ווייכע זאַך, און די ערד אונטער אונזערע פיס איז און דאַרף זיין האַרט — זאָגט אָפּ זינאַ אַזוי ווי פון דער זייט.

בערמאַן קוקט זיך אום אַף איר, דערזעט זי און וואונדערט זיך, פאַרוואָס זי זיצט אַזוי מאָדנע מיט אַ זייט. זי קוקט אַף אים פאַרדעכטיק, זי באַ־האַלט עפּעס פון אים, און ער ענטפערט איר:

— די מיסטעריע קאָן אויך זיין האַרט און שאַרף ווי די שאַרף פון אַ שווערד.

— יאָ, מיין האַרציקער פריינט — רופט זיך אָן צו אים דער צעוואַ־רימטער און פאַרוואונדערטער שליאַפּניקאָוו — זיי אָבער רעדן דאָך צו דיר פון דעם מאַטעריאַליזם, פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט אויפ־פאַסונג, אַט־וואָס. אַט דאָס, וואָס איך זאָג. וואָס איז מאַטעריאַליזם? זאָג!

— דער מאַטעריאַליזם — ענטפערט בערמאַן נאָך אַ קורצן קוק פאַר זיך — דאָס זיינען די ציגל און שטיינער, פון וועלכע עס ווערט אויפגעשטעלט אונזער געביידע.

אַניוטקא דערפילט דאָ איר גוטע געלעגנהייט. ביז איצט איז זי געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן און דערלאַנגען טיי צום טיש, איז אויך געווען פאַרנומען מיט איינקוקן זיך אין בערמאַנען, מיט טראַכטן אַלעמאָל, אַז דאָס איז עס דער בערמאַן, גערטרודס „זיס־האַרץ". סאַראַ מאָדנע דערשיינונג דאָס אַלץ איז. גערטרוד, די כמעט ריר־מיך־ניט־אָן אַמעריקאַנערין און אַט־דער פאַרוואָקסענער, פאַרפייניקטער מענטש, פאַר איר האָט ער דאָך אייגנטלאָך געדאַרפט זיין אַ מין ווילדער „פאַר עינער". איצט אָבער האָט זיך אַניוטקא צוגעזעצט און דערהערט בער־מאַנען זאָגן, אַז די מיסטעריע איז ציגל און שטיינער פון אונזער גע־ביידע, האָט זי אים אָנגעקוקט און זיך אָנגערופן:

— אַ געביידע דאַרף אָבער געבויט ווערן אַף רעאַלן באָדן — און זי האָט נאָכדעם גלייך אַ קוק געטאָן אַף שליאַפּניקאָוון און אַף איר זון, וואָס שטודירט אויך אַרכיטעקטור — זיי וועלן אַלס אַרכיטעקטן דאָס באַשטעטיקן.

דער יונגער פערדינאַנד לאַסאַל פאַררויטלט זיך און באַשטע־טיקט דאָס מיט זיין ליכטן שמייכל און מיט זיין רויטקייט.

— יאָ — ענטפערט בערמאַן מיט זיין מאָדנער זיכערקייט און רו־איקייט — אַ געביידע דאַרף געבויט ווערן אַף רעאַלן באָדן, אַף דעם רעאַלסטן באָדן, וואָס מיר האָבן, אַף דער מיסטעריע.

פרענקלען פאַרדריסט דער ענטפער. ער ווערט אַביסל אויפגעבראַכט און זאָגט:

— עס איז אינטערעסאַנט, ווי זיכער איר זאָגט דאָס אַלץ אָפּ. זאָגט מיר פונדעסטוועגן, וואָס איז אין דעם געבוי פון אונזער זיין, לויט אייער מיינונג, דאָס מאַטעריעלע און וואָס — די מיסטעריע?

און בערמאַן ענטפערט אים ווידער רואיק און זיכער, אַט ווי ער וואָלט זיינע אַלע ענטפערס געלייענט פון אַ בוך אַרויס:

— אויב דאָס מאַטעריעלע איז, לאָמיר זאָגן, די ציגל און די שטיינער פון אונזער געביידע, איז די מיסטעריע — דער צעמענט פאַר דער געביידע.

שליאַפּניקאָוו האָט ביי זיך שוין פון לאַנג געהאַט איינגעטיילט די מענטשהייט אויף מענטשן און אויף יוספס. אַט ווי אין חומש — יוסף מיט זיינע ברידער. יוסף — דאָס איז דער ריינסטער מענטש. יוסף — דאָס איז דער טרעגער פון מענטשלאַכן חלום, דער טרעגער פון אַלע גוטע מענטשלאַכע אידעאַלן, פון ריינעם דראַנג און פון רעוואָלוציע. און אָט־דער איצט געקומענער בערמאַן האָט אין שליאַפּניקאָוון מיטאַמאָל קלאָר אויפגעשלאָגן זיין געדאַנק און געפיל פאַר דעם אייביק־ריינעם יוסף. און ער האָט דאָ מיט אויפגערעגטקייט זיך אָנגערופן:

— פאַרשטייסטו מיך, ברודערל פרענקל, ער לאָזט ניט אָפּ... דער גאַסט אונזערער. ביי אים גייט דאָס, ווייזט אויס, אַלץ, ווי ער האָט געזאָגט: „שטיקער באָדן און פאַסן קאָסמאָס...” דו פאַרשטייסט, ער מיינט דאָס טאַקע, ווייזט אויס, גאַנץ ערנסט, אַז פון שטיקער רעאַלן באָדן און פאַסן ווילדן קאָסמאָס פלאַסטערן מיר אַלע אונזער וועג דורך דער וועלט. און דאָס איז אַ זאַך, ברודערל, דאָס איז עפּעס אַ זאַך אַזאַ. און רעוואָלוציע, אַ? וואָס איז רעוואָלוציע? — פרעגט שליאַפּניקאָוו — דאָס איז אויך שטיקער רעאַלער באָדן געמישט מיט פאַסן קאָסמאָס? — און ער ענטפערט זיך אַליין — ניין, ניין! רעוואָלוציע איז ניט קיין געמיש. רעוואָלוציע — איז רעוואָלוציע. עס איז ווי דער אמתער יוסף, וואָס איז שטענדיק יוסף...

שליאַפּניקאָווס געדאַנק וועגן דעם ריינעם יוסף האָט אַ פאַל געטאָן מאָדנע אומדערוואַרט. זיי האָבן זיך אומגעקוקט ניט פאַרשטייענדיק. אַניוטקאַ — אַביסל דערשראָקן, פאַרשנדיק, און אין שליאַפּניקאָוון האָט גענומען קאָכן די אויפרעגונג וועגן דער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע. און ער האָט מיט האַסט גענומען ווייטער רעדן:

— און אַז די ברידער האָבן אַראָפּגעצויגן זיין העמדל, האָבן דאָס געשטאָכן, האָבן דאָס איינגעטונקן אין בלוט און דאָס געבראַכט צום פאָטער און געזאָגט: זע, אַ ווילדע חיה האָט אויפגעגעסן יוספן, איז דען יוסף טויט? און אַז יוסף ליגט אין גרוב, איז דען יוסף טויט? און אַז יוסף ווערט פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, איז דען ניט יוסף — יוסף? און אַז מען וואַרפט אים אַריין אין געפענקעניש, איז ער דען ניט דער איינגענער ריינער יוסף? וועט ער דען ניט אַרויס? וועט ער דען ניט באַפרייען? וועט ער דען ניט ראַטעווען? רעוואָלוציע איז שטענדיק רע־וואָלוציע. רעוואָלוציע איז ריין, איז ווי דער ריינער, ווי דער אמתער יוסף.

שליאַפּניקאָוו האָט גענומען פילן, אַז עס רייסט זיך אין אים אַן אויפרעגונג, וועלכע ער קאָן ניט צוריקהאַלטן. אים האָט מיטאַמאָל אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, אַז מן־הסתם איז דאָך אין רוסלאַנד געווען אַ בלוט־באָד אַף רעוואָלוציאָנערן. אָט־די ניים וועגן רעוואָלוציע, אָט־די אַפּלייקענונג מיינט — רוסלאַנד, בלוט, רעוואָלוציע, אומשולדיק און הייליק פאַרגאָסן בלוט... און ער האָט אויסגעשריען:

— אַ רעוואָלוציאָנער, אַלע רעוואָלוציאָנערן — דאָס זיינען בלויז די קליידער פון דעם אמתן יוסף, און אַז מען וועט אונז ברייננגען דאָס פאַרבלוטיקטע העמדל פון דעם ריינעם יוסף, וועלן מיר זאָגן: ליגנערישע, פאַררעטערישע ברידער! מיר וואַרפן אייך דאָס בלוט אַף אייערע קעפּ! י ו ס ף ל ע ב ט! מערזאַווצעס, אייער האַלדז־און־נאַקן וועט נאָך געבויגן ווערן צו דער ערד. יוסף לעבט, יוסף לעבט!...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך שוין שליאַפּניקאָוו געהאַט אויפ־געהויבן פון ביינקל מיט אַ קלאַפּ אין טיש. זינאס קינד האָט זיך דער־שראָקן, אַרויסגעלאָזט די ברוסט פון מויל. שליאַפּניקאָוו האָט דערזען דאָס קינד, דאָס מאַמעלע מיט דער אַנטבלויזטער ברוסט, דערזען האַרט ביים פענצטער דאָס לבנה־ליכט און אַביסל ווייטער פון פענצטער די בהמה אינדרויסן, דערזען פרענקלען און אָט־דעם בערמאַנען, וואָס האָט געקוקט אַף אים, דערזען אַניוטקאַן, וואָס איז גלייך צוגעגאַנגען און זיך אוועקגעשטעלט פאַר אים מיט אויגן פול מיט טרערן, און ער האָט זיך גלייך דערפילט ווי אַן אָפּגעהאַקטער און אויסגעשעפּטער און האָט אַרויסגערעדט מיט אַ געבראָכן קול:

— פֿאַרגיב, אַניוטקאַ, פֿאַרגיב.

און ער האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן גרױסע און באָרדיקע קאָפּ איז אירע אָרעמס, זיך צוריקגעזעצט אױפֿן באַנק און װידער פֿאַר אַ מינוט דערזען דאָס גרױסע לבֿנה־ליכט דורך די פֿענצטער. יעדן מאָל, װען ער דערזעט אַ דרױסן, װאָס איז אַזױ אָנגעפֿילט מיט לבֿנה־ליכט ביז צו די פֿענצטער זײַנע, דערמאָנט ער זיך אָן זײַן היים, אָן זײַן געװעזן אײגן גוט דאָרטן. ער װיל מײנען, אַז ער איז טאַקע אינדערהײם — אױך דאָרטן פֿלעגן די פֿענצטער פֿון הױז אין אַזױנע נעכט זײַן אַזױ װי אױסגעשניטן פֿון שטיקער הימל. ער װײסט אָבער דערבײַ אַזױ גוט, אַזױ קלאָר, אַז די היים זײַנע איז אַזױ װײַט אַריבער דעם ים און אַריבער לענדער, אַריבער װאַסערן — צו פֿאָרן מיט שיפֿן, מיט באַנען און מיט פֿערד. און אָט־דעם לבֿנה־ליכט זעען אױס אָט־די אַלע לענדער און ימען און שיפֿן װי אױס־געלײגט אױף אַ גרױסן װײַסן לײַלאַך. אַ לײַלאַך אַזאַ ליגט דאָס אַזױ אױסגעצױגן און אױסגעשפּרײט צװישן אים און זײַן היים. אַך, װען מען װאָלט געקאָנט אַזױ אַ כאַפּ טאָן און אַריבערװאַרפֿן אָט־דעם לײַלאַך אױף אונטער זיך!

שליאַפּניקאָװ האָט אַװעקגעלײגט זײַן גרױסן אױסגעשפּרײטן אָרעם אױפֿן טיש, אַװעקגעלײגט זײַן קאָפּ אױף אים:

— פֿאַרגיב מיר, טײַערע, פֿאַרגיב מיר — האָט זיך שליאַפּניקאָװ אָנגערופֿן װי אַן אײַנגענעסטעטער אין זײַן פֿרעמד און אין זײַן היים. אָט־אַזױ לאָזט אַ פֿױגל אַרױס פֿון זײַן נעסט די לעצטע פּאָר קלאַנגען אײדער ער שלאָפֿט אײַן.

— רעדט זיך װײַטער, רעדט, פֿאַרברײַנגט — האָט ער נאָכדעם צוגעגעבן און אַלײן גלײַך צוגעמאַכט די אױגן. און שױן מיט צוגעמאַכטע אױגן האָט שליאַפּניקאָװ פֿאַר זיך געטראַכט, אַז ער איז אפֿשר אַביסל צערודערט, אָבער אמת איז אַלץ, װאָס ער האָט דאָ געזאָגט. אמת. און מיט טרערן, װאָס האָבן אָנגעפֿילט די צוגעמאַכטע אױגן, האָט ער מיט זײַן גאַנצן פֿאַרװאונדיקטן און געבראָכענעם געמיט געטומען איבערזאָגן אין זיך, פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן פֿאָלק, װאָס האָט דאָרט, מן־הסתם, פֿאַרלאָרן אַן אױפֿשטאַנד:

— און איך בין אַ ניט־מענטש, אַ װאָרעם בין איך.

קאַפּיטל אַכצן

פאַר שליאַפּניקאָווס אויסברוכן האָט מען לעצטנס מורא געהאַט מער, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. דער דאָקטאָר האָט שטאַרק געוואָרנט קעגן זיי. ער אַליין האָט זיך די לעצטע צייטן אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון טרינקען צוליב דעם. ער האָט דאָס אַניוטקאַן הייליק פאַרשפּראָכן און האָט געהאַלטן וואָרט. נאָר אָט־דאָ, צוליב דער רעוואָלוציע, האָט ער נאָכגעלאָזט און אַניוטקא האָט אַביסל נאָכגעלאָזט. נאָר ווען ער האָט נאָכדעם אָראָפּגעלאָזן זיין גרויסן, שווערן קאָפּ און צוגעמאַכט די אויגן, האָבן זיך אַלע אַביסל באַרואיקט, ווייל זיי האָבן געוואוסט פון פריערדיקע דערפאַרונגען, אַז ווען ער וועט אַזוי אָפּליגן אַ ווייַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן, וועט ער זיך נאָכדעם, מן־הסתם, אויפהויבן אַ באַרואיקטער, אַן אָפּגעפרישטער. אָבער אַלע האָבן דערפילט אַ נייעם ציטער אין זיך, אַז אפשר איז טאַקע אַן אומגליק געשען אין רוסלאַנד. עפּעס אַזוי אומזיסט וואָלט דאָך אפילו פאַלשע נייס וועגן אַ רעוואָלוציע ניט דערשיינען אין די היגע צייטונגען, און כדי, ווי־ניט־איז, אַנטלויפן פון דעם געדאַנק האָט פרענקל זיך געפּרואווט ווייטער פירן זיין שמועס מיט בערמאַנען.

פרענקל האָט זיך געפילט אי אַזוי ווי געשמיסן, אי אַזוי ווי געטרייסט פון בערמאַנס ענטפערס, פון בערמאַנס מאָדנעם, פּלוצלונגדיקן דערשיינען אַף אָט־דער פערמע, פון בערמאַנס אויסזען, פון זיין גאַנצער מאָדנער האַלטונג. אָט, שוין אָט־דער קומען און זאָגן, אַז אין רוסלאַנד איז ניט קיין רעוואָלוציע, איז געווען ווי אַ שמיץ אין פּנים, אָבער... בערמאַן, זיין בערמאַן, ווי זיין אייגענער מיסטעריעזער איך איז, דאַכט זיך, בערמאַן איצטער געקומען. אָבער ער איז פאָרט געווען אין כעס פאַר אָט־די אַלע רייד זיינע און האָט אים כעסדיק געזאָגט:

— איר זענט אַ מאָדנער מענטש, בערמאַן, איר ווילט צונויפבינדן די מאַטעריאַליסטישע און אידעאַליסטישע וועלט־אויפפאַסונגען.

איר מיינט, ווייזט אויס, אַז אַ מענטש קאָן זיך אוועקזעצן רייטנדיק אַף צוויי באַזונדערע פערד. איר ווילט, ווייזט אויס, פאָרן רייטנדיק אַף צוויי פערד מיטאַמאָל.

בערמאַן האָט אים אָנגעקוקט קאַלט און זעעוודיק, האָט פאַרשטאַנען, אַז פרענקל ראַנגלט זיך, אַז ער איז דער שטענדיקער גוט־מיינענדיקער פרענקל. וועגן אַט־די שטענדיק גוט־מיינענדיקע מענטשן האָט זיך דאָ געוואָלט אונטערפירן אַ חשבון, און ער האָט געענטפערט:

— איר צעטיילט זאַכן. אַלץ קאָן מען צעטיילן. אַנאַטאָמיש קאָן מען איין פערד צעטיילן אַף גאַנץ באַזונדערע גלידער. פילאָזאָפיש קאָן מען אַ פערד געווים צעטיילן ווינציקסטנס אַף צוויי באַזונדערע העלפטע. די מענטשהייט קאָן מען בכלל צעטיילן אַף צוויי באַזונדערע מינים: אַף מענטשן, וואָס מיינען צו זאָגן גוטע זאַכן, און אַף מענטשן, וואָס זאָגן, ניט גראָד דערפאַר, ווייל זיי מיינען צו זאָגן גוט, נאָר דערפאַר, ווייל די זאַג איז אין זיי. די מיסטעריע פון זאַכן וויקלט זיך פון אַן אומענדלאָכער קייט פון רעאַלע דערשיינונגען, וועלכע זיינען רעאַל, כאָטש זיי זיינען מיסטעריעז. אַזוי זיינען מענטשן און זאַכן געבוירן געוואָרן פון קאָסמאָס אַרויס. אַזוי איז פון אַן ערשטן פינטל, וואָס האָט געהאַט דעם כוח צו וואַקסן, די וועלט געבוירן געוואָרן. אַזוי ווערט געבוירן אַ קינד ביי מענטשן און ביי חיות, און אַזוי ווערן געבוירן רעוואָלוציעס. און אַזוי ווערט אויך געבוירן דאָס וואָרט ביי אַ מענטשן און דאָס געשריי ביי אַ חיה. אַ חיה שרייט ניט, ווייל זי מיינט: אַט וועל איך נעמען און שרייען. אַן אינעווייניקסטער שטוים אַזאַ איז פאַראַנען. — בערמאַן בלייבט דאָ שטיין אַ קליינע רגע און גיט גלייך צו: — אַזוי איז אויך מיט דעם מענטשן, וואָס זאָגט עפּעס, ווייל די זאַג איז אין אים. יאָ. ווערטער זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס זאָגן זיך, ווייל די זאַג איז אין זיי. אַ מענטש זאָגט אַמאָל זאַכן, וואָס מיט זיין גוטן שכל וואָלט ער זיי אפשר ניט געזאָגט. דער מענטש שטייט אַמאָל ווי אַ דערשטוינטער עדות פאַר זאַכן, וואָס זאָגן זיך אָדער טוען זיך דורך אים. דער רעאַלער שכל איז אַמאָל גאַנץ אַנדערש פון דעם מיסטעריעזן שכל אין מענטשן. — און בערמאַן בלייבט ווידער שטיין פאַר אַ קליינער רגע און לייגט צו:

— און נאָך אַ שכל איז פאַראַן. דאָס איז דער שכל, וואָס ווייסט פון דיביידע שכלס און וואַכט איבער זיי. לויט דער מדרגה פון אַט־דעם

דריטן שכל פארמירן זיך דעם מענטשנס טאטן און שאפן די מדרגה פון דעם מענטשן. רעאליזם און מיסטעריע זיינען ביי אזא מענטשן ניט קיין צוויי באזונדערע פערד, נאר צוויי האלבע פון איינאיינציקן פערד.

— גאט איז מיט אייך! — רופט זיך אפ זינא — לייקנט איר דען אפ די עקזיסטענץ פון די צוויי באזונדערע פילאזאפיעס — די אידעאליסטישע, וואס ציט זיך פון דעקארטן, און די מאטעריאליסטישע, פון... — זינא האט זיך דערביי, ווייזט אויס, פארגעסן און זיך אזוי רעדנדיק אינגאנצן אויסגעדרייט צו בערמאנען מיט איר קינד לעבן איר ברוסט.

בערמאן האט זיך מיט א גוטן שמייכל אומגעקוקט אף דער פליי־נער, אפגעצערטער מאמעלע מיטן קינד לעבן דער רונד־אנגעפילטער ברוסט. איר ווענדונג, איר קול, איר אויפגעהויבענער קאפ און איר קינד לעבן איר האבן ביי אים ארויסגערופן א גוטן שמייכל, האבן אים באפרייט פון א ניט־אנגענעמער אנשטרענגונג, וואס האט זיך גענומען שווער רוקן אף אים, און ער האט א טראכט געטאן:

— א שיינע באגעגעניש אפן וועג קיין ניו יארק. עפעס אזוי אומ־דערווארט א מאמע מיט א קינד.

און ווייל דאס איז זינא, איז אים דאס אויסגעקומען אזוי וואונדער־לאך אייגן, ווי פון אייגן פלייש און בלוט. א מאמע, אזוי ווי פון דער אייגענער משפחה. ווי א שוועסטער, וואס איז איצט א יונגע מאמע געווארן, איז זינא איצט אזוי אומדערווארט אנגעקומען אף זיין וועג פאר זיין ארייגגיין קיין ניו יארק.

„א שיינע באגעגעניש" — באשליסט ער און ער ענטפערט איר:

— ניין, איך לייקן ניט אפ די פילאזאפיעס. אדרבה, איך זאג: גוט איז מיט די פילאזאפיעס, זינא, נאר ניט אלעמאל גוט איז מיט דעם פילאזאפירן.

שליאפניקאוו, וואס איז, דאכט זיך, נאך אלץ געשלאפן, האט מיטאמאל, אין דער רגע, מיט א קלארן קאפ דערהערט אט־די לעצטע ווערטער פון בערמאנען, האט צעעפנט די אויגן, א קוק געטאן אף בער־מאנען, וואס האט אים ווידער אויסגעזען ווי א יונגער אטשעלניק, אדער אפשר גאר ווי דער ריינער יוסף, און האט רואיק, גלייך ווי

ס'וואָלט מיט אים פריער גאָרניט פאָרגעקומען, געזאָגט:

— יאָ, ברודער, ביסט גערעכט. מיט די פילאָזאָפיעס ווי מיט די פילאָזאָפיעס, נאָר מיט דעם פילאָזאָפירן — פאַרגייט מען אַמאָל צו אַלדע שווארצע יאָר.

— אָבער מיסטעריעס זיינען דאָך אַן אומדערקלערלאַכע זאַך — האָט זיך אַניוטקאַ ווידער אָנגערופן און אויך מיט אַזאַ טאָן, ווי מיט שליאַפּניקאָוון וואָלט דאָ פריער גאָרניט פאָרגעקומען.

— און דאָס שאַפט דאָך גלאַט אַ באַדן פאַר אַלערליי שפּעקו־לאַציעס און ניט־זיכערקייטן — האָט פרענקל אַריינגעוואָרפן.

— פאַרוואָס? — האָט זיך בערמאַן אָנגערופן — מיסטעריעס זיינען פאַר אונז אַזוי זיכער, אַזוי קלאָר און דערקלערלאַך, ווי דאָס געבורט פון אַ מענטשן, ווי דאָס אויפגיין פון דער זון, ווי דאָס וואַקסן פון גראָז.

— אַניוטקאַ, ער לאַכט פון אונז — האָט זיך זינאַ אָנגערופן און איז בלאַס געוואָרן, און האָט זיך נאָכדעם אביסל אַ צעבעסטע גלייך גע־וואָלט אויפהייבן און אוועקטראָגן איר קינד פון אים. אַניוטקאַ האָט זיך אביסל פאַרלאָרן פון איר באַמערקונג און פון איר באַוועגונג. פרענקל האָט מאָדנע אָנגעשטעלט די אויגן. שליאַפּניקאָוו אָבער האָט זיך ערנסט און ווידער רואיק אָנגערופן:

— פאַרוואָס, זינאַ? ער לאַכט ניט. ער זאָגט אייך בלויז אַן אמת אַזאַ און דו, פרענקל, — האָט זיך שליאַפּניקאָוו מיט דער אייגענער רואיקייט אָנגערופן צו פרענקלען — וואָס שטעלסטו זיך אַזוי קעגן אים? אָט, איך קוק אַף אים און ער דערמאָנט מיך אינגאַנצן אָן דיר. געדיינקסט נאָך די צייט, ווען דו ביסט נאָר־וואָס געקומען פון סיביר, אַזאַ ליכ־טיקער, אַזאַ זיכערער, אַזאַ אָנדערשדיקער. צי דו געדיינקסט שוין ניט?

בערמאַן האָט געפילט די מידקייט און די באַזונדערע גוטסקייט פון זיצן נאָך אַ לאַנגן גיין מיט די פיס, געפילט, מיט אַ געוויסן פאַרגע־ניגן, אַ לייכטן הונגער, און זיך דאָך ניט צוגערירט צום גלאָז טיי און דעם ביסל וויין, וואָס זיינען געשטאַנען אַפן טיש. ער האָט געהערט און ניט געהערט שליאַפּניקאָווס באַמערקונג. אים איז געווען גוט פון אַט־דעם פּשוטן טיש, פון אַט־דעם פּשוטן, כמעט האַלב־באַלויכטענעם צימער. עס האָט עפּעס אַזוי ווי דערמאָנט אין די אַמאָליקע „עם־עולם"־טישן און

עפּעס נאָך אַנדערשדיקער. אַט־די צוויי פרויען, איינע פון זיי — אַ מאַמע מיט אַ קינד אַף די הענט, און אַט־דער יונגער בחור, וואָס זיצט דאָ די גאַנצע צייט, הערט און הערט ניט וואָס מען רעדט, און ער אַליין, און אַט־די צוויי אַנדערע מענער מיט די פאַרגרויטע האָר און פאַרגרויטע בערד. סאַראַ מאָדנע ליכט פונם לאָמפּ אין צימער. ווי מענטשן זיצן אַזוי אין דעם אָרימען צימער. דאַכט זיך, אַז זיי זיצן ערגעץ אין אַ שטאָל, דאַכט זיך, אַז זיין זיצן אַף דעם מיטן פון דער וועלט, אַף דעם נאַפּל פון דער ערד.

— וואָס ווילן די מענטשן?

— דעם אמת פון דער וועלט.

— אַ וואונדער נאָר — טראַכט בערמאַן — געוויינטלאָך הער איך: „איר דערמאָנט מיך אָן מיך אַליין", און דאָ גאָר האָט דער ברייט און רונדיק־בערדיקער שליאַפּניקאָוו געזאָגט, אַז איך דערמאָן אים אָן פרענקלען.

פרענקלען איז פון דעם אי ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, אי עפּעס האָט זיך ווי אָפּגעריסן אין האַרצן, און כדי דאָס צו פאַרשרייען האָט ער זיך מיט אַ פונדאַסנייאיקער בייזקייט אָנגערופן:

— אָבער אַניוטקאַ איז דאָך פאַרט גערעכט! מיסטעריעס זיינען אָן אומדערקלערלאַכע זאַך. מיר סאָציאַליסטן טאָרן זיך ניט לאָזן פאַר־פירן פון אַזוינע פוסטע פראַזן. מיר הויבן ניט אָן פונם קאָסמישן עטער. מיר הויבן אָן פון עקאָנאָמיש־דעטערמינירטע געזעלשאַפטלאַכע קלאַסן, און די עקאָנאָמישע נויטן פון די קלאַסן דיקטירן די אָדער יענע אידייען. און קיין מיסטעריעס זיינען דערביי ניטאָ. דער סאָציאַליסטישער אי־דעאַל קומט ניט ווי אַ מיסטעריע. ער קומט, ווען די צייט, ווען די עקאָ־נאָמישע אומשטאַנדן דערלויבן דאָס. דער סאָציאַליזם ווייזט די צייט, ממש ווי אַ ווייזער אַפן זייגער.

בערמאַן אָבער ענטפערט אַלץ מיט אַט־דער מאָדנער רואיקייט זיינער, כמעט ווי איינער, וואָס האָט זיך געהאַט ספּעציעל צוגעגרייט מיט ענטפערס אַף די אַלע פראַגן:

— אידעאַלן ווערן געבאָרן, ווען עס קומט די צייט פאַר אידעאַלן צו געבאָרן ווערן, און דאָס געשעט אָפט איידער די צייט איז רייף זיי אויפצונעמען.

פרענקל איז דאָ געבליבן שטיין אַף אַ ווייל. דאָס האַרץ האָט אין אים פאַר אַ רגע פונדאַסנייַ אַ ציטער געטאָן. אָט־דאָס דאַרע, אויסגעמוטשעטע פּנים פון בערמאַנען, וואָס האָט פאַר אים אין אָט־דעם אָרימען דאָרפישן צימער געלויכטן, ווי זיין אייגענער איך, אָט־דער קעראָסין־לאָמפּ, די מענטשן אַרום טיש, זיין טאָכטער מיטן קינד אַף די הענט, די גלעזער טיי, דאָס ביסל ווייַן, זייערע אָלעמענס קרומע, פּלאַטערדיקע שאָטנס אַרום זיי; דער ליכט־קרייז, וואָס דער קעראָסין־לאָמפּ האָט פון זיך אויסגעצייכנט אַפן טיש און אַף דער סטעליע אינדערהויך, אָט־דאָס שפּעטע, נאַכטיקע לבֿנה־ליכט, וואָס איז איניינעם מיט דער בהמה און דעם פאַרקאָן געשטאַנען ביי די פענצטער פון אָט־דעם אָרימען פערכיע־הייזל — דאָס אַלץ האָט זיך אַזוי ווי פאַרמאָסטן צו מאַכן אַ מיסטעריע פון אַלץ. אָבער ער וועט פאָרט ניט לאָזן. ער וועט ניט לאָזן. ער וועט קעמפן מיט בערמאַנען, וואָס דערמאָנט שליאַפּניקאָוון אין אים. אין פרענקלען. ער וועט קעמפן מיט אָט־דעם מאָדנעם בלאָסן מענטשן, וואָס ווערט מיט יעדער מינוט אי אייגענער, אי פרעמדער. ער וועט קעמפן. און ער האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס מיינט איר, „אידעאַלן ווערן געבאָרן פ א ר דער צייט"? איר וועט דאָך שוין באַלד אפשר זאָגן, אידייען און אפשר אויך די מענטשן, וואָס טראָגן אידייען, זיינען געבוירן געוואָרן נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן?

— נו, און אַז די אידייע פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געבאָרן געוואָרן איידער די פּאַרטיי איז באַשאַפן געוואָרן וועט איר דאָך צוגעבן — פרעגט בערמאַן מיט אַביסל אויפרעגונג אין קול.

— מאַכט זיך קלאָרער — האָט זיך פרענקל אָנגערופן, ניט האַבנדיק אין דער מינוט וואָס צו זאָגן.

— עס איז, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר — האָט זיך שליאַפּניקאָוו אָנגערופן: — אַף צו גרינדן אַ פּאַרטיי מוז מען דאָך פריער האָבן אַן אידייע פון אַ פּאַרטיי. הייסט דאָך דאָס, אַז די אידייע קומט דאָ פ א ר דער זאַך. און אויב מיר לאָזן צו, אַז אַן אידייע קאָן קומען פ א ר דער זאַך, קאָנען מיר דאָך שוין אויך צולאָזן, אַז אַן אידייע זאָל אַמאָל קומען צו־פרי, און אַז אידייען־טראָגער זאָלן אַמאָל אפילו געבאָרן ווערן פאַר דער צייט.

— אבער וואס הייסט ביי אייך אן אידייען־טראגער? אן אידייען־טראגער איז דאך פארט ניט מער ווי א מענטש, און א מענטש ווערט געבארן צווישן מענטשן, צווישן קלאסן, און קלאסן קאנען נאר זיין, ווען די צייט, ווען די מאטעריעלע אומשטאנדן שאפן זיי — האט זיך פרענקל אנגערופן א צעבעסטער.

— אן אידייען־טראגער איז א מעדיום אזא, וואס טראגט אין זיך די פייאיקייט אויפצונעמען א געוויסע אידייע, ווי א געוויסער נעסט איז מסוגל אויפצונעמען א געוויסן באשטימטן פויגל. די אידייע זוכט אים אויף און באהעפט זיך מיט אים, ווי עס זוכט א פויגל אויף זיין נעסט. עס גייט אפילו ניט אלעמאל אין דער קלאסן־פארשיידנקייט. קלאסנפאר־שיידנקייטן — דאס זיינען כמעט ווי קליידער, וואס פאלן אפט אומ־שולדיק ארויף אף די אדער יענע מענטשן. עס גייט דא אבער ניט אין קליידער, נאר אין דעם מענטשן, וואס איז צוגעפאסט אויפצוכאפן אדער אויפגעכאפט צו ווערן פון א געוויסער אידייע, פון א געוויסער מיסטעריע.

— יא, עס גייט אין דעם אמתן יוסף! — האט שליאפניקאוו ארייג־געשטעלט זיין ליבן געדאנק וועגן דעם אמתן יוסף — יא, יא. פרענקל, הערסט, עס גייט וועגן דעם אמתן יוסף. אט־דאס איז דער מענטש, — ניט זיין העמדל, וואס די ברידער האבן געבראכט, ניט דאס קלייד, וואס פוטיפרע האט אונטערגעטראגן, נאר דער ריינער, דער אמתער יוסף איז דער מענטש.

אניוטקא און פרענקל האבן זיך דא אומגעקוקט אף שליאפניקאוון מיט אביסל מורא אין זייערע בליקן. זיי האבן געמיינט, אז שליאפניקאוו וועט דא פילייכט באלד ווידער ארייגפאלן אין א נייעם אויסברוך, אבער שליאפניקאוו האט ניט געוויזן קיין סמנים פון דעם. א ליידנדיקער אבער א בארואיקטער האט ער נאכטראכטנדיק געהאלטן זיין גרויסן, שווערן קאפ, געקוקט מיט גוטע אויגן אף בערמאנען און אף פרענקלען און געדערט. ווען ער האט אויפגעהערט האט בערמאן ווייטער געצויגן זיין געדאנק און געזאגט:

— און ווען אן אידייע באהעפט זיך אן א מענטשן, וואס באלאנגט צו א קלאס אדער צו א פאלק, וואס איז אלם קלאס צי אלם פאלק ניט מסוגל צו אזוינע אידייען, קאנען מיר זאגן אף דעם מענטשן, אז ער איז א ווייסע ראב צי א ווייסע טויב, אבער דער פאקט בלייבט, אז גראד

אַט־דער מענטש איז דער פאַסנדיקער מעדיום פאַר אַט־דער אידייע. די אידייע זוכט אים אויף און קלייבט זיך אריין אין אים, און טאַקע ווידער ווי אַ פויגל, וואָס זוכט פריער אַ צוגעפאַסטן נעסט, איידער ער נעמט זיך מאַכן אַ נייעם נעסט פאַר זיך. אוודאי מאַכן אויך פויגל נייע נעסטן, ווי אידייען פאַרמירן־איבער, שטעלן מיט דער צייט פאַר זיך אויף נייע מענטשן, נייע אידייען־טראַגער.

— אייער געדאַנק איז געפערלאַך — האָט זיך זינאַ אָנגערופן — וואָרים, אויב די מיסטעריע טוט שוין אַלץ, מעג דאָך דער מענטש צונויפ־לייגן די הענט און גאָרניט טאָן.

— זי איז גערעכט — רופט זיך פרענקל אָן אַ צופרידענער — צו וואָס, למשל, זאָל אַ מענטש איינשטעלן זיין לעבן און מאַכן רעוואָלו־ציעס, גיין אַף באַריקאַדן?

בערמאַן ענטפערט אַף דעם:

— ווייל ער וועט ניט קאָנען ניט איינשטעלן. די מיסטעריע איז סוף־כל־סוף אַ רעאַלער דראַנג אַזאַ, קעגן וועלכן מען קאָן זיך ניט שטעלן. און די צוגעפאַסטע מענטשן מוזן הערן איר געבאָט און פאָלגן. ווי אַ פויגל מאַכט אָדער געפינט זיין נעסט, אַזוי מאַכט אָדער געפינט די אידייע איר מענטשן. זיינען די שאַפער פון סאָציאַליזם געווען מענטשן, וואָס האָבן סאָציאַל באַלאַנגט צו דער שיכט, פאַר וועלכער זיי זיינען אַרויס מיט זייער אידייע? ניין, ניט דערפאַר, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געמוזט. אַזוי איז אַ מענטש. אַזוי איז אַ פאָלק. אַ מענטש אָדער אַ פאָלק איז ניט אַלעמאָל דאָס, וואָס מיר ווייסן פון אים, און ניט אַלעמאָל דאָס, וואָס ער זאָגט פון זיך אַליין — איז כמעט ווי אַ נעסט פון אַ גע־ווויסן מין פויגל. אַ מענטש איז דאָס, פאַר וואָס ער איז געשטעלט געוואָרן.

— און ווי, אַז אַ מענטש אָדער אַ פאָלק וויל ניט? — פרעגט זינאַ. — ווי, אַז אַ מענטש אָדער אַ פאָלק ווילן זיך שטעלן קעגן אַ גע־וויסער אידייע? עס איז דאָך דאָ אַזאַ זאַך ווי פרייער ווילן, צי איר לייקנט דאָס?

— עס טרעפט — זאָגט בערמאַן — טאָמער גייט אַ מענטש אָדער אַ פאָלק ניט אַף זיין אמתן וועג, קומען סיבות, צופעליקע, דאַכט זיך, און נעמען אים אַריין אין אַזאַ קלעם, וואָס מאַכט אים טאָן, וואָס ער דאַרף, געוויינטלאַך שאַפן אַ מענטש אָדער אַ פאָלק פאַר זיך אַפט זייערע

אייגענע צופאַלן, זייערע אייגענע אומגליקן, זייער אייגענעם קלעם, וואָס פרעסט־אויס און פאַסט־צו, ווי עס איז צוגעפּאַסט אַ נעסט צו דעם פויגל, וואָס וואוינט אין אים. מען שאַפט אָפּט פאַר זיך אַליין אייגענע מילשטיינער פאַרן אייגענעם האַלדז. עס טרעפן אויך מענטשן און פעלקער, וואָס זיינען ניט מסוגל, אָדער זיינען מער ווי אַנדערע מסוגל צו געוויסע אידייען.

— נו, בערמאַן — האָט זיך פרענקל אָנגערופן מיט אַ ציטערדיקן ווייטיק אין האַרצן — איך האָב מורא, אַז איר זענט (געוואָלט האָט זיך פרענקלען זאָגן גאָר פשוט: איר זענט אַ פאַרלאָרענער מענטש, איך האָב מורא, אַז איר, דער געוועזענער רעוואָלוציאָנער פון ריינעם פייער, זענט געוואָרן דער גוטער יאַר ווייסט וואָס, אָבער דאָס האַרץ האָט ניט דערלאָזט אַזוי זאָגן און פרענקל האָט דערפאַר געזאָגט:) איך האָב מורא, אַז איר זענט אַוועק אַף אַ מאָדנעם וועג, בערמאַן, אַף אַ ניט־סאָציאַליסטישן, אַף אַ געפערלאַכן וועג.

— אָבער איך וואָלט פון אייך וועלן הערן, פונדעסטוועגן, צי ביי אייך איז טאַקע באמת רעכט, אַז געוויסע פעלקער זיינען גאָרניט מסוגל צו געוויסע אידייען — האָט זיך זינאַ אָנגערופן מיט אַ טאָן פון שאַרפן פאָרוואורף און זיך גראַד דערביי ווידער אַ קער געטאָן צו בערמאַנען אַזוי, אַז דאָס קליינע קינד אַף אירע הענט האָט זיך מיטאַמאָל גאָר אינגאַנצן אַנטפּלעקט פאַר אים, ממש ווי אַן אוצר אַ באַהאַלטענער.

בערמאַן האָט דערזען דאָס קינד איניינעם מיט דעם ליכט, וואָס דאָס קינד האָט פון זיך אַרויסגעגעבן פאַר זיך און פאַר דער מוטער. די בליקן פון בערמאַנס טיף־איינגעגראָבענע אויגן זיינען אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַנגעשטעלט אַף דעם קינד, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי אינגאַנצן אַנטפּלעקט אַף אירע הענט פאַר אים.

פאַר דעם ריינעם אויפגעלויכטענעם ליכט פון אָט־דעם קינד און דער אַביסל צעטומלטער און אויפגערעגטער מאַמע, וואָס איז אפנים רייפער און ערנסטער געוואָרן פאַר די פאָר יאָר, האָט זיך ביי בערמאַנען גאַנץ שטיל און ווייטיקדיק אַרויסגעריסן אַן אויפגעבראָכענער, שוין כמעט אַן אויפגעלייזטער זייטיקער באַוואוסטזיין אַזאַ, אַז ער טוט זאַכן, וואָס ער האָט אפשר ניט געוואָלט, ניט געדאַרפט טאָן, אַז ער זאָגט אפשר זאַכן, וואָס ער וואָלט ניט געוואָלט און ניט געדאַרפט זאָגן. נאָר וואָס

זאָל ער טאָן, אַז ער איז שוין דאָ איצט אַזוי אָוועקגעשטעלט געוואָרן? אַ נעסט, אַ פויגל אַזאַ. צוליב וואָס און פאַרוואָס איז ער דאָ איצט אַזוי אָוועקגעשטעלט געוואָרן? איז ער דען צוליב דעם אַרויסגעגאַנגען אַף זיין וועג? ער איז דאָך אַרויסגעגאַנגען אַף זיין וועג קיין ניו יאָרק. עפּעס וועט ער דאָרטן דאַרפן זאָגן, עפּעס וועט ער דאָרטן דאַרפן טאָן — איז צוליב־וואָס האָט ער זיך דאָ אָפּגעשטעלט אַף אַזוי לאַנג? ער איז דאָך אין אָט־דער פערמע געקומען אַ קוק טאָן בלויז אַף אָט־דעם שליאַפּניקאָוו, אַ הער טאָן זיין קול.

און בערמאַן האָט אַזוי געקוקט אַפן קינד און געוואַרט אַ לענגערע רגע. בערמאַן האָט די לעצטע צייט איבערהויפּט געקראָגן אַ געוואוינהייט צו בלייבן שטיין אַ ווײַלע פאַר יעדן מענטשן, אַף וועמען ער פלעגט נאָר אָנשטעלן די אויגן, כדי איידער ער נעמט זיך צונויף מיט די געדאַנקען, פריער אַריינצונעמען אין זיך אַביסל פון דעם ליכט, וואָס גייט־אויף פון יעדן מענטשן. זינט ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דאָס ווייסע צפון־ליכט אויפגיין פון גערטרודן, האָט ער דאָך געגומען זען, אַז אַ ליכט גייט אין דעראַמתן אויף פון יעדן מענטשן; אַז דאָס ליכט פון יעדן מענטשן מאַכט אָפּט דורך געוויסע ענדערונגען. און ער האָט דערפאַר איצט קלאָר געזען דאָס ליכט פון אָט־דעם קינד. עס האָט געשיינט קעגן דעם לאָמפּ, קעגן דער מאַמען, און האָט באַווירקט אַלעמענס ליכטיקע פּנימער אַרום טיש. אַנדערשדיק ווערט אפילו דאָס ליכט פונם לאָמפּ, ווי אַ דינע רעגן־בויגן־פאַרביקייט איבער דעם... ניט ריין, ניט צוגעקליבן איז דאָס הויז, נאָר ווי אין אַ ליכט־קרייז זיצן זיי דאָ אַלע, די בערדיקע און די ניט־בערדיקע: מענטש און לאָמפּ, קינד און רעגנבויגן...

און בערמאַן האָט זיך נאָכדעם אָנגערופן צו זינאַן, אָט ווי זיך פאַרענטפערנדיק:

— עס איז אוודאי שווער צו זאָגן, אַז געוויסע פעלקער זיינען ניט מסוגל צו אויפנעמען געוויסע אידייען. עס איז שווער אַרויסצוברייגגען אַזאַ געדאַנק אַף מענטשן, אַף פעלקער, ווייל זיי זיינען דאָך אַלע מענטשלאַך. אָבער אָט זיינען דאָך פאַראַן מענטשן, און טאַקע אויך גאַנצע פעלקער, אַף וועלכע געוויסע קראַנקייטן האָבן ניט קיין שליטה. איר ווייסט דאָך געוויס פון דעם. טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס איינענע ניט קאָנען זיין

1

מיט אידייען? אידייען לעבן דאָך אויך כמעט אַ מיקראָביש, כמעט אַן עפּידעמישן לעבן. אָט, למשל, ליידן ניט די נעגערן פון שווינדזוכט. דאָס הייסט, אַז די שווינדזוכט־באַצילן האָבן אַף זיי ניט קיין שליטה.

— הייסט דאָס, אַז עס זיינען, נאָך אייער מיינונג, פאַראַן פעלקער, וואָס זיינען אַף אייביק פאַרלאָרן פאַר געוויסע אידייען? — פרעגט שליאַפּניקאָוו מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט.

— יאָ, יאָ, אַזוי הייסט דאָס ביי אים — ענטהערט זינא מיט אַ לייכטן כעס.

— און וואו איז דאָס גלאַט געהערט געוואָרן צו פאַרגלייכן אי־דייען מיט מיקראָבן? — שרייט כמעט אויס פרענקל און גיט צו: — אַ מענטש, הייסט דאָס לויט אייך, ווערט קראַנק אַף אַן אידייע. אויב אַ מענטש ווידמעט זיך צו אַ געוויסן אידעאַל הייסט דאָס, לויט אייך, אַז ער ווידמעט זיך צו אַ געוויסער קראַנקהייט און דערביי קומען דאָך דאָ נאָך מן־הסתם פאַר גאַנץ מאָדנע זאַכן — לייגט פרענקל צו מיט אַ באַזונדער ביטערקייט — אָט נעמט טאַקע אונזער אייגענע ארבעט אין אונזערע יוניאָנס. איך בין געקומען מיט סאָציאַליסטישע אידעאַלן אָדער מיקראָבן, געוואָלט מיט זיי אָנשטעקן אונזערע ארבעטער־מאַסן, און די מיקראָבן האָבן זיך ניט צוגענומען. עס זיינען קיין יוניאָנס ניט געוואָרן. איר זעגט געקומען און עס איז קיין יוניאָנס ניט געוואָרן, און גראָד איצטער, אַז די ארבעטער־באַוועגונג איז אריינגעפאַלן אין די הענט פון אָפּאָרטוניסטן און גענגסטערס, זיינען דווקא יאָ געוואָרן יוניאָנס.

פרענקל שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַ רגע אַף בערמאַנען. בערמאַן שווייגט און פרענקל קאָן ניט איינהאַלטן זיין אויפגערייצטקייט און זאָגט:

— און איך בין דאָך זיכער, אַז דער עולם, פאַר וועלכן איר האָט אַזוי געטריי געאַרבעט, געדיינקט אפילו ניט, אַז איר האָט עפּעס געהאַט צו טאָן. און נאָך זיכערער איז, אַז זיי וואָלטן אפילו איצט ניט וועלן וויסן פון אייך. זיי דאַרפן אייך ניט, זיי דאַרפן מיך ניט. איז, ווי אַזוי דערקלערט איר דאָס אַלץ נאָך אייער שיטה. זיינען זיי קראַנק גע־וואָרן, אָדער געזונט געוואָרן, און וועלכע מיסטעריעזע פאַזע, לויט אייער לשון, איז געווען די געזונטע און וועלכע די קראַנקע? צי ביי אייך האָט דאָס אפשר אַלץ צו טאָן גאָר מיט אידייען, וואָס ווערן געבוירן

פאר דער צייט מיט מיקראָבן אזוינע. גלייבט איר טאקע, בערמאַן, אז אידייען זיינען ווי קראנקהייטן?

פרענקלען האט זיך דאָ, אייגנטלאך, גלאט געוואלט אראפרעדן זיך אביסל פון הארצן. אָט, זאָל בערמאַן וויסן, אז מען דאַרף זיי ביידן איצט ניט אין ניו יאָרק. אָט, זאָל בערמאַן וויסן, וואָס עס קומט איצט פאר אין ניו יאָרק.

בערמאַן האט דאָס אלץ דערהערט, פארשטאַנען, אז עפּעס אזוינס איז דאָרט, אין ניו יאָרק, וואוהין ער גייט, פארגעקומען נאָך זיין פאר־לאָזן די שטאָט. ביי בערמאַנען איז דאָס אבער ניט געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געוואויר צו ווערן, אז זאכן, וואָס ער האט אָנגעשריפּט, האָבן זיך נאָכדעם געטאָן אָן אים און אָן אנדערע אזוינע ווי ער — אָן דעם אפילו, אז מען זאָל וויסן און וועלן וויסן ווער עס האט געבראכט צו דעם.

עס פלעגט אָפּט אויסקומען מאָדנע, און אמאָל אויך פּאַרדראָסיק, ווייטיקדיק. איצט אָבער האט בערמאַן געטראכט:

— צי וויסט דען עמיצער פון דעם עקבער, וואָס האט אויסגעבויערט די לעכער פאר דער געביידע? מען טראכט אפשר פון דעם בויער, מען טראכט אפשר פון דעם, וואָס האט געמאכט די לעכער, פון דעם, וואָס האט באַנוצט דעם עקבער, אָבער מען טראכט קיינמאָל ניט פון דעם עקבער אליין, און דער בויער, דער עקבער־האלטער, איז אין דעם פאל געווען ניט איך, ניט פרענקל — נאָר דאָס לעבן. מיר זיינען עקבערס אזוינע אין די הענט פון דער מיסטעריע, וואָס הייסט ל ע ב ן. דער גאַנצער אונטערשייד איז נאָר אין דעם, וואָס אַ מענטשן טוט דאָס אמאָל וויי, און אַן עקבער — ניט.

דער יונגער פערדינאַנד, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט און זיך געלאַנגווייליקט, כאָטש ער האט כמעט געקוקט יעדן אין מויל אריין, האט דאָ מיטאמאָל צוגעקראָגן אַ ווארעמקייט אין זיינע אויגן. אים האט אָט־דער גאַנצער עולם געגומען אויסזען ווי אַ גרופּע פון עפּעס אַן אינדיאַנער שבט, צו וועלכער עס איז פונערגעץ פּלוצלונג אראָפּגעקומען עפּעס אַ מאָדנער מענטש אַ בלאַסער, וואָס רעדט עפּעס אזוינע אומ־פארשטענדלאכע זאכן, און אלע פאלן אָף אים אָן. און ער שטייט אזוי קעגן אלע, אָט־דער בלאַסער, און האלט אלץ אויס. ער שלאָגט זיי אלץ

פּאַר אַזוינע מאָדנע זאַכן און זיי גייען ניט איין. אָבער זיין שטיפּ־פאַטער, שליאַפּניקאָוו, האָט ער שוין, ווייזט אויס, געוואוינען כמעט אַף זיין זייט.

בערמאַן האָט געקוקט אַפן קינד, אַף זינאַן און אַף אַלעמען און גע־ענטפערט, ניט ווייסנדיק קלאָר, צי ער דאַרף, נאָר פילנדיק, אַז דער ענט־פער שטייט גרייט און דאַרף פון אים אַרויסגעזאָגט ווערן:

— אוודאי קאָן אַמאָל אַ מענטש און אפילו אַמאָל אַ מענטשהייט קראַנק ווערן אַף אַ קראַנקער אידייע — ענטפערט בערמאַן — אָבער עס זיינען אויך פאַראַנען געזונטע אידייען, ווי עס זיינען פאַראַנען גע־זונטע באַצילן. ווי אַ געזונטע לופט אַ פרישע קאָן אויך קומען אַן אי־דייע, ווי עס קומען שטאַרקנדיקע, דערפרישנדיקע מיקראָבן און באַ־קעמפן די שעדלאַכע. און איך האָב בכלל געזאָגט, אַז אידייען לעבן כ מ ע ט אַ מיקראָבישן לעבן. און איך גלויב אויך, למשל, אַז ווען די נעגרען וועלן אַפּוואוינען צווישן אונז אָדער מיר צווישן זיי אַ געוויסע צייט, וועלן זיי אפשר אויך אָנהויבן ליידן פון שווינדזוכט. קאָן דאָך דאָס אייגנע אויך זיין מיט אידייען. איך גלויב, אַז די מילשטיינער פון דער צייט וועלן דאָס, מיט דער צייט, ווי־ניט־איז אויסגלייכן.

— ווער זיינען ביי אייך די מילשטיינער פון דער צייט? — פרעגט פּרענקל בייזלאַך אַף דעם, וואָס בערמאַן ענטפערט ניט דירעקט און דאָך אַביסל אַ באַפרידיקטער און אַ פאַרשנדיקער. און בערמאַן ענטפערט און פילט אַ געערגערטער, אַז ער ענטפערט ווי פון אַ בוך אַרויס:

— די מיסטעריעזקייט פון די גרויסע אידייען, וואָס זיינען גע־באָרן געוואָרן אַף זיך דורכצוריסן, און די עקשנים, די אידייען־טראָגער. — זיי זיינען דאָס די מילשטיינער.

טיי און ווין און צובייסן איז געשטאַנען אַפן טיש און קיינער האָט זיך צו דעם ניט צוגערירט. און בערמאַן האָט גלאָט, ווי פאַר זיך אַליין און פאַר אַלעמען, גענומען רעדן, קוקנדיק פאַר זיך מיט אַ מאָדנער, עטוואָס נערוועזער רואיקייט:

— אידייען און מיסטעריעס ווערן געבוירן, לעבן זיך אויס און וועבן זיך אויס ווי מענטשן, וואָס ווערן געבוירן אַף צו לעבן און צו שטאַרבן. און אַזוי אויך מיט אַ פאָלק. אַ פאָלק ווערט דאָך אויך גע־בוירן פון פאַרשיידענע רעאַלע דערשיינונגען, און איינעם מיט אים

ווערן געבאָרן זיינע מיסטעריעס. עס פאַלט דער רעגן. פאַלט ער דען כדי צו באַפרוכפּערן די ערד? אָבער אַז דער רעגן פאַלט, באַפרוכפּערט ער די ערד. ווען עס וואָלט קיין ערד־קוגל ניט געווען, וואוהין וואָלט דעמאָלט דער רעגן געפאַלן? עס וואָלט דאָך גאָר קיין רעגן ניט געווען אַף צו פאַלן. און אַז עס איז שוין יאָ דאָ אַן ערד און עס פאַלט אַף איר דער רעגן, ווערט שוין די ערד באַפרוכפּערט און עס הויבט זיך אָן די מיסטעריע פון וואַקסן. גאַנץ רעאַלע סיבות שאַפן מיסטעריעס. און אַזוי זוכן אויך די מיסטעריעס פון זאַכן אויף די פּאַסנדיקע מענטשן, די פּאַסנדיקע פעלקער, און די מענטשן און די פעלקער ווערן באַפרוכפּערט. מיר זיינען סוף־כל־סוף אַלע בלויז מעדיומס פאַר געוויסע אידייען און מיסטעריעס. — און ווי בערמאַן וואָלט זיך ווען מודה זיין דאָ פאַר אַלעמען האָט ער צוגעגעבן:

— מיר קאָנען אַמאָל טראַכטן גאַנץ אַנדערש, פון דעם, וואָס מיר טוען. אָפט טוען מיר גאַנץ אַנדערש פון אונזער טראַכטן. מיר קאָנען זיך דערביי אַפילו וואונדערן אַף זיך. מיר קאָנען אפילו ליידן פון דעם און דאָך זיך ניט קאָנען העלפן, ווייל מיר זיינען מעדיומס פון געוויסע אידייען. די אידייען רייסן זיך אָפט דורך דורך אונז איבערגעוואָלט, ווען זיי דאַרפן דאָס. אפשר דאַרף זיך דערביי אַרויסרייסן אַ זיפץ פון מויל, נאָר ער רייסט זיך ניט. אפשר דאַרף זיך אַזאַ זיפץ אַרויסרייסן פון אונזער אַלעמענס מיילער.

בערמאַן האָט דערביי אַלץ געליטן פון אַ געדאַנק, אַז ער רעדט עפּעס אַלץ, ווי פון אַ בוך אַרויס. און „בוך" איז ביי בערמאַנען שוין לאַנג געוואָרן אַ יענע־וועלטיקער ענין — „טויט".

איינמאָל האָט בערמאַן אַזוי צוגעקוקט און געזען ווי אַ מענטש נעמט אַ שוועבעלע און צינדט דאָס אָן מיט אַ רייב אָן דעם זויל פון זיין אייגענעם שוך, איז אים דערביי איינגעפאַלן, אַז אַ מענטש טראָגט זיך אַליין, אָדער ווערט געטראָגן, כדי אָנרייבן זיך אָן אַ נויטיקן קעגנשטאַנד, און אַז אָפט טראָגט אַ מענטש אונטער כמעט זיין אייגענעם קאָפּ צו דעם אייגענעם שוך, כדי אויפצובּרענען, כדי אויפצולייכטן. אָט, כמעט פונקט אַזוי ווי דער מענטש טראָגט אַ שוועבעלע און רייבט דאָס אָן אָן דעם זויל פון זיין שוך פאַר דעם צוועק. און ער האָט דערביי אויך אַ טראַכט געטאָן: „וואָס איז געווען מיין אָפּרייסן זיך פון

כיין פאַטערס וועגן, מיין ארבעטן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, מיין אנטלויפן קיין אַמעריקע, מיין בויען, מיין איבערלאָזן די יוניאָנס, מיין באַגעגעניש מיט גערטרודן, מיין שרעקלאַכע נאַכט אין דער פּרערי? איז דאָס דען ניט אַלץ געווען אַ מין טראָגן דעם אייגענעם קאָפּ, ווי עס טראָגט אַ מענטש אַ שוועבעלע צו דעם זויל פון דעם אייגענעם שוך? און צי האָב איך דערביי באמת געהאַט מיין אייגענע ברירה? און צי האָב איך דען איצט מיין ברירה?"

אַט־דער לעצטער געדאַנק פּלעגט פונדעסטוועגן בערמאַנען קיינמאָל ניט אָפּשוואַכן. ער פלעגט אים נאָך אפשר מיטהעלפן אין זיינע רעגונגען. דער געדאַנק אָבער, אַז אפשר איז אַט־דאָס, וואָס ער רעדט, אָדער דאָס, וואָס ער טוט, אפשר איז דאָס בלויז „בוך", פלעגט אַ פּאָל טאָן ווי אַ שרעק אַף אים, אַ שרעק, וואָס פלעגט אים אַזוי ווי פרעסן צו דער וואַנט, און פלעגט אים אויפשרעקן די אויגן:

— בוך...

— אוי, ווי עס ווילט זיך ניט זיין בוך!

בעסער ערגעץ אויסטראַכטן אַזאַ באַרבאַרישן אופן, ווי אַזוי אַ רייב צו טאָן דעם אייגענעם קאָפּ אין דער אייגענער זייט.

עס זיינען דאָך געווען צייטן, ווען מענטשן האָבן פון קיין דרוס, פון קיין בוך ניט געוואוסט, און מענטשן האָבן פונדעסטוועגן געטראָגן דאָס לעבעדיקע וואָרט, און מענטשן האָבן גערעדט, און מענטשן האָבן געווירקט.

קאַפּיטל ניינצן

פרענקלען האָט זיך די גאַנצע צייט פון זיין קריגן זיך מיט בערמאַנען פונדעסטוועגן אַלץ געוואָלט פרעגן ביי בערמאַנען, פאַרוואָס ער זעט אוים אַזוי אויסגעמוטשעט, אַזוי אויסגעדאַרט... געוואָלט אים אַלץ פרעגן, צי קומט ער ניט פון די דאַקאַטעס און צי ער האָט זיך דאָרט ניט אָנגעשלאָגן אַף האַרטע פּאַרקאַנעס, אַף האַרטע פּויסטן, אַף זאַכן, וואָס קאָנען צעברעכן אַ מענטשן אַף צווייען און נאָך און נאָך אַזוינע פראַגן. ער האָט אים, דאַכט זיך, אינמיטן פון אַלץ געוואָלט דערציילן, ווי אַזוי, ער, פרענקל אַליין, איז שיר ניט צעבראָכן געוואָרן אַף צווייען. נאָר אפשר איז ער, פרענקל, יאָ צעבראָכן געוואָרן אַף צוויי האַלבע, און ער, דער פאַרפייניקטער בערמאַן, איז דאָס ערשט פרענקלס צווייטע העלפט, די העלפט, וואָס לויפט אים נאָך נאָך פון יענער צייט, ווען ער איז געקומען פון דאָרט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן און מיט אַ ליגן אַפן שטערן. שליאָפּניקאָוו איז אפשר גערעכט, טראַכט פרענקל, אפשר איז אָט־דער בערמאַן מיין ליכטיקערע העלפט. איך זיץ און קריג זיך מיט מיין איינענער צווייטער העלפט, וואָס האָט זיך פון מיר אָפּגעשפּאָלטן נאָך אין יענע יאָרן. און פרענקל דערשרעקט זיך, גיט אַן אינעווייניקסטן ביטערן שמייכל: איך מאַך שוין אויך מיסטעריעס! אָט־דער דאַרער, פאַרמוטשעטער בערמאַן איז שוין אפשר באַלד גערעכט. אידייען זיינען ווי אַן עפּידעמיע, זיינען אָנשטעקנדיק, ווי אַ קרענק.

— אָבער, בערמאַן, פאַרוואָס עסט איר גאָרניט, פאַרוואָס נעמט איר גאָרניט אין מויל אַריין די גאַנצע צייט? — האָט פרענקל זיך אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין אָנגערופן מיט אַ געטרייען פאָטערלאַכן קלאַנג אין זיין קול.

די פאָטערלאַכע געטריישאַפט פון אַן אָפּגייענדיקן דור שמייכלט שטענדיק און רעגט שטענדיק אויף דעם קומענדיקן דור — האָט בערמאַן אַ ניט באַקוועמען שמייכל געטאָן, אָנגענומען די גלאָז טיי אין זיין

דאַרער, גרויסער, לאַנג־פינגערדיקער האַנט און דערביי אַף אַ מאָדנעם גוטן אופן דערפילט דעם גוטן הונגער אין זיינע פינגער, אַף די נעגל פון די פינגער, אַף זיין גומען און אַף די ליפּן אפילו, און לאַנגזאַם גענומען טראָגן דאָס גלאָז צום מויל.

הונגער איז אויך אַ זאַך, וואָס איז גוט, און מען דערפילט דידאָזיקע גוטסקייט גראָד ערשט אין די פּאָר רגעס, ווען מען נעמט מיט דער נוי־טיקער רואיקייט און מיט דעם נויטיקן באַוואוסטזיין טראָגן דעם ביסן צום הונגעריקן מויל.

קאַפּיטל צוואַנציק

אומדערוואַרט האָט זיך די טיר געעפנט און עס זיינען אריינגעקומען גערטרוד און גאַבריעל.

נאָך אומדערוואַרט האָט זיך גערטרוד געטראָפן מיט גאַבריעלן דעם אָוונט. אָט ווי זי האָט זיך אין איילעניש גענומען אָנטאָן אַף צו פאָרן צו די שליאַפּניקאָווס, נאָכדעם ווי זי איז דורך זינאַן געוואויר געוואָרן, אַז בערמאַן איז דאָרט, האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון דעם טיר־גלעקל.

אַ צעשטרייטע, מיט איין האַנט אין דעם אַרבל פון דעם אויבערראָק, האָט זי אַן עפן געטאָן די טיר און פאַר זיך דערזען גאַבריעלן.

זינט דער פאָטער האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ איז ער ביי זיי אין הויז ניט געווען, און דאָ... ער איז קלענער ווי פריער, דאָס פּנים — ווי ס׳וואָלט ערגעץ פאַר אַ לאַנגער צייט געלעגן אַף אַן אויוון און זיך געטריקנט. די קליידער זיינען אַף אים אַזוי ווי גרויס געוואָרן. די גרויע אויגן — וואַסערדיקער, מיט נאָכגעלאָזטע קישעלאַך אונטער זיי.

ער איז דאָס נאָר־וואָס אַרויס פון האָספּיטאַל. קיין געלט האָט ער ביי זיך ניט געהאַט, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט צוצוגיין צו די פיינמאַנס, טראַכטנדיק וועגן פיינמאַנען:

— אָט־דער אייזל האָט דאָך שוין געוויס פאַרגעסן וועגן זיין כעס און אפשר איז ער גאָר אינגאַנצן אין הויז ניטאָ.

דערזעענדיק גערטרודן אין טיר מיט איין אַרבל אין דעם אויבערראָק האָט ער געפרעגט:

— וואוהין דען, גרעטכען, אין אַזאַ איילעניש?

גערטרוד האָט גלייך באַשלאָסן: יאָ. זי וועט אים נעמען מיט זיך צו זינאַן, און אים געענטפערט:

— איך מוז כאַפּן די באַן צו די שליאַפּניקאָווס. איר קאָנט מיט מיר מיטפאָרן. זינאַ איז אויך דאָרט.

גאַבריעל האָט זי אָפּגעמאָסטן און געענטפערט:

— נו, גרעטכען, אַז דו פאָרסט וועל איך טאַקע אויך מיטפאָרן. און באַן־געלט האָסטו פאַר ביידן?

אַף דער באַן־סטאַנציע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז שוין צו־שפּעט און אַז אַ באַן, וואָס זאָל זיך אָפּשטעלן אין יענעם דאָרף, וועט ערשט זיין מאָרגן אינדערפרי. גערטרודס גרויסע אויגן האָבן מיט זייער שרעק פאַרשיינט דאָס גאַנצע פּנים. זי האָט געגומען אויסזען בלויז אויגן. איר גאַנצע שלאַנקע פיגור אַף די הויכע פּיס, דאָס בלאַסע פּנים — דאָס איז אַלץ בלויז צוליב די אויגן. איילנדיקע פאַרביילויפער אַף דער סטאַנציע האָבן מיט שטוינען זיך אומגעקוקט אַף איר.

— זי מוז דאָרט זיין. זי מוז דאָרט ג ל יי ך זיין!

אָט, דאַכט זיך, וואַקסן איר אויס פליגלען, ערגעץ פון אונטער די פּאַכוועס אַרויס, פליגלען. זי מוז דאָרט זיין. זי מוז.

— נו, יאָ, דו קליינער דומקאָפּ — האָט זיך גאַבריעל מיט זיין אייגנאַרטיקער צערטלאַכקייט אָנגערופן, זי אָנקוקנדיק אַ ווייל — איך ווייס שוין יאָ, אַז דו מוזט דאָרט געווען, ווירקלאַך באַלד זיין. נו, יאָ־יאָ. און מען מוז דאָך דיר אויך העלפן אין דעם. טאָ הער דאָך מיך צו. אָט־וואָס: דו רוף־אָפּ דעם קאַלמאַנאָוויטש, און דער אייזל דאַרף דאָך מער ניט, ווי הערן דעם נאָמען „אַניוטקאַ". דער פירט דיך דאָך גלייך אַהין אין זיין נייעם אָטאָ, און טאָמער איז ער ניטאָ צו הויזע, איז אפשר דאָרט דאָ דער געשייטער זון זיינער. דער איז דאָך נאָך ביז איצט געווים פאַרליבט אין דיר ביז אַריבער זיינע אייזל־אויערן, ניט וואָר?

גערטרוד האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אַף גאַבריעלן און געבליבן שטיין.

— נו, וואָרום דען זאָלסטו ניט רופן?

גערטרוד קוקט אַלץ און ענטפערט ניט.

— נו, ווילסט איך זאָל אָפּרופן? נו, גוט, נו, גוט.

גאַבריעל האָט אָפּגערופן. קאַלמאַנאָוויטש איז געווען אינדערהיים. נאָך אַ פּאָר קורצע, איבעררא־שטע פראַגן וועגן דעם, ווען ער איז אַרויס פון האָספּיטאַל, האָט אים גאַבריעל געזאָגט:

— אַך, דו אַרימזעליקער קערל, איך ווייס דאָך, אַז דו האָסט אַ

שיינע מאשין און אַז דו ווילסט מיך איצט געוויס גלייך ברייגנען צו זינאַן. זי איז איצט ביי אַניוטקאַן אַפן דאָרף.

— אוודאי, געוויס, געוויס. זיכער. איך פאָר גלייך צו. וואו געפינסטו זיך איצט?

ווען קאַלמאַנאָוויטש איז געקומען אַף דער באַן־סטאַנציע און דאָרט אויך געטראָפן גערטרודן האָט ער זיך פאַרוואונדערט:

— וואָס, גערטרוד אויך? ווי קומט דאָס?

גערטרוד האָט ניט געענטפערט. זי האָט טאַקע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט גאַבריעל פאַר איר געענטפערט קאַלמאַנאָוויטשן:

— וואָס, דו מיינסט, אַז דו ביסט דער איינציקער דומקאָפּ אַף דער וועלט. אַז די קליינע גערטרוד טראָגט זיך ערגעץ — ווייסט זי געוויס פאַרוואָס.

ווען מען האָט זיך געדאַרפט אַריינזעצן אין מאַשין איז גערטרוד געבליבן שטיין: זי וויל זען, וואו גאַבריעל וועט זיך זעצן. גאַבריעל האָט זי אָנגעקוקט, האָט זי פאַרשטאַנען און געזאָגט:

— נו, נו, גרעטכען, איך פאַרשטיי שוין. דו זעץ זיך דאָ הינטן. אין דער טיף פון דער מאַשין. איך מיט קאַלמאַנאָוויטשן וועלן ביידע זיצן פאָרנט. ער וועט זיין דער שאָפער — איך דיין לאַקיי, און דו אונזער פרינצעסן, און דורך דער נאַכט וועלן מיר דיך אַזוי פירן, צו וועמען דו וועסט הייסן. גוט?

אָטאָמאָבילן זיינען נאָך דעמאָלט געווען אַ נייע און זעלטענע דערשיינונג און אין שטאָט פלעגן זיך מענטשן אָפּשטעלן קוקן און נאָכקוקן אָט־דעם מאָדנעם לויפנדיקן וואָגן אָן פערד. דער אָטאָמאָביל פלעגט די דעמאָלדיקע מענטשן אויסקוקן ווי בלויז אַ האַלבער וואָגן, אַ וואָגן, פון וועלכן עס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן די פאָדערשטע, די סאַמע לעבעדיקסטע העלפט. און דאָך פאָרט עס. און די פאָרער פלעגן זיך פון דעם אויך פילן אַביסל מאָדנע. רואיקער און פרייער פלעגן זיך די אָטאָמאָביל־פאָרער דערפילן אויסערן שטאָט, ווייט פון מענטשלאַכע אויגן.

ווען מען איז אַזוי אינדרייען אַרויסגעפאָרן אונטערן שטאָט און מען האָט דערזען, ווי די פולע לבנה האָט זיך צעקאַטשעט, לויפנדיק איבער די פעלדער, האָט זיך קאַלמאַנאָוויטש אַ באַרעדעוודיקער אָנגערופן:

— זעסט אַט־די לבנה? ווען איך דערזע זי אַזאַ, דערמאָן איך זיך אין מיינער אַ מומע. זי האָט געוואוינט הינטערן שטאָט און זי פלעגט אונז לאָזן אַפּהאַלטן אונזערע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען ביי זיך אין הויז. האָב איך געמיינט, אַז זי איז אַ גאַנצע ניהיליסטקע — צעלאַכט זיך קאָל־מאַנאָוויטש. איינמאָל אָבער אין אַן אָוונט רופט זי מיך פלוצלונג אַרויס אינמיטן פון דער קאָנספּיראַטיווער פאַרזאַמלונג פון אונזער ברודערשאַפט.

— איך דערשרעק זיך און מיין אוודאי, פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז. ערשט זי פירט מיך מיט אַ פאַרדעכטיק געלעכטערל אַרויס פון הויז דורך דער הינטערטער טיר אין דער צוגעבויטער, פינצטערער קאַמער, וואָס איז אויך געווען אַ שטאָל פאַר איר בהמה. דאָרט ערשט צעעפנט זי די טיר צום טונקעלן דרויסן אַרויס און זאָגט צו מיר:

— זעסט?

— וואָס? — פרעג איך מיט שרעק.

— אַט־די לבנה — זאָגט זי צו מיר. ערשט איך קוק זיך אום דאָרט אַרויף, איבער די גלייכע פעלדער, איז גלייך אַנטקעגן אונז געלעגן אַף דער סאַמע ערד אַ שטילע, רויטע לבנה. אַט ממש ווי אַ גרויסער, רויטער עפּל אָדער עפּעס אַנאַנדער רונדע זאַך אַזאַ, און מיט דעם אייגענעם געלעכ־טערל אַף אירע ליפּן זאָגט צו מיר די מומע:

—זעסט. אַ יאָ, זי איז אַצינד ממש מיט די הענט צו דערלאַנגען. אַט כאַטש נעם און לייג זי אַרויף אַף אַ טעלער און ברייננג זי אַהער.

באַפריי איך זיך אַביסל פון מיין שרעק, קוק צו דער לבנה אַף דער ערד דאָרט און זאָג צו איר:

— אמת, מומע, אמת.

— נו, און דו בערעלע, לייקנסט דאָך אָפּ אַלץ אין דער וועלט. נו, און אַז דו ביזט יאָ אַזאַ בעריע — זאָגט זי צו מיר — און ווייסט, אַז קיין גאָט איז ניטאָ, נאַ, נעם מיין גרויסן טעלער, כאַפּ זיך אַריבער אַהין און ברייננג מיר פון דאָרט די לבנה אַפן טעלער.

נו, נו האָבן מיר עס נאָכדעם געלאַכט, ווען איך האָב דאָס דערציילט די חברים אין הויז. און ווען מיר זיינען נאָכדעם געגאַנגען אַהיים פון דער פאַרזאַמלונג איז שוין די לבנה געשטאַנען אַ ווייטע, אַט ווי די איצטיקע איבערן הימל, און מיר, חברה, האָבן דאָס נעהאַלטן אין איין

איבערקרימען: „אַנו, נאַ דיר דעם טעלער און ברייננ אַף אים אַהער די לבנה, אַז דו ביסט אַזאַ בעריע"...

— אַך, זיינען דאָס דעמאָלט געווען יאָרן, ברודער גאַבריעל! מיטינגען אין פינצטערע צימערן, אין קעלערס, אונטערן שטאָט, אין וועלדער און אַסאַך מאָל אינמיטן דערנאַכט אַף פעלדער, אַרום אַ וואַלד, אונטער דעם אָפענעם ליכט פון דער פולער לבנה. ווייסט, עס וואָלט זיך פאַרט וועלן אַ כאַפּ טאָן יענע יאָרן. נאָר גיי כאַפּ־אָן אַ לויפנדיק פערד ביים עק. און ניט נאָר אַ פערד — איך האָב דאָ אַנומלט אין הויז ביי מיר אַ כאַפּ געטאָן די קאַץ ביים עק, האָט זי אַף מיר אויסגעשטשירעט די ציין און מיר שיר ניט אויסגעקראַצט דאָס פנים. בערנשטיין איז אפשר טאַקע קליגער פון מיר. אַט איז ער איצט געוואָרן פרעזידענט פון דעם נייעם האָספּיטאַל אין בראָנזוויל און ער טוט טאַקע דאָרט גוטע אַרבעט. דער גאַנצער באַלעבאָס — זיין האָספּיטאַל. ער וועט נאָך אפשר באַלד ווערן פרעזידענט פון אַ שול. און מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אימיצער זאָגט מיר: „נאַ דיר דעם טעלער און ברייננ מיר אַף אים די לבנה". און דער, וואָס זאָגט דאָס מיר, לאַכט פון מיר דערביי און איך לאַך פון דעם, וואָס זאָגט דאָס מיר. איז דאָס ניט אַ מאָדנע זאַך, אַ?

גאַבריעל האָט געהערט און ניט געהערט קאַלמאַנאָוויטשעס רייד, וואָס זיינען פון אים אַזוי געשאָטן געוואָרן אין דער לבנהדיקער לופט אַריין און צום סוף זיך מיט אַ שמייכל אָנגערופן:

— דאָס איז זייער טרויעריק, אַך ווי טרויעריק! אָבער צוליב וואָס, דו אָרימער קערל, אָט־די ווייטע, קאַלטע לבנה? אָט נאַ דיר אַ טעלער און דערלאַנג מיר אָט־די לבנה, וואָס זיצט דאָ הינטער אונז אין מאַשין. מיר זיצן דאָך מיט איר פּאַקטיש איצט אין איין טעלער און דו קאָנסט זיך בלויז דערלאַנגען אַ פיינ אויטערן נאָז. יאַ,יאַ, איך גיב דיר פאַר איר אַוועק אַ טויזנט לבנות, אויב דו דערלאַנגסט. — און גאַבריעל דרייט זיך אוים צו גערטרודן:

— אַך, גרעטכען, גרעטכען! מיט וויפיל דו ביסט נאָך שענער פון קאַלמאַנאָוויטשעס לבנה! נו, וואוהין, זאָג פאַרסטו דאָך איצט?

גאַבריעל האָט ניט דערוואַרט קיין ענטפער און זי האָט ניט גע־ענטפערט.

קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך דערמאָנט און זיך גענומען פּאַנאַנדער־זינגען זיינע גוטע, אַלטע רעוואָלוציאָנערע לידער. אין צווישן האָט ער געזאָגט:

— אינדערהיים האָט מען אינדערהויך אַזוינע לידער ניט געטאָרט זינגען. דאָ אָבער, ברודערל, זינג וויפיל דאָס הארץ געלוסט. איי, סאַ לאַנד — אַ לאַנד... — און צוגעגעבן:

— ווי מיינסטו, וועט מען נאָך פּאַר אונזער לעבן מעגן אָפן זינגען אַזוינע לידער אין רוסלאַנד?

— אַך, יאָ, געוויס, געוויס, עס גייט דאָך דיר אין לעבן אריין, וואָס? — האָט גאַבריעל אָפּלאַכנדיק געזאָגט.

— פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, הערסט — האָט זיך קאַלמאַ־נאָוויטש אָנגערופן — הערסט, אַט זאָג, און איך גיב דיר גלייך אוועק די מאַשין און אַלץ.

— אַך, אַזוי, דאַן ביסטו דאָך גאָר אַ וואוילער יונג. יאָ, יאָ. די מאַשין, די גאַנצע מאַשין. יאָ, יאָ. ביסט אַ וואוילער יונג, יאָ. דאָס האָט דאָך געוויס ביי דיר אַלץ אַ פאַרבינדונג מיט דיין פערדן־און־קאַצן־פילאָ־זאָפיע — ניט וואָר?

קאַלמאַנאָוויטש הערט זיך ניט צו צו גאַבריעלס אָפּלאַכנדיקן טאָן און זאָגט:

— האָסט געזען, עפּעס איז היינט געווען אין די צייטונגען: רעוואָ־לוציע, כּלומרשט, האַ? ווייזט אויס, אַז דאָס מיינט גאָרנישט. אָבער עפּעס רודערט זיך מן־הסתם דאָרט, אַ?

גאַבריעל ענטפערט ניט און קאַלמאַנאָוויטש רעדט ווייטער:

— הערסט, ווען איך דערמאָן זיך אין די אַמאָליקע אידעאַלן, ווייס איך דאָך, אַז דאָס זיינען אַלץ געווען אינגלשע מעשות, אַז פאַר יונגוואַרג איז דאָס גוט, אָבער אַז ווי נאָר אַ דערוואַקסענער מענטש גייט אריין אין לעבן, געפינט ער אויס, אַז דאָס לעבן האָט גאַנץ אַנדערע וועגן. אַט נאָך אַמאָל, אין דער ביבלישער ברודערשאַפט — פאַרוואָס, מיינסטו, איז זיך די ברודערשאַפט צעפאַלן? פּשוט דערפאַר, וואָס מיר האָבן אַלע געהאַט אינגלשע געדאַנקען, און אַזוי לאַנג, ווי מיר זיינען געווען אינגלאַך איז דאָס אַלץ געווען קלאָר און גוט. נאָר אָט, למשל, האָב איך און נאָך איינער אַ גוטער יונג מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער זיך אויסגעלערנט

מאכן רעדער פאַר פויערשע וועגענער. איך האָב מיר מיין ווארשטאַט געעפנט פריער און אַף אַ גוטער דורכפאָר־גאַס. איך האָב פאַר אַ ראָד גענומען אַ רובל מיט פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס. אַז אַלעקסאַנדער האָט דערנאָך געעפנט זיין ווארשטאַט און ניט אַף אַזאַ גוטער גאַס, האָט ער, כדי צוצוציען די פויערים צו זיך, אַרונטערגעלאָזט פון דעם פּרייז גאַנצע פופצן קאָפּיקעס.

„סטייטש, אַלעקסאַנדער, ווי אַזוי קאָנסטו דאָס מאַכן פאַר אַזאַ ביליקן פּרייז, וואָס וועט שוין דיר פון דעם בלייבן?" זאָגט ער אָבער, אַז ער קאָן זיך ניט העלפן, ווייל אויב ניט, שטייט ער אינגאַנצן אָן אַרבעט. און די ביבלישע ברודערשאַפט הערט־אויס אונזערע טענות און זאָגט, אַז זי קאָן צו דעם גאָרניט טאָן. ערשטנס האָט אַלעקסאַנדער ניט קיין מעגלאַכקייט זיך אוועקצושטעלן אין אַ הויפּט־גאַס, ווייל אים פעלט דאָס נויטיקע דירה־געלט פאַר דעם, און צווייטנס, אויב אַלעקסאַנדער קאָן אויסקומען מיט ווייניקער און פאַרשפּאָרט מיט דעם דעם אָרימען פויער גאַנצע פופצן קאָפּיקעס אַף אַ ראָד, טוט ער דאָך מיט דעם גראָד אַ גוטע זאַך. האָבן בישלאַכוויז אַלע פויערים גענומען פאָרן צו אַלעקסאַנדערן. בין איך געגאַנגען און האָב אויך אַראָפּגעלאָזט די עטלאַכע קאָפּיקעס, ווארים אויב ניט, בלייב איך דאָך אָן אַרבעט. נו, האָט ער ווידער אַראָפּגעלאָזט. נו, איז דאָך געוואָרן קלאָר, וואָס און ווי ווייט די ברודערשאַפט קאָן האַלטן. דאָס הייסט, אַז די אַלע גוטע געדאַנקען וועגן ברודערשאַפט זיינען געווען נאָר גוט, ביז מיר זיינען געווען אינגלאַך, ווי נאָר אָבער מיר זיינען אַריין אין לעבן — טע, טע!... און וואָס דאַרפסטו מער, אָט נאַ דיר ווידער אַ מעשה מיט מיין קאַץ. עס האָט זיך ביי מיר אַנומלט געקעצלט די קאַץ. קוק איך אַזוי אַף די ניי־געבוירענע קעצעלאַך, וואָס זיינען נאָך בלינד: די אייגעלאַך זיינען נאָך ביי זיי צוגעוואַקסן און דאָך ווייסן זיי ווי אויפצוזוכן די בריסט פון דער מוטער און ווייסן ווי אַזוי אַוועקצושטויסן און אַרויסצורייסן די ברוסט פון דעם מויל פון אַ צווייטן ברודערל אָדער שוועסטערל. דאָס שטאַרקערע זוינגט פאַר זיך אויס איין ברוסט און נעמט בלינדערהייט גלייך מיט אַ גוואַלד אָפּשטופּן דאָס צווייטע פון דער מוטערס ברוסט. אויב נויטיק קריכט עס מיטן גאַנצן קערפּערל אַרויף אַפן צווייטן און רייסט ביי דעם אַזוי בלינדערהייט אַרויס די ברוסט און נעמט זויגן פונדאַסניי... און

אַמאָל ווערט אַ שטופּעניש פון צוויי־דריי. איינס יריכט אַרויס פון אונטער דעם צווייטן, איינס אַף דעם צווייטן. דו זעסט, אַז עס איז אַזוי אַפילו ביי בלינדע חיהלאַך, אַט אַזוי ווי אין לעבן. עס איז אַזוי, ווי איך אַמאָל מיט אַלעקסאַנדערן; אַזוי, ווי איך היינט מיט אַנדערע געשעפטס־לייט. אָבער ווען מען איז יונג, ווען מען איז נאָך אין די אינגלשע יאָרן, מיינט מען, אַז מענטשן זיינען ניט קיין קעץ. פונדעסטוועגן, הערסט, איך ווייס דאָך דאָס אַלץ זייער גוט, ווי נאָר אָבער עס גיט זיך אַ רעד רע־וואָלוציע, אַזוי גיבן זיך אין מיר מיטאַמאָל אַ וויג פונדאַסניי אַט־די אַלע אינגלשע געפילן. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָרעם מענטשן זיינען טאַקע ניט קיין קעץ, צי דער גוטער יאָר ווייסט וואָס.

גאַבריעל האָט אים גאָרניט געענטפערט אַף דעם. קאַלמאַנאָוויטש האָט געשוויגן אַ ווײַלע. דאָס צערודערטע געפיל פון רעוואָלוציע און פון די יונגע יאָרן האָט אין אים געזומען שפּילן, האָט אים געעפנט דאָס מויל און ער האָט זיך גאַנץ האַרציק פאַנאַנדערגעזונגען:

שטייט־אויף, הויבט זיך אויף,
איר אַרבעטער־מאַסן,
שטיי־אויף, הויב זיך אויף,
דו אַרבעטער־פאָלק!

ער האָט אוודאי ניט געמיינט, חלילה, אַט־די אַרבעטער פון די פאַר פאַבריקן, אין וועלכער ער איז איצט אַליין פאַרינטערעסירט, ער האָט געמיינט אַט־יענע אַרבעטער־מאַסן פון אַמאָל, פון די יונגע בחורשע יאָרן. און דעמאָלט האָט דאָס געמיינט די גאַנצע וועלט, און דערנסטמאָל האָט דאָס געמיינט אויך דעם היינט און האָט שוין אפשר אויך געמיינט זיינע היינטיקע אַרבעטער. — — און אַזוי האָט שוין נאָכדעם פון קאַל־מאַנאָוויטשן געזומען זינגען איין רעוואָלוציאָנער ליד נאָכן צווייטן, אַלץ וואַרימער און האַרציקער, און דערביי, פונדעסטוועגן, האָט ער גע־טראַכט פון געשעפטן און געשעפטן, פון אַניוטקאַן, צו וועלכער ער יאָגט זיך איצט אַזוי, פון זיין זון הוגאָ, וואָס קלייבט זיך, ווייזט אויס, חתונה צו האָבן פאַר גערטרודס אינגערער שוועסטער און האָט נאָך אַלץ, ווייזט אויס, ליב גערטרודן, כמעט אַף דעם אייגענעם אופן, ווי ער אַליין האָט ליב אַניוטקאַן. און קאַלמאַנאָוויטש האָט דערביי געלאָזט לויפן די מאַשין

מיט פולער קראַפט, ווי ער וואָלט זיך מיט איר כאָטש געקליבן אריבער־יאָגן די לבנה, וואָס האָט אים אַזוי ווי איבערגעשניטן דעם וועג און ניט אויפגעהערט צו שיינען פון איין זייטיקן אָרט ארוים, אביסל העכער פון די פעלדער, פון די בערג און פון די וועלדלאַך, וואָס זיינען, ווי אוים־געשאָטענע צעוואָרפן געלעגן און האָבן דאָ פאַרשטעלט און דאָ אויפגע־עפנט דעם וועג פאַר די אויגן. קאַלט און שטיל איז געווען די לבנה, ווי אניוטקאַ, און פאַרטרויט און גוט, דאַכט זיך, אויך ווי אניוטקאַ. נאָר די לבנה האָט אָבער אויך געהאַט אַזאַ מאָדנע פאַרשמייכלטקייט, אַט ווי גאַב־ריעלס שמייכל, זי האָט זיך, דאַכט זיך, אַזוי ווי שמייכלענדיק געווייצט מיט קאַלמאַנאָוויטשן:

— אנו, נעם דערלאַנג מיך אַף אַ טעלער, אויב דו קאָנסט. נעם, יאָג מיך אריבער, אָדער פלי גאָר איינגאַנצן אריין אין מיר, אויב דו קאָנסט...

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

גאַבריעל איז שוין פּאַקטיש געווען אַן אויסגעשפּילטער מענטש. די לעצטע פּאָר קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגן, האָבן אַזוי ווי צוגעלייגט די לעצטע שטריכן צו זיין אונטערגאַנג.

דער ערשטער אומדערוואַרטער קלאַפּ איז געווען די באַגעגעניש מיטן זון זיינעם, וועמען ער האָט ניט געוואָלט דערקענען. עפּעס אַ מאָדנע שרעק, אַ מאָדנע פּייגהייט איז איבער אים געקומען נאָך אָט־דער באַגעגעניש.

„דאָנער וועטער און דאָנער וועטער נאָכאיינמאָל" — פּלעגט ער אַליין אויסשרייען צו זיך פון־מאָל־צו־מאָל, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אָפּטרייבן פון זיך.

מיט וואָסער אַ ווילדקייט אין קול עס קאָן דיר אַזוינער אָפּזאָגן:

— „קיינער קאָן ניט באַליידיקן מיין מאַמע. אפילו, ווען דאָס איז אַן אָפּערע־זינגער, אפילו ווען איך דאַרף אים אַראָפּשלעפּן פון אָפּערע־סטיידזש".

דער צווייטער פאַל איז געווען פיינמאַנס אַראָפּוואַרפן אים פון אַלע טרעפּ, וואו ער איז באמת שיר ניט דערהרגעט געוואָרן. עפּעס איז באַראָן אַזאַ מאָדנער, שרעקלאַכער און שרעקנדיקער אָטעם אין אָט־די מענטשן, וואָס קאָנען דיך אַזוי אָננעמען און אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ, ווייל דו האָסט אָנגערירט זייערס אַ קינד, און אין אָט־די בחורים, וואָס קאָנען קומען און דיר זאָגן, אַז דו ביסט זייער טאַטע, דאָנער וועטער ?! זיי זיינען... נו, אייזלען אוודאי, אָבער דאָנער וועטער !

דער דריטער און ערגסטער קלאַפּ איז געווען, ווען מען האָט אים פּלוצלונג גערופן צו אַ גענעראַל־פּראָבע פאַר זיין ראָל פון מימע אין „זיג־פריד", די איינציקע ראָל, פאַר וועלכער מען האָט אים, אייגנטלאך, אנגאַ־זשירט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז ער קאָן פון שרעק כמעט דאָס מויל ניט עפענען. דער שרעק פּאַראַליזירט אים כמעט. ער פּלעגט אַלעמאָל ליידן פון בינע־פיבער, ער פּלעגט דעם בינע־פיבער פונדעסט־

וועגן, ווי־עס־איז איבּערקומען. איצט אָבּער איז פון דעם אַ מין פאַטאַלער אומגליק געוואָרן. דער אימפּרעסאַריאָ האָט זיך לכתחילה געפּרוּאווט אים העלפן אַף פאַרשיידענע אופנים, אים שוין אַ פּאָר מאָל געפּרוּאווט אָנשיכורן, גלויבּנדיק, אַז אפשר וועט דאָס אים צוגעבּן קוראַזש. אָבּער ערגעץ איז געלעגן אָט־דער שטיין, וואָס איז געפאַלן אַף אים בּיי דער בּאַגעגעניש מיט זיין זון און זיך ניט געלאָזט פאַרשיכורן. נאָכדעם איז דער אימפּרעסאַריאָ אַף אים אין כעס געוואָרן און אים אינגאַנצן דער־ווייטערט פון דער טרופּע.

נאָך אָט־דעם לעצטן פאַל האָט גאַבּריעל גענומען אויך פיזיש צוזאַ־מענבּרעכן. דער האַלדז פלעגט אים געשוואָלן ווערן פון־צייט־צו־צייט. ער פלעגט אַרוים און אַריין אין האָספּיטאַל. ער האָט גענומען גאָר פּשוט שיכורן, בּאָרגן, לייען און שיכורן. זיין ווירקונג אַף פרויען איז געפאַלן. און אפילו זיין ווירקונג אַף מענער, זיין ווירקונג אַלס אָריגינעלער מענטש, אַלס שטענדיקער בּונטאַר, איז געפאַלן.

פרענקל און אויך ליזאַ האָבּן אים צווישן זיך אָפּט דערמאָנט אַלס אַ פּוסטן פראַזיאָר. עס איז אי פרענקלען, אי ליזאַן אָנגעקומען זייער שווער צו טראַכטן אַזוי וועגן אים, אי דערפאַר, וואָס זיי האָבּן דאָך ערשט ניט לאַנג אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון אים, אי דערפאַר, וואָס עס איז געווען זייער אייגענער אומגליק. זייער טאַכטער זינאַ האָט אָבּער יאָ שטאַרק געהאַלטן פון אים, און פלעגט בּיי דער קלענסטער אָנדייטונג קעגן אים גלייך אַ טראַכט טאָן און אַמאָל אויך זאָגן:

— אָט־דאָס זיינען מענטשן. אָט ערשט נעכטן האָבּן זיך אַלע גע־קלעפּט צו אים, געכאַפּט זיין יעדעס וואָרט, און איצט?... נישקשה, ער שטייט נאָך מיט אַזוי פיל קעפּ העכער פון זיי... זיי פאַרשטייען אים ניט, זיי האָבּן אים קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען.

די טאַטע־מאַמע פלעגן דערפאַר ניט וועלן אַרויסרעדן צו איר אַ וואָרט קעגן גאַבּריעלן. דערצו האָבּן זיי און אַלע אַנדערע געפילט, אַז עפּעס אַ געוויסער אמת איז דאָך פאָרט דאָ אין אירע רייד.

גאַבּריעל ווידער פלעגט דווקא טיראַניזירן זינאַן בּיי יעדער גע־לעגנהייט, זי זידלען, זי אָפּט איבּערלאָזן.

היינט אָבּער, אַרויסגייענדיק פון האָספּיטאַל, האָט זיך גאַבּריעל גראָד דערפילט אויפגעמונטערט און דערפרישט. זינאַ, האָט ער געוואוסט,

איז ניטאָ אינדערהיים. פרענקלען האָט ער ניט ליב געהאַט. איז ער דער־פאַר אוועק דווקא צו די פיינמאַנס און איצט פאָרט ער מיט גערטרודן. און זיצן זיצט ער לעבן דעם אייזל, קאַלמאַנאָוויטש, און זי זיצט הינ־טער זיי. נו, יאָ, אפשר האָט זי זיך פאַרליבט אין אַניוטקאַס לאַסאַל. מען זאָגט, אַז יענער איז אַ וואוילער בחור, אַן ארכיטעקט, נו, יאָ.

גערטרוד האָט דעם גאַנצן אָוונט געהאַט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו גאַבריעלן. שוין גייענדיק מיט אים צו דער באַן־סטאַנציע האָט זי באַמערקט, אַז דער קאַרק איז ביי אים פאַרלייגט מיט באַנדאַזשיר־גאַז. און ווי נאָר גאַבריעל האָט באַמערקט, אַז זי קוקט אַף די באַנדאַזשן, האָט ער זיך גלייך אָנגערופן:

— דאָס איז נאָך פון דיינע נעגל, גרעטכען. יאָ, יאָ. די דאָקטוירים זאָגן, אַז עס איז אַזאַ פאַרגיפטונג. אַך, דו זיסער נאַר, דו שיינער נאַר!

— האָט ער אויסגעשריען און דערביי געוואָלט אַרומלייגן זיין האַנט אַרום איר טאַליע, וואָס האָט זיך פאַר אים אַזוי שיין געהויבן פון אירע פולע, אויסגערונדעטע היפטן. זי האָט געקוקט אַף אים, געשוויגן, און זיך מיט אַ לייכטער באַוועגונג באַפרייט פון זיין האַנט. אַ פאָר מאָל האָט ער דעם אָוונט אַזוי געזוכט אַ געלעגנהייט אַרומצולייגן זיין האַנט אַרום איר טאַליע און עס האָט זיך אים אַלץ ניט איינגעגעבן. און ערשט, ווען ער האָט פאַר איר געעפנט די טיר פון די שליאַפניקאָווס, האָט ער געפונען די פּאַסנדיקע געלעגנהייט. ער האָט גלייך ביים אַריינגאַנג פאַרוואָרפן זיין האַנט אַרום איר טאַליע און וואוילזונגעריש אויסגערופן:

— אָט ברייננג איך אייך די שלאַנקע גרעטכען.

נאָך איידער זיי זיינען אָנגעקומען האָט בערמאַן אין זיך געהאַט דערפילט אַ שאַרפע אומרואיקייט און זיך אַ פאָר מאָל געוואָלט אַ הויב טאָן פון ־טיש און אוועק פון דעם אָרט, פון דעם הויז, פון די מענטשן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס טראָגט זיך, עפּעס קומט. בערמאַן, וואָס האָט געגלויבט, אַז געוויסע מענטשן מאַגנעטיזירן די לופט אַרום זיך און שטעלן זיך אַף אַזאַן אופן אין פאַרבינדונג מיט מענטשן, וואָס זיינען אַפּט מייל־ווייט פון זיי, האָט אויך געגלויבט, אַז ער האָט אין אַ גרויסן גראַד אויסגעאַרבעט זיין גייסט און זיין קערפּער צו דערפילן זאַכן, וואָס זיינען אויסגעשטעלט און גייען אָדער האַלטן אין קומען אַף אים

ווען ער האָט אָבער דערזען אריינקומען גערטרודן מיט גאַבריעלן, מיט גאַבריעלס האַנט אַרום איר טאַליע, איז דאָס האַרץ פון אים אַזוי ווי אָפּגעשוואומען, אַן אייזיקע קעלט האָט זיך אַזוי ווי אַריינגעגאָסן אין זיין אינגעווייד.

גערטרוד איז צוגעקומען. זיי האָבן זיך צעקושט. די ליפּן זיינען ווארים, נאָר אַן אייזיקע קעלט גיסט זיך איבער אַלץ, איבער אים.

פרענקל האָט אים גראָד אַ מינוט פאַר דעם פּלוצלונג געפרעגט, צי קאָן ער אים ניט קלאָר ענטפערן, פאַרוואָס מענטשן קאָנען זיך יאָרן, קאָנען זיך דורות האַלטן מיט זינלאָזע, אַלטע אידייען. אָט, לאָמיר זאָגן מיט סוכה. פאַרוואָס זיצן נאָך איצט מענטשן און לערנען און דערקלערן די דינים פון סוכה?

„אָ, אָט־די נאָך ניט אויפגעלייזטע מיסטעריע פון סוכה" — האָט בערמאַן אַ טראַכט געטאָן — „און שוין ניט, דאַכט זיך, דאָס ערשטע מאָל, אַז פרענקל פרעגט זיך ביי אים אַזוי שטאַרק נאָך וועגן דעם. פאַרוואָס קאָן פרענקל גראָד אָט־דעם מנהג ניט פאַרגעבן? עפּעס האָט מיט פרענקלען אַמאָל געמוזט פּאַסירן אַזאַ זאַך מיט דער סוכה". — —

און דאָ עפנט זיך גראָד די טיר און גאַבריעל און גערטרוד קומען אַריין, גערטרוד מיט גאַבריעלס האַנט אַרום איר טאַליע. און ווען גערטרוד אַ באַפרייטע קומט צו און צעקושט זיך מיט בערמאַנען, שרייט גאַבריעל אים:

— דאָנער וועטער נאָכאיינמאָל! דאָס איז דאָך דער יונגע, ווי הייסט ער דאָרט, אָט־דער אייזל? אָך, יאָ, יאָ. דאָס איז דאָך דער פּריידיקער פון דער אידייע, אַז מען דאַרף אַלע הייזער צעברעכן. און ער זיצט דאָך פונדעסטוועגן אין אַ הויז און... — ער האָט געוואָלט זאָגן: און אָט דאָס הייסט דאָס, וואָס גערטרודן האָט געטראָגן אַהער, דאָנער וועטער!

אָבער דער „און" אַליין איז שוין געווען גענוג, און דערצו איז זינאַ גלייך צוגעקומען צו גאַבריעלן מיטן קינד אף די הענט און אים מאָדנע שאַרף אָנגעקוקט. האָט ער זיך צו איר אָנגערופן:

— אָך, יאָ, דו ווילסט דאָך געווים אויך אַ קוש. נו, גוט, נו, גוט.

— נו, און וועגן דער רעוואָלוציע האָט איר דאָרט עפּעס געהערט?

— האָבן שליאַפּניקאָוו און פרענקל כמעט אין איין צייט געפרעגט.

— אָט, עס איז געווען אַ שטיקל רעוואָלוציע אין אַ צייטונג —

האָט גאַבריעל געענטפערט מיט אַ מאָדנער פרייד.

— איז וואָס פרייסטו זיך אַזוי מיט דעם? — זאָגט שליאַפּניקאָוו.

— פאַרוואָס דען ניט? — זאָגט גאַבריעל — גוט וואָס כאָטש אין צ יי ט ו נ ג איז געווען אַ רעוואָלוציע.

דער עולם קוקט זיך איבער — ווער מיט אַ שמייכל, ווער מיט שטוינען.

קאַלמאַנאָוויטש צעלאַכט זיך הויך:

— מיט דיר, גאַבריעל, איז ווי מיטן פויער, וועלכער האָט אויפגע־געסן אַלע ראַקעס, וואָס איין פריץ האָט מיט אים איבערגעשיקט צום צווייטן. דעם לייִדיקן קאָשיק אָבער און דעם בריוו האָט ער יאָ געבראַכט צום צווייטן פריץ. ווען יענער פריץ האָט צעעפנט דעם בריוו פון זיין פריינט און גענומען לייענען אינדערהויך „איך שיק דיר אַזויפיל און אַזויפיל ראַקעס" איז דעם אָרימען פויערל אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. ער האָט אַ פאַל געטאָן אף די קני, זיך איבערגעצלמט און אויסגעשריען:

— אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס עס זיינען כאָטש אין בריוו דאָ ראַקעס...

דער עולם האָט זיך צעלאַכט און קאַלמאַנאָוויטש האָט לאַכנדיק צוגעגעבן:

— סלאַווא טעביע, האָספּאָדי, שטשאָ כאָטש וו פּיסמע יע ראַקי.

גאַבריעל האָט זיך געפילט אַביסל געכאַפּט, ווייל אין דער אמתן האָט ער זיך טאַקע געפרייט מיט דעם, וואָס עס איז כאָטש אין דער צייטונג געווען אַביסל רעוואָלוציע. און ער האָט צווישן אַלעמענס גע־לעכטער צוגעגעבן:

— נו, ברודער, דעם מאָל ביסטו גערעכט און האָסט דאָס אויך געמאַכט גאַנץ געלונגען. דאַנער וועטער, זאָל זיין רעוואָלוציע כאָטש אין צייטונג. עס פרישט־אָפּ די לופט, עס מאַכט אַביסל לייכטער צו אָטעמען...

— און פאַר זיך האָט ער אַ טראַכט געטאָן: אפילו די וואונדן אפן האַלדז ווערן פון דעם אַביסל געהיילט.

קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך געפילט גליקלאַך פון דעם, וואָס אַלע האָבן געלאַכט פון זיין וויץ. איבערהויפּט פון אַניוטקאַס שטילן, גוטן געלעכטער. אים איז אַזוי גוט געווען צו זען אַניוטקאַן לאַכן און צו וויסן, אַז ער האָט דאָס גורם געווען זי זאָל לאַכן.

דאָס אָנקומען פון גאַבריעלן און דאָס אָנקומען פון גערטרודן מיט גאַבריעלס האַנט אַרום איר טאַליע, דאָס האָט צוגעגעבן בערמאַנען נייע אויפרעגונג און אָנגעשטריינגטקייט. אַט־דער גאַבריעל, וועגן וועלכן בער־מאַן האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט אַף קלאָר, צוליב וואָס ער לעבט נאָר אַף דער וועלט, סיידן אפשר טאַקע, ווי די קאַבאַליסטישע שלאַנג. וואָס ווערט באַשאַפן פון גאַטס קול, כדי דורך איר בייזן בים צו העלפן דער אָרימער געווינערן, דער אינד?

גערטרוד זעצט זיך אַוועק לעבן אים. בערמאַן וויל זיך אויפהויבן און גיין, נאָר ער בלייבט זיצן. דאָס הויז דאָ איז ניט ווי קיין הויז, איז ווי אַ שטאַל. עס צעפאַלן זיך, דאַכט זיך, די ווענט, ווי עס וואָלטן דאָ גאָר קיינמאָל קיין ווענט ניט געווען. עס זיצן מיט אים איינעם אַ גרופּע מענטשן, זיינען זיי אינאיינעם מיט אים, אַזוי ווי איינגעהילט אין שאָטן און אין ליכט. אַ גרויסע נאַכט איז איצטער אַף דער גאַנצער וועלט. אַזאַ נאַכט, וואָס ווישט־אָפּ פון דעם פּנים פון דער ערד און פון דעם הימל דאָס שרייענדיקע ליכט פון דעם טאָג; אַ נאַכט, וואָס ניט־צו דעם הימל זיין אמתדיק שטיל און גוט ליכט. אַ נאַכט, וואָס האָט אפילו איר אייגענע פינצטערניש פון דער ערד פאַרטריבן. אַ ווייסע נאַכט אַזאַ מיט אַ לייכטן, בלויען אַטעם רוט איצט אַ פאַנאַנדערגעשפרייטע איבער פלאַכן, איבער בערג און איבער טאָלן; בליט און שפּילט איבער נאָנטע און ווייטע מיילן. אַ נאַכט, וואָס הויבט די ערד צום הימל, רעגט און רופט און לאָקט דיך צו גיין, צו טראַכטן, ביז דו פאַרגעסט זיך, אַז דו טראַכסט. אַז דו גייסט...

מענטשן. וואָס זיצן אין געבויטע הייזער — וואָס ווייסן זיי פון אַזוינע נעכט?...

גערטרוד איז דאָ לעבן אים, און גאַבריעל איז אויך דאָ. ווי אַף אומיסטן, צו רייצן זיך מיט אים איז דאָ איצט גאַבריעל געקומען. איינאיינעם מיט גערטרודן און קאַלמאַנאָוויטשן איז ער געקומען. זיין האַנט האָט ער אַרום גערטרודס טאַליע געהאַלטן. גערטרודס טאַליע און זיין האַנט אַרום איר! נאַכט איז אינדרויסן. ער וואָלט געדאַרפט אַוועקגיין איצט. נאָר אַט־דער גאַבריעל. נאָר... יאָ. פרענקל פרעגט אַלץ וועגן סוכה און בערמאַן נעמט רעדן פלוצלונג, ווי אימיצן אָפּצולאַכעס, און ער זאָגט צו פרענקלען:

— פאַראַנען נאָך אַסאַך שיינע, גרויסע מענטשלאַכע אמתן, וואָס פריערדיקע דורות האָבן געזאָגט פאַר אונז, אַף אייביקע יאָרן געזאָגט פאַר אונז. אַט נעמט, למשל... (און דאָ קומט ביי בערמאַנען מיטאַמאָל אויס פּלוצלונג אַרויס, אַזוי ווי קעגן זיין ווילן, ווי אין זיינע פריערדיקע, אינגל־שע יאָרן) כיצד מרקדין לפני הכלה.. ווי אַזוי זאָל מען טאַנצן, ווי אַזוי זאָל מען זינגען פאַר אַ כלה?...

בערמאַן דערפילט, אַז דאָס איז ביי אים אַרויסגעקומען פון ווילד־קייט, פון בייזקייט, פון כעס — אַ סימן, אַז ער קאָן זיך נאָך ניט קאָנ־טראָלירן. איבער גערטרודס אַריינקומען האָט ער אויפגעהערט זיך קאָנען קאָנטראָלירן..

גערטרוד דערפילט זיין באַוועגונג, דערשרעקט זיך און ווערט גלייך בלאַס. און בערמאַן אַליין ווערט אויך בלאַס, שוין אַביסל צו־בלאַס, און ער זאָגט פונדעסטוועגן ווייטער:

— די בית־הלל ענטפערן אַף דער שאלה, אַז ביי דעם טאַנצן דאַרף מען זינגען:

„די כלה איז ווי זי איז"

און די בית־שמאי זאָגן:

„מען דאַרף טאַנצן, מען דאַרף זינגען:
שיין און וואונדערלאַך איז די כלה,
ריין און ניט באַפלעקט".

איז דאָס, דאַכט זיך, אַ פּשוטער פּלפול אַזאַ. אָבער עס איז אין דער אייגענער צייט אַ גרויס און ליבטיק ליד אַזאַ מיט שפּילנדיקן זין און זינ־גענדיקע פאַרבן. עס איז כמעט אַ שיר־השירים אַ נייער, אויפגעבויט פון צוויי קעמפנדיקע צדדים.

ביי בערמאַנען איז דאָס אַרויסגעקומען אַזוי ווי פון דער העלער הויט און האָט אים אַזוי ווי געשמיסן אין פּנים. עפּעס האָט ער דאָ געוואָלט זאָגן שטיל און רואיק און עס איז אַרויסגעקומען נאַריש און אינגלש־אויפ־געדעגט. און ער האָט דאָך שוין געהאַט געמיינט, אַז ער האָט פון זיך שוין אויסגעאַרבעט אַ געהאַרכזאַמען, אַ באַהערשטן אינסטרומענט. — —

בערמאַן האָט געפילט, אַז ער האָט זיך פאַררעדט, ער האָט גע־וואוסט, אַז ער האָט ניט געענטפערט פרענקלען אַף זיין שאלה וועגן דער נאָך־ניט אויסגעלייזטער מיסטעריע — סוכה. בערמאַן האָט דאָ

דערפֿילט, אַז זײַן דערגרײכטע גלײַכגעװיכט, מיט װעלכער ער האָט געמײנט, אַז ער איז שױן זיכער, האָט זיך דאָ מיטאַמאָל אַ בײג געטאָן אױף אַ זײַט.

גערטרוד איז דאָ... זי איז אַרײַנגעקומען אין הױז מיט גאַבריעלן און גאַבריעלס אָרעם איז געװען אַרום איר טאַליע... די כלה איז, װי זי איז? די כלה איז רײן, רײן אין ניט באַפֿלעקט? און אָט־דער גאַבריעל... יעדער מענטש לעבט אױף דער װעלט צוליב עפּעס. אַך, יאָ — צוליב דער שלאַנג, װאָס בײַכט, כּדי אַ טובֿה צו טאָן. יאָ. ער טוט אַ טובֿה, אָט־דער גאַבריעל. מען דאַרף זיך אױפֿהײבן און גײן. ער װעט דאָ, בשעת גאַבריעל זיצט בײַם טיש, זיך ניט נעמען דערקלערן די גרױסקײט פֿון דעם געדאַנק פֿון סוכּה. סוכּות װאָלט געדאַרפֿט װערן אַ יום־טובֿ פֿון אַלע פֿעלקער פֿון דער װעלט. סוכּות ליגט־אָפּ אָט־די אײַנגעפֿונדעװעטקײט, ליגט־אָפּ אָט־די זיכערע פֿונדאַמענטן און מאַכט אַ פֿרײד און אַ יום־טובֿ פֿון דעם. װי שװער עס קומט אַמאָל אָן אַרױסצורעדן אַ פּשוטן געדאַנק פֿאַר מענטשן, אַפֿילו, װען דער געדאַנק ליגט שױן דיר אױפֿן צונג. און דאָ איז ניט קײן סוכּה. דאָ איז אַ הױז און דאָ איז ענג, און מענטשן קוקן אױף זײ איצט, קוקן אױף אים מיט גערטרודן. ער האָט דאָ, דאַכט זיך, שױן אונטערגעפֿירט זײַנע אַלע חשבונות. און דעם גאַבריעלן אַפּצולאַכעס האָט ער געזאָגט, װאָס ער האָט געזאָגט, און זאָל ער האָבן פֿון װאָס צו לאַכן. אָבער סוכּה איז אַ גרױסער געדאַנק. אפשר אױף אױסצולײזן די מענטשהײט איז דער סוכּה־געדאַנק געקומען.

אַ דור צינדט אַמאָל אָן אַ גרױסן און ליכטיקן געדאַנק. די דורות, װאָס קומען נאָכדעם, זײַנען אפשר ניט ראױ דעם געדאַנק צו פֿאַרשטײן. עס קומען אפשר אױך און נעמען זיך אַנטװיקלען אַנדערע מיסטעריעס, װאָס פֿאַרשטעלן מיט זיך אָט־דעם גרױסן געדאַנק פֿון אַ דור. מיסטעריעס קעמפֿן מיט מיסטעריעס, און דער כּוח פֿון דער מער־צוגעפּאַסטער געװינט פֿאַר אַ צײַט. אַ מיסטעריע אָבער, װאָס האָט נאָך איר אמתן גרױסן זין ניט אַנטפּלעקט, פֿאַלט ניט װי אַ זעלנער אין שלאַכט. זי בלײַבט לעבן. עס זאָרגט שױן פֿאַר דעם דער געזונטער מענטשלאַכער הוש. עס קומען דורות, װאָס הײבן־אױף אָט־די מיסטעריעס, װאָס האָבן זיך נאָך ניט אױסגעברענט, טראָגן זײ האַלב־װאָך און האַלב־דרעמלדיק, קאַנאַניזירן זײ און טראָגן זײ װי אַ פּעטיש, װי אַן איבערגלױבן אַפֿילו, ביז

דער טאָג פון אויסלייזונג וועט קומען. אָבער ער גייט איצט קיין ניו־יאָרק. ער וועט דאָ ניט רעדן וועגן דעם. און זינא און פרענקל האָבן אים איינגנטלאַך דעם אָוונט שוין אַ פּאָר מאָל געפרעגט, צי ער לייקנט־אָפּ פרייען מענטשלאַכן אויסוואַל. ניין, ער לייקנט ניט. עס איז דאָ פרייער מענטש־לאַכער אויסוואַל. נאָר וועגן סוכה וועט ער איצט ניט רעדן. ער וועט זאָגן: „יאָ, סוכה, צום באַדויערן איז סוכה נאָך אַ מיסטעריע, וואָס איז צו אונז אַריבערגעטראָגן געוואָרן דורך שעפעריש־איינגעשלאָפענע דורות. דאָס איז אפשר אַ פּאָרוים־באַשטימטער ווילן, וואָס דאַרף מיט דער צייט ווערן אונזער אַלעמענס פרייער אויסוואַל".

— פּאָרוים־באַשטימטער ווילן, פרייער אויסוואַל, סוכה, ידיעה און בחירה ביי סוכה? — בערמאַן, גאָט איז מיט אייך! — האָט פרענקל אויסגעשריען זיך כמעט ווי בעטנדיק.

קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך אָף אַ מינוט אומגעקוקט אַהער און אַהין, פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט מען פון זאַכן, וואָס ער פאַרשטייט ניט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום טיש און איז געבליבן שטיל. גאַבריעל אָבער האָט אויסגעשריען, זיך צוזעצנדיק צום טיש, גרייט זיך פאַנאַנדערצולאָזן:

— אַך, יאָ, דאָ האָבן מיר דאָס. פּ אָ ר ו י ם ־ ב אַ ש ט י מ ט ע ר ו ו י ל ן א ו ן פ ר י י ע ר א ו י ס וו אַ ל, וואָס איז דאָס דען איינגנטלאַך?

בערמאַן האָט דאָ, אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, אויפגעהויבן זיינע אויגן גלייך אָף גאַבריעלן און אַ געשטאַרקטער, אַ דרייסטער און אַ רואיקער געזאָגט:

—אַ מענטש, וואָס פאָרט אָף אַ שיף, איז פריי צו טאָן אָף דער שיף וואָס ער וויל: עסן, טרינקען, שלאָפן, קוקן אָפן הימל, אָפן וואַסער. ער קאָן טאָן אַלץ, וואָס זיין האַרץ געלוסט. איין זאַך אָבער איז פאַראַן אָף דער שיף, וואָס ער קאָן נ י ט, און דאָס איז: אַ קער טאָן די שיף. ניט צו רעכטס און ניט צו לינקס. די הערשאַפט פון דער שיף איז אין די הענט פון אַ קאַפּיטאַן, וואָס פירט־דורך אַ פּאָרוים־באַשטימטן ווילן, און ניט אין דער האַנט פונם רייזנדן אָף דער שיף. מיר אַלע — יעדער פון אונז — איז אָף אַ שיף אַזאַ און די מיסטעריע איז אונזער קאַפּיטאַן.

מיר האָבן אַלע אונזער פרייען ווילן אַ ף דער שיף, נאָר ניט אונזער פרייען ווילן מ י ט דער שיף.

— דאָס קלינגט שיין, וואונדערלאַך אפילו — האָט גאַבריעל אָפּ־לאַכנדיק גענומען רעדן. פרענקל האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן און כדי איבערצושלאָגן גאַבריעלן איז ער אים אַביסל אומגעדולדיק אַריינגע־פאַלן אין די רייד און אים שטריינג, ווי אָפּשטעלנדיק, געפרעגט: נו, וואָס ווילסטו זאָגן?

— איך וויל זאָגן — האָט זיך גאַבריעל אויך אַביסל בעסדיק אָנ־גערופן — אַז דער יונגע — —

— איך מיין, גאַבריעל, קאָנסט דאָך אויך זאָגן „מאָן".

— נו, יאָ, נו, יאָ — האָט גאַבריעל ווייטער פאָרגעזעצט — איך מיין, אַז די אַסקעטן פעלט איינפאַך דאָס וויסן וועגן דעם, אַז מענטשן זיינען חיות. זיי פעלט פשוט אַביסל טיריש בלוט. זיי לעבן אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט. יאָ. דאָס איז עפּעס אַ מין בוך־וועלט, גאָט פאַר־דאַמט! אַ מין אָפּיום־וועלט. ביי זיי איז אַלץ אויסגעטראַכט, אויסגע־טראַכט.

בערמאַן האָט דערזען, אַז פרענקל נעמט זיך אָן פאַר אים, זיך דער־מאָנט, אַז ערגעץ האָט אים שוין דער גאַבריעל געוואָלט דערווייזן, אַז מענטשן זיינען חיות. און ער האָט זיך אָנגערופן, אַזוי ווי אונטערפירנדיק אַ ספּעציעלן חשבון מיט אים:

—מיר לעבן אַלע אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט. די, וואָס גלייבן, אַז מענטשן זיינען חיות, זיינען אוודאי אויך אויסטראַכטער, נאָר אין דעם ניט־גוטן, אין דעם ניט־אמתן זין. דער אמתער אמת איז, אַז אַ מענטש לעבט טאַקע אין אויסגעטראַכט לעבן, ווייל אַ מענטש טראַכט. דאָס סאַמע מענטשלאַכע פון דעם מענטשנס לעבן איז זיין טראַכטן און ממילא זיין אויסגעטראַכטע וועלט. מיר טראַכטן־אויס און שפּרייטן־אויס זיכערע וועגן, מיר ברייגנען אָרדענונג אין כאַאָס. און די, וואָס זאָגן, אַז דער מענטש איז אַ חיה, די זיינען די בלבול־אויסטראַכטער, די בייז־אויסטראַכטער, אָבער אויך אויסטראַכטער.

דאָס וואָרט בוך האָט בערמאַנען געטראָפן מער ווי אַלץ. ערשטנס, ווייל עס האָט זיך אים דאָך אַזוי ניט געוואָלט זיין — „בוך". אָבער נאָר שטאַרקער איז געווען די פּלוצלונגדיקע אַנטדעקונג, אַז אייגנטלאַך האָט

ער דאַך שוין אויך אַ פּונקט, מיט וועלכן ער איז ענלאַך אַף גאַבריעלן. אַט האַלט דאַך גאַבריעל אויך ניט פון בוך. ניטאַ, ווייזט אויס, קיין מענטש, וואָס איז אַליין, ניטאַ קיין מענטש, וואָס איז ניט אַ טייל פון אַלע מענטשן. דו רייסט זיך צו ווערן אַנדערש, אָבער בלויז כדי צו דערזען, אַז דו ביסט סוף־כל־סוף ווי זיי. עס איז מאָדנע ווייטיקדיק, נאָר אמת איז דאָס. אמת. און גאַבריעל זאָגט פונדעסטוועגן אויך אמתן... ערגעץ בין איך ענלאַך אפילו אַף גאַבריעלן. יאָ... נאָר אַפּיום...

און בערמאַן רופט זיך אָן:

— נו, אַפּיום, דאָס איז ניט בוך. דאָס איז גאַנץ אַנדערש פון בוך. יעדער מענטש טראָגט מיט זיך זיין אַפּיום־צענטער. דער אַפּיום־צענטער, דאָס איז אַ נערוו אַזאַ, אַ פּולסירנדיקער, לעבעדיקער. ניין, דאָס איז ניט בוך. בוך איז באַגרעניצט, איז אַן אָפּגעשטעלטע און איינגעשטעלטע זאַך. בוך קאָן זיין אַ רעזולטאַט פון דעם אַפּיום־צענטער אין אונז, אָבער עס איז ניט דער צענטער אַליין. אַט־דער אַפּיום־צענטער איז אפשר דער אויסטראַכטנדיקער, דער מענטשלאַכער עלעמענט אין אונז.

און בערמאַן האָט זיך דאָ גלייך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. עס איז אים דאָ מיטאמאָל געוואָרן שרעקלאַך־איינג. דאָס אויפגייענדיקע, אויסגע־האַמערטע געשטאַלט פון גערטרודן, אַרום וועלכן עס האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַלץ געבויגן גאַבריעלס האַנט, האָט אים נאָך איינגער געמאַכט, און דערצו נאָך דער גאַבריעל אַליין. איינג איז דאָ, און אינדרויסן איז לבנהדיק און פריי. אַף מיילן און מיילן אַ ליכטיקע פרייד אַזאַ. אינדרויסן איז גרויס און ליכטיק און נאַכט און הימל און שטערן. און ליכטיקע וועגן ליגן דאָרט אויסגעשפּרייט אינדרויסן, וועגן, וואָס רופן, וואָס לאָדן־איין אַ מענטשן צו גיין, אפילו, ווען דער מענטש איז מיד און פילט ניט ווי צו גיין. דער מענטש אָבער קוקט אַף די וועגן און דערפילט, אַז ער מוז גיין, ווייל די שלוחים פון דעם הארץ פון דער וועלט ליגן אין די וועגן. אַ מיסטעריע אַזאַ איז פאַראַנען, וואָס העלפט דיר צו שטעלן דיינע טריט. וועגן זיינען פאַראַנען, וואָס וואַרטן אַף דיר...

גערטרוד הויבט זיך אויף מיט אים. נאָך אַ פּאָר הויבן זיך אויף. נאָר אַרויסגיין פון דער טיר פון הויז זיינען שוין בלויז ער און גערטרוד. גערטרוד נעמט אים אַן ביים האַנט:

— בערמאַן, וואָס איז מיט דיר געשען? ווי אַזוי האָסטו דאָס גע־קראָגן אַזויפיל גרויע האָר? פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרוואַקסן? וואָס איז מיט דיר געשען? וואו ביסטו געווען?...

בערמאַן קוקט זי אָן, קוקט אַף איר און שווייגט. זי דערשרעקט זיך אַביסל, לאָזט־אָפּ זיין האַנט און פרעגט מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם שטאָלץ:

— וואָס קוקסטו אַזוי? האָסט מיך מער ניט ליב?

— גערטרוד, זעסט אָט־יענעם וועג? איך מוז גיין — האָט ער אַנטשיידנדיק געענטפערט.

גערטרוד האָט ניט פאַרשטאַנען. זי איז געווען גרייט צו פאַלן צו זיינע פיס. זי האָט זיך דערשראָקן, געבליבן שטיין:

— ב־ע־ערמאַן!...

בערמאַן אָבער האָט זיך אויסגעדרייט און איז שוין געגאַנגען.

— ב ע ר מ אַ ן!! — האָט זי אויסגעשריען און געפּרובירט נאָכגיין אַ פּאָר טריט.

קאַפּיטל צווייאונצוואַנציק

גערטרוד איז אַ פּאָר אַ לייִנגערער צייט געבליבן אַ דערשטוינטע שטיין אין די שאָטנס פון הויז און פון די בוימער, געזען ווי בערמאַן גייט אַוועק. אַט פאַרשווינדט ער און אָט באַווייזט ער זיך אין דעם ליכט פון דער לבנה, און מיטאַמאָל דערפילט זי גאַבריעלס האַנט אַרום איר טאַליע, פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע מיט אַן אמת לעבן איר געשטאַנען און געהאַלטן זיין האַנט אַרום איר, זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז אָט־די האַנט, וואָס גאַבריעל האָט אַרויפגעלייגט אַרום איר טאַליע, ביים אַריינקומען אין הויז, איז שולדיק אין דעם, וואָס בערמאַן איז אַזוי פּלוצלונג אַוועק.

געקומען און אַוועק.

— בערמאַן... פאַרוואָס? און אָט גיט זי עפּעס אַזוי ווי אַ הויב פון דער ערד און זי נעמט גיין, בלייבט שטיין אַ ווײַלע... ניין. אין הויז אַריין וועט זי ניט גיין. ניין. אָבער נאָכגיין אים אַפן וועג וועט זי אויך ניט. זי וועט אים ניט נאָכלויפן. זי וועט ניט.

טרערן קומען איר אַזש אַרויס פון די גרויסע, צעשראָקענע אויגן. פאַרוואָס האָט ער זי דאָ אַזוי געלאָזט אַליין? פאַרוואָס? אָבער נאָכגיין אים וועט זי ניט. זי וועט ניט. ניט. נאָר די פיס גייען דערווייל אַזוי אַליין צו דעם וועג אַף וועלכן ער איז אַוועק. אָט איז זי שוין אַליין אַפן וועג. דערשרעקט זיך פאַר אַ דורכגעשפּרונגענעם האָז און בלייבט שטיין און דערפילט פון שרעק, ווי אימיצער וואָלט אַ שטיק אייז פּלוצלונג אַ לייג געטאָן צו אירע ליפּן. די ליפּן גיבן אַ פריר און נאָכדעם דאָס האַרץ און די אַקסלען. אַ לבנה איז דאָ און דער וועג איז אַ ווייסער, נאָר בערמאַן איז ניטאָ... איז ער דען ניט אַף דעם וועג אַרויף? אַ שטיק אייז ליגט אַפן האַרצן. זי ווערט אויפגעפראָרן און גיט זיך אַ לייכטן באַוועג פון שרעק. נאָר אָט דערזעט זי ווייט אַרויף — ער גייט. אַזוי גיך איז ער שוין אַזוי ווייט אַוועק!... זי פרירט ווידער אויף

און הויבט־אָן ניט־ווילנדיק נאָכגיין נאָך אים. זי וויל אַרויסשרייען „בער־מאַן!" נאָר זי קאָן ניט. זי וועט ניט. זי וויל ניט. זאָל ער גיין. זי גייט אים ניט נאָך. זי גייט. זי גייט אַליין פאַר זיך. זי גייט ניט נאָך אים. ניין. נאָר אָט — ער נעמט ווערן גרעסער... ער וואַקסט אין דעם ליכט פון דער לבנה. ער איז ווי דער באַרוועסער מאַנאַך... פון וועלכן ער האָט אַמאָל אַליין דערציילט. ער איז אַ ליכטיקער אַזאַ. ער גייט און טוט גוט אַזוי. ער ווייסט וואָס ער טוט. ער דאַרף מיך ניט. ער וויל מיך ניט. נאָר — אָט בלייבט ער שטיין. אַ פרייד גיט אַ שלאָג אין האַרצן. זי גלויבט אירע אויגן ניט... — ער שטייט, ער וואַרט!... אפשר וויל ער קומען צוריק? זי בלייבט שטיין.

ער טראַכט — ער באַטראַכט זיך. ער האָט חרטה. ער וועט באַלד נעמען גיין צו איר. ער וויל ניט, זי זאָל זיך אַזוי דערנידעריקן. עס זאָל הייסן — זי איז אים נאָכגעלאָפן... ער האָט שטענדיק ליב געהאַט איר שטאָלץ און וויל אים ניט זען געבראָכן. דעם שטאָלץ פון זיין גערטרוד — פון זיין כלה, פון זיין זים האַרץ.

. . . זי קאָן אָבער לאַנג ניט איינשטיין אויף איין אָרט. לאָזט זי אַראָפּ די אויגן־דעקלאַך איבער אירע גרויסע אויגן און נעמט אַזוי גיין מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען. זי גייט אים אַנטקעגן. זי גייט ניט. זי גייט.

מיט פאַרעקשנט־אַראָפּגעלאָזטע אויגן איז גערטרוד נאָכדעם לאַנג אַזוי געגאַנגען און איז געווען זיכער, אַז בערמאַן גייט איר דאָרט אַנט־קעגן. אָט און זיי וועלן זיך באַלד אַנשלאָגן שטערן אָן שטערן.

נאָר ווען זי האָט נאָכדעם מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן די אויגן גריייט אַ לאַך־טאָן בערמאַנען אַנטקעגן, האָט זי פאַר זיך פּלוצלונג דערזען אַן אויסגעוואָקסענעם, גלייכן בוים שטיין אויפן מיטן וועג. און איר איז אויסגעקומען: דער בוים איז דאָ נאָר־וואָס פּלוצלונג אויסגעוואַקסן, און איר איז אויסגעקומען — בערמאַן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בוים...

אין דעם כישוף פון דער לבנה, איז איר בערמאַן אַנטקעגן געגאַנגען. אין דעם כישוף פון דער נאַכט, איז בערמאַן שטיין געבליבן און איז גלייך פאַר איר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בוים.

און זי איז איצט אַליין אינמיטן פעלד און האָט אפילו ניט ווער עס זאָל זי נעמען אַהיים.

קאַפּיטל דרײַאונצוואַנציק

און ערגעץ, אַפן מיטן כמעט שנייאיק־ווייסן וועג, איז זיך בערמאַן געגאַנגען אַליין. געזען ווי אַ זייל לבנה־ליכט גייט לעבן אים און אין דעם זייל גייט גערטרוד. שטעלט מיט אים טראַט אין טראַט. זי וויל הערן און זי הערט פון אים אָן ווערטער דאָס ליד און די לידער וועגן דעם קריג פון די בית־שמאי און בית־הלל. וועגן דעם, ווי אַזוי מען זאָל טאַנצן, ווי אַזוי מען זאָל זינגען פאַר אַ כלה.

דאָס ליד און די לידער פון די זיבן שליחים, וואָס ווערן געשיקט צו זינגען וועגן דעם חתן און דער כלה. און ווי שיין עס איז גערטרוד, אָט אַזוי גייענדיק לעבן אים אין דעם זייל ליכט. זי גייט מיט אים אויף.

זי לויכט, זיין שוועסטער, זיין מיידל, זיין כלה. און זיי דאַרט דער־באַטירן. דעבאַטירן. אפשר וועגן דעם, וואָס עס איז דער אמתער רעאַלער לעבן. אָט איז אמתער רעאַלער לעבן. גערטרוד גייט מיט מיר אין אַ זייל ליכט. דאָס איז לעבן; אמתער ריין־מענטשלאַכער לעבן. און זיי דעבאַטירן דאָרטן.

בערמאַן האָט פיינט געהאַט דעבאַטן. כמעט אַזוי שטאַרק ווי פרענקל. נאָר פרענקל האָט זיי פיינט געהאַט, ווייל זיי האָבן צו גאָרניט געפירט, אָדער ריכטיקער, ווייל זיי האָבן בלויז געפירט צו דערווייזן, ווער עס איז אַ פייאיקערער דעבאַטאַנט. און בערמאַן האָט פיינט געהאַט דע־באַטן, ווייל צוליב וואָס זאָלן מענטשן בכלל דעבאַטירן. אָט, נאַט אייך אַ שטיק רעאַלן לעבן. — זעט גערטרוד גייט איצט לעבן מיר אין אַ זייל לבנה־ליכט. זעט דאָס, אויב איר קאָנט. און אַז איר זעט ניט — זענט איר מלינדע, כאָטש איר האָט אָפענע אויגן, ווי ס'זיינען שטום חיות, כאָטש זיי האָבן מיילער. און מיט אידייען אויך אַזוי. מאַלע וואָס דער עולם דערזעט ניט. דער גרויסער עולם ווייסט, זעט און באַשעפטיקט זיך מיט קאָרן, למשל, ערשט דעמאָלט, ווען ער זעט קאָרן שפּראָצט, קאָרן גרינט זיך, קאָרן געלט זיך, צייטיקט זיך און וואַקסט. פאַראַן אָבער אַ צייט, ווען דער קאָרן איז שוין אין פּראָצעס פון וואַקסן און בלויז געציילטע

מענטשן ווייסן נאָר פון דעם. דאָס איז די צייט, ווען דער זוימען ליגט נאָך אין דער ערד. און נאָך אַ פריערדיקע צייט איז פאַראַן. דאָס איז די צייט, ווען דער זאָמען דאַרף ערשט געוואָרפן ווערן אין דער ערד. אַט־די צייט דערפילן און דערזעען שוין בלויז די, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן צו זייען.

גערטרוד, גערטרוד. ווי גרינג מיר איז צו טראַכטן מיט דיר ביי מיין זייט. מיין כלה, מיין ליכטיקע אין לבנהדיק ליכט. מיט זיבן רעגנ־בויגנס גייסטו איצט ביי מיין זייט. און אַלע וואָס קוקן אַף דיר, האָבן דיך ליב, ווייל אפילו אַז אַ מענטש איז שלעכט, האָט ער אָבער פאָרט אין זיך ערגעץ אַ דראַנג צו ריינקייט און צו ליכט און דו ביסט אַ קוואַל פון ריינקייט, אַ קוואַל פון ליכט.

פאַראַנען מענטשן וואָס וואַקסן פאַר פאַרטייען, פאַר באַוועגונגען, פאַר סטרייקס, פאַר טאָג־טעגלאַכן קאַמף. און מענטשן וואָס וואַקסן גלאַט, ווי ליכטיקע בלומען אינמיטן פון אַ ווילד־פעלד.

גערטרוד איז אַ ליבע, וואָס גייט־אויף. פון מדבר גייען מיר איצטביידע אויף, גערטרוד... מענטשן דעבאַטירן, ווי הינט וואָס פאַלן אָן אַף הינט, נאָר יעדער מענטש איז אַ ליכט. יעדער מענטש גיט אַרויס זיין אייגנאַרטיק ליכט. מיר זעען שטענדיק אַ מענטשן מיט דעם ליכט, וואָס גייט־אויף פון אים און שאַצן אים לויט דעם ליכט. דאָס ליכט פון יעדן מענטשן האָט זייער־פיל שאַטירונגען. ענדערט זיך, שטאַרקט זיך און פאַלט, לויט אויסערלאַכע און אינערלאַכע סיבות. מיר ענדערן אָפט אונזער ליכט ביי דער באַגעגעניש מיט דעם אָדער מיט יענעם מענטשן. מיר גייען אָבער שטענדיק אין ליכט, ווייל ליכטיק זיינען מיר לויט דעם אמתן זין פון אונזער זיין. מיר קומען אין דער וועלט און פון דער וועלט, לויט דעם ווערט פון אונזער ליכט.

און ווער קאָן זאָגן וואָס איז מערער, צי דאָס פרישע ליכט, וואָס פלאַטערט־אויף דעם קנויט פון אַ נאָר־וואָס אָנגעצונדענעם ליכט, צי דאָס פולע ליכט פון דעם שוין איינגעברענטן קנויט?

ווער קאָן זאָגן, וואָס איז מערער — דאָס געשריי פון דעם נאָר־וואָס געבאָרענעם קינד, צי דאָס געשריי פון דעם געפּלאָגטן איוב?

גאַבריעלס האַנט אַרום איר טאַליע האָט אָפּגעפרישט דעם ווייטיק, פון יענעם אָוונט אין פרענקלס הויז, ווען זי איז פּלוצלונג אַרויס פון אַ

זייטיקן צימער מיט אַ צעקנייטשט קלייד און גאַבריעל מיט אַ צעדראַ־פּעטן האָלדז. יענעם אָוונט, נאָך וועלכן ער האָט פאַרלאָזט ניו יאָרק. די הײנט־אָוונטיקע באַגעגעניש האָט אויפגערייצט אַלע וואונדן, וואָס האָבן זיך איינגעבראָטן אין בערמאַנס ליִיב, פון יענער ערשטער באַ־געגעניש אַף דער פאַרם אין די דאַקאָטאַס, פון יענער שרעקלאַכער נאַכט אין דער פּרערי. און פון נאָך וואונדן אָן אַ שיר. אָבער דורך אַלע ווײ־טיקן האָט אין אים זיך פאָרט געהויבן און געשטאַרקט זיין ליבע פאַר גערטרודן. עס טוט ווי מיט אַזאַ ווייטיק אַזאַ ביטערן, אָבער דאָס בלוט און די געדאַנקען וואַרימען זיך, מישן זיך און זינגען פון גרויס פרייד און פון גרויס ליבע.

זי גייט לעבן אים און ער פילט אירע פינגער אין זיינע פינגער. אירע פיס אין זיינע פיס. אירע אויגן קוקן איצט אַרויס פון זיינע אויגן. זי איז לעבן אים און אין אים. און ווי אַנדערש איז דער טראָט און ווי אַנדערש איז דער בליק.

ווי אַן אַנטפּלעקונג איז גערטרוד איצט אין אים. ניט ער גייט, נאָר עס טראָגט אים איצט קיין ניו יאָרק.

זיין האַרץ ציטערט אויף מיט אַ צוווייענדיקן ציטער. איר האַרץ איז אין זיינעם. דאָרט, אַפן דעק פון זיין האַרצן, ליגט נאָך די ביטערקייט פון איר אַמאָליקן זאָג, אַז ער איז אַן אומדערצווינגענער כאַם, אַ שמוציקער פּויער. דערזעט זי דאָס דאָרט אין אים און נעמט זיך פאַרענטפערן, אַז זי האָט גאָרניט געמיינט. ניט קיין שלעכטס האָט זי געמיינט, נאָר זי האָט אַמאָל אַלס קינד פון אַן אַלטער באָבע געהערט דערציילן אַ מעשה, אַז אַמאָל איז געווען אַ מיידל, וואָס דער טאַטע אירער האָט זי זייער ליב געהאַט, האָט ער פאַר איר אויסגעזוכט אַ לייטישן חתן און האָט זי פאַרקנסט. איז אָבער דער חתן גלייך נאָך די תנאים געשטאָרבן, האָט דער פאָטער אוודאי געליטן פון דעם. מיט דער צייט אָבער האָט ער פאַר זיין גוטער טאָכטער אויפגעזוכט אַנאַנדער לייטישן חתן, איז אָבער יענער אויך גלייך נאָך די תנאים געשטאָרבן, און אַז עס איז געקומען צום דריטן מאָל צו פאַרקנסן זיין ליבסטע טאָכטער, איז שוין דער פאָטער געווען זייער טרויעריק, איז ער אַוועק צום בעל־שם און מיט אַן אַנגע־ווייטיקט האַרץ גענומען טענהן:

— רבי, איך האָב אַזאַ און אַזאַ שיינע טאָכטער. איך האָב אַזאַ

און אזא איידל קינד. — און אז דער בעל־שם האט אויסגעהערט די גאנצע מעשה, האט ער געזאגט צום פאטער:

— דיין טאכטער איז טאקע א פערל. אן אבן טוב. איר נשמה קומט טאקע פון זייער א ריינעם קוואל, אבער איר אמתער באשערטער — איר זיווג — איז דער יונגערמאן, וואס דו האסט ביי זיך אין הויז. אט־דער האלץ־העקער און וואסער־טרעגער. אט־דער, וואס רייניקט דיינע שטאלן.

איז דער פאטער אויפגעשפרונגען:

— רבי, וואס רעדט איר? ! אט־דער איז דאך אזא גראבער יונג. ער איז דאך א כאם. ער איז דאך א ניט־דערצויגענער, כמעט א נידע־ריקער, שמוציקער פויער.

דער בעל־שם אבער האט געזאגט:

— אט־דער, וואס זעט דיר אויס אזא גראבער און שמוציקער פויער, האט אבער א זייער איידעלע נשמה און איז טאקע דער איינציקער, וואס איז ווערט דיין טאכטער. — און דער פאטער האט באלד נאך דעם חתונה געמאכט זיין איידעלע טאכטער פאר אט־דעם האלצהעקער און וואסערטרעגער, און זיי זיינען געווען גליקלאך און זיי זיינען געווארן א ליכט און א פרייד פאר אלע, וואס האבן געהערט און געוואוסט פון זיי.

בערמאנען ווערט גוט פון אט־דער מעשה און פון דעם, וואס גערט־רוד, וואס איז אין אים, רעדט אזוי צו אים און ער דערמאנט זיך, אז ער איז גערטרודן שולדיק א חוב: —

„ווייסט, גערטרוד, איך גיי איצט קיין ניו יארק. עפעס גיי איך דארטן טאן א זאך אזא און איידער איך טו דאס, וואלט איך זיך וועלן פאנאנדערצאלן מיט יעדן, וואס קומט מיר נאר אפן וועג. און אויך דיר בין איך א חוב שולדיק. אמאל בין איך צו א מאסמיטינג געגאנגען, און ווי קליין דער מיטינג איז געווען, האב איך אבער געמיינט, אז איך עפן מיט אים אויף די טיר פאר דער גרויסער מענטשלאכער רעוואלוציע, און ווען איך בין נאכדעם געגאנגען אהיים, איז דיין געשטאלט מיר די גאנצע צייט נאכגעגאנגען. ווי די נשמה פון דער רעוואלוציע איז דיין געשטאלט פאר מיר אויפגעשטאנען. איך האב זיך צו דיר פארקנסט אין יענער נאכט. און צווישן אנדערע שיינע נעמען האב איך דיך אויך גערופן „רעוואלוציע מיין כלה". איך האב זיך פארגענומען צו זינגען פאר

דיר זיבן חתן־כלה לידער, אויסגעזונגען האָט מיין הארץ פאַר דיר נאָר צוויי אזוינע לידער, געדטרוד, און דערפאַר, זע: עס צעעפנט זיך דער הימל איצט פאַר אונז ווידער אין דער נאַכט. עס קומט פון דאָרט א פויגל מיט א קאָפּ פון א חיה און שטערן פאַלן פון יעדן מאָך פון זיינע פליג־לען. און אָט שטעלט זיך דער פויגל אוועק פאַר אונז. אָ, זע. ניט קיין פויגל און ניט קיין חיה איז דאָס, עס איז א מענטש, וואָס קוקט אַף אונז מיט פרייד און מיט געזאַנג און ער זאָגט: — אָט בין איך געפלויגן און גע־פלויגן, ביז איך האָב אייך אָנגעיאָגט איצט אַף דעם וועג. ווי זיבן טעג האָט די וואָך, אזוי קומט זיבן ברכות דעם חתן מיט דער כלה. די דריטע ברכה ברייננט אייך איצט מיין מויל, מיין הארץ און מיין געזאַנג — און ער הויבט־אויף זיין משל און זאָגט:

— איך קוק אַף אייך און דערמאָן זיך, אז ווען חוה איז באַשאַפן געוואָרן און אדם האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען, האָט אדם געזאָגט:

— זאת הפעם עצם מעצמי בשר מבשרי, וואָס דאָס מיינט, אז דעם איצטיקן מאָל ערשט איז דאָס א ביין פון מיינע ביינער, ליב פון מיין ליב. איז פון דעם געדרונגען, אז ביז דעם מאָל האָט אדם אויך געהאַט פאָרן, און אזוי ווי קיין אַנדערע מענטשן זיינען דאָך נאָך ביז דאַן ניט געווען, איז פון דעם געדרונגען, אז אדם האָט ביז דעם מאָל פאַרקערט מיט חיות, מיט באַשעפענישן, וואָס שטייען נידעריקער פון אים, מיט באַ־שעפענישן, וואָס ער האָט געקאָנט באַהערשן אפילו, אָבער ניט זיך חברן מיט זיי.

אָבער דיין ליכטיק־אויגיקע כלה איז דאָך מיט דיר און אין דיר. זי איז דאָך א ביין פון דיינע ביינער, ליב פון דיין ליב. גייסטו דערפאַר איצט, ווי אדם, א וועלט א נייע וועקן, א וועלט פון ליכט און פון וואונדער. און איך בענטש אייך אַף דעם און שיט דערפאַר אוים אביסל פון מיינע ליכטיקע שטערן פאַר אייערע פיס. און מערן זאָלט איר זיך און פרוכ־פערן פאַר דעם וואונדער פון דער וועלט און פון מענטשן. און גענליכן זאָלט איר זיין צו די שטערן פון הימל.

און אָט קומט אָן א נייַ געשטאַלט. פיר פנימער האָט די געשטאַלט. מיט איין פנים קוקט די געשטאַלט צו זיי, מיט דעם צווייטן פנים קוקט די געשטאַלט אַף הינטער זיך און מיט די אַנדערע צוויי פנימער קוקט די געשטאַלט צו ביידע עקן וועלט. און די געשטאַלט זאָגט מיטן אַנט־

קעגנדיקן פּנים און די אַנדערע דריי זאָגן נאָך, און יעדער מויל פון די פיר פּנימער קלינגט מיט אַן אַנדער קול, קלינגט און זאָגט:

— און אַז דריי האָבן שוין געגעבן זייערע ברכות, זייערע לידער, זייער געזאַנג, בין איך, דער פיר־פּנימדיקער דאָ. פון ערד און פון הימל בין איך — דער פירטייליקער, דער פיר־קולותדיקער — דער פערטער גע־קומען מיט מיין ברכה, מיט מיין געזאַנג פאַר אייך, מיינע אַלע פיר קולות העלפן איינער דעם צווייטן, זיי מאַכן אַ געזאַנג, וואָס גייט צו און קומט פון אַלע פיר וועלט־טיילן.

און דאָס פיר־פּנים'דיקע פיר־זייטיקע, פיר־פאַרמיקע און פיר־קלאַנ־גענדיקע געשטאַלט האָט צוויי הענט אַף יעדער פון זיך: צוויי הענט פון רעכטס — פון זיך און צוויי הענט פון לינקס פון זיך, צוויי הענט אַף הינטער זיך און צוויי הענט פון פאַר זיך, — הענט אַף צו בענטשן דעם חתן מיט דער כלה. אַכט אויפגעהויבענע הענט ווערן ווי אַ ליכטיקע ראָד אַרום דעם. און אַט הויבט דאָס געשטאַלט אויף זיין משל און זאָגט:

— דער מאַן איז געמאַכט געוואָרן פון דער ערד און די פרוי איז געמאַכט געוואָרן פון זיינעם אַ ביין, איז דער מאַן דערפאַר שווערער, האַמערדיקער און די פרוי איז העלער און שענער. ביים מאַכן די פרוי האָט יה געזאָגט: „אעשה לו עזר כנגדו" — איך האָב זי געמאַכט אַ הילף קעגן אים. פרעגט זיך: אויב „אַ הילף" — איז פאַרוואָס „קעגן"? איז דער תירוץ: זכה — עוזר; לא זכה — כנגדו. דאָס הייסט, אַז אויב איינער איז ווערט — איז זי אַ הילף צו אים און אויב איינער איז ניט ווערט — איז זי קעגן אים. ווי אַן אַנטפּלעקונג איז די פרוי פאַר דעם פאַר־ליבטן מאַן. און צווייענדיק איז די פרוי, ווי עס איז צווייענדיק יעדע אַנטפּלעקונג, יעדע דערשיינונג.

— אַזוי איז אויך מיט דיין ליכטיק־אויגיקער כלה... זע, חתן, דו זאָלסט זי ווערט זיין, וועסטו ניט ליידן פון דער צווייענדיקייט, וואָס איז אין איר, וואָרים אַן אַנטפּלעקונג, און אַ הילף, איז די פרוי צו די, וואָס זיינען דאָס ווערט.

— זע, חתן, דעם צייכן פון פרידן, דעם רעגן־בויגן — און דאָס פיר־פּנימדיקע געשטאַלט גיט אַ ווייז מיט די אַכט הענט אַראָפּ צו די איי־גענע לענדן, און אַ רעגן־בויגן שיינט־אויף אַרום דעם געשטאַלט. און דאָס געשטאַלט גיט אַ צי־אַראָפּ פון זיך דעם רעגן־בויגן פון די לענדן און

גיט אַ ווייז דעם רעגן־בויגן איבער דער בלויקייט פון דער נאַכט און זאָגט מיט אַלע זיינע פיר מיילער, מיט אַלע זיינע פיר קולות, וואָס פאַר־גאַנצן איינס דאָס אַנדערע:

— זע, ווי אַלע זיינע פאַרבן לעבן אין שלום צווישן זיך, כאָטש יעדע פאַרב איז זיך אַ גאַנץ אַנדער פאַרב. זיי זיינען נאָך אפילו אַ הילף אַ גרויסע איינע צו די אַנדערע. בענטש איך אייך ביידע, אַז אַזוי שיין און פאַרביק און גאַנץ, ווי דער שיינענדיקער רעגן־בויגן זאָל אייער זיווג זיין. און איך שיט פאַר אייך אויס אַביסל פון מיינע זאָמען, ווי עס שיט דער פויער זיינע קערנער אַף צו באַפרוכפּערן די ערד און זאָג:

„זכה שיעשה לו עזר".

— דו זאָלסט ווערט זיין, אַז זי זאָל זיין צו דיר אַ העלפערן. אויפ־גיין זאָל אַ דור פון אייך, וואָס זאָל לייכטן און שיינען, ווי די צייטיקע פעלדער פאַר דעם אויג פון דעם, וואָס האָט זיי פאַרזייט. — און דאָס געשטאַלט הויבט זיך אויף אַף דער ליכטיקער ראָד פון זיינע אויסגע־שפּרייטע אַכט הענט און עס לייכט־אויף און ווערט ניט.

און אָט קאַטשעט זיך פון הימל אַרויס אַ פייערדיקע ראָד און דאָס ראָד צענעמט זיין רינג און גלייכט זיך אויס און דאָס ראָד ווערט אַ מענטש און דער מענטש זאָגט:

— זיבן רינגען האָט די קייט, וואָס רינגלט אַרום דעם בונד פון התן און דער כלה. פיר רינגען, ווי פיר בליענדיקע קרענץ, זע איך שוין דאָ ליגן אין אַ האַלבן רינג אַרום אייך, וועט מיין ברכה, מיין רינג, דער פינפטער זיין.

און ער זאָגט:

— נאָך דער זינד פון עץ־הדעת, שטייט געשריבן — ויקרא האדם את שם אשתו — חוה, כי היא היתה אם כל חי, און אָדם האָט אַ נאָמען געגעבן זיין ווייב — חוה, וואָס דאָס מיינט — לעבן, ווייל זי דאַרף זיין די מוטער פון אַלץ, וואָס לעבט.

— פרעגט זיך — היתכן? לויט דער תורה האָט דאָך חוה גע־מאַכט אדמען צו עסן פון עץ־הדעת און דורך דעם געבראַכט טויט אַף דער וועלט, טאָ פאַרוואָס זאָל מען נאָך גראָד זי אָנרופן אם כל חי — די מוטער פון אַלץ וואָס לעבט? פאַרוואָס זאָל מען זי דערפאַר ניט אָנ־רופן די מוטער פון אַלץ, וואָס שטאַרבט? איז אָבער דער תירוץ אַף

דעם, אַז אדם האָט אין חוה דערזען דאָס אייביקע ליכט פון דער וועלט. און ליכט מיינט לעבן, פונקט ווי בלינדקייט מיינט — טויט. ווי די חכמים זאָגן „סומא חשוב כמת" — אַ בלינדער איז געגליכן צו אַ טויטן. און וועגן דעם ארי ווערט געזאָגט, אַז ווען ער איז געקומען קיין צפת, זיך דערוווּסטערט פון מענטשן, כמעט ווי אין זיין צייט רבי שמעון בן יוחאי, זיך באַזעצט אין אַ פאַרבאַרגענער הייל און פלעגט פון דאָרט בלויז אַרויסגיין זיך טובל זיין אין אַ דערבייאיקן וואַסער, האָט ער איינמאָל געטראָפן פאַר זיין הייל אַן אָרעמע פרוי און זי האָט פאַרשטעלט פאַר אים דעם אַריינגאַנג אין דער הייל און האָט געוויינט און געקלאָגט:

— רבי, איך גיי ניט אַוועק פון דאַנען, ביז דו וועסט מיר ניט זעענדיק מאַכן מיין בלינדן זון. האָט דער ארי געענטפערט: אונטער דער חופּה וועט ער זעענדיק ווערן. האָט זי אויסגעזוכט דעם זיווג פון איר זון און דער ארי איז אונטער דער חופּה צוגעקומען צום בלינדן חתן און געזאָגט:

— חתן! אויב מען איז ניט מקדש די כלה כדת — איז דאָס זנות. און עס איז אַ בפירושער דין „אסור לאדם לקדש את אשתו עד שיראנה". אַ מענטש טאָר ניט מקדש זיין, איידער ער זעט זיין כלה. אַ גרויס ליכט גייט אויף פון דעם פּנים פון אַ כלה און דער חתן מוז זיך פריער מיט אָט־דעם ליכט פון איר פּנים באַהעפטן.

— און אַז דער בלינדער חתן האָט דערהערט, אַז ער מוז זיך פריער מיט דעם ליכט פון זיין כלה באַהעפטן, האָט ער אויפגעציטערט פאַר שרעק און עס האָבן זיך ביי אים פון שרעק גלייך געעפנט די אויגן און ער איז געוואָרן זעענדיק.

— היינט, אַז בלינדקייט איז געגליכן צו טויט און אַז צוליב דעם ליכט פון אַ כלה קאָן ווערן זעענדיק אַ בלינדער, הייסט דאָך דאָס, אַז דאָס איז אַ ליכט, וואָס קאָן מאַכן אפילו לעבעדיק דעם טויט. האָט טאַקע דערפאַר אדם אַ נאָמען געגעבן זיין ווייב — חוה, וואָס דאָס מיינט, לעבן. גראָד נאָכדעם, וואָס זי האָט געבראַכט דעם טויט אף דער וועלט. ווייל ער האָט זיין ווייב אַזוי ליב געקראָגן, אַז ער האָט אין איר דערזען אַזאַ שיין, וואָס מאַכט אפילו זעענדיק די בלינדע פינצטערניש פון טויט.

— דאָס, חתן, ווערט געזאָגט וועגן אַ געווינטלאַכן זיווג. היינט מיט וויפיל מער דאַרף דאָס געזאָגט ווערן וועגן דיין ליכטיק־אויגיקער כלה,

וואָס גייט נאָך דיר נאָך אין אַ זייל לבנה־ליכט און שיינט איצט ווי אַ גרויסע אַנטפּלעקונג, שיינט ווי די אייביקע כלה פון דער וועלט? זאָל דעריבער געבענטשט זיין אייער טראָט און בענטשן זאָל מען זיך מיט אייך. — און דער מענטש ווערט צוריק אַ פייערדיקע ראָד און הויבט זיך אויף און ווערט ניט.

און אַט קומט אָן אַ בוים און פון דעם בוים קומט אַרויס אַ מענטש מיט קורצע, קלעצלדיקע פיס, מיט אַ ברייטן קערפּער און אַ זייער הויכן, דינעם האַלדז. איין האַנט איז ביי אים ווי אַ האַנט, ווי אַ סמיק, און ווי אַ שטייענדיקער גרויסער פידל איז זיין גאַנצער קערפּער מיטן קליינעם שאַרפן קאָפּ אויפן הויכן, דינעם האַלדז. און ער הויבט־אויף זיין משל און ער זאָגט:

— זע, איך בין אַליין די פידל און אַליין דער שפּילער און דער זינגער. און איך האָב זיך געזאָגט — איך מוז גיין שפּילן און זינגען פאַר אייך און איך בין אין מיין צייט געקומען. און אַצינדערט הערט:

— זיבן־קלאַנגיק איז דאָס קול פון חתן און כלה. יעדער קלאַנג אַ פאַרב פון רעגן־בויגן אַרום זיי. זיבן מאָל זיבן שטראַליקע רעגן־בויגנס אַרום זיי. פינף רעגן־בויגנס היינגען אַרום אייך, ווי פינף הילכיקע זיבן־פאַרביקע קלאַנגען. יעדע זיבן־פאַרביקייט זינגט אַ באַזונדער ניגון. דער ערשטער איז דאָס קול פון יובל, דער צווייטער איז דאָס קול פון פרייד. דער דריטער ניגון איז דאָס געזאַנג פון דעם חתן. דער פערטער ניגון איז דאָס ליכט פון דער כלה. דאָס פינפטע ליד — דאָס פיינסטע, דאָס ליד צום געדאַנק, וואָס איז אייביק. ליכטיק ווערט דעם אויג וואָס זעט דאָס, און וואויל אין דעם אויער וואָס פאַרנעמט דאָס. פרייען מוז מען זיך מיט אייך היינט און מען מוז אויך העלפן אייך פאַרגרעסערן די פרייד. ווי עס שטייט דערפאַר בפירוש געשריבן: ווער עס האָט הנאה פון דער סעודה פון חתן און כלה און ער העלפט ניט פאַרגרעסערן דעם חתנס פרייד, איז גלייך ווי ער וואָלט פאַרבראָכן קעגן די פינף קולות, די פינף גרויסע פריידן, וואָס אין זייער זכות שטייט די וועלט.

— בין איך דעריבער געקומען ברענגען מיין טייל פרייד, מיין ברכה און איך זאָג:

—בלויז פינף זיינען די זיבנפאַרביקע געזאַנגען פון דעם חתן מיט דער כלה, אָבער ברכות קומט זיי זיבן, לגבי די זיבן קולות פון בריאת־העולם.

— וואָרים מיר ווייסן דאָך, אַז דורך זיבן קולות האָט גאָט די וועלט באַשאַפן, ווי עס שטייט געשריבן:

גאָטס קול אַפן וואַסער,
גאָטס קול אין קראַפט,
גאָטס קול אין שיינקייט,
גאָטס קול ברעכט טענעבוימער,
גאָטס קול שלאָגט פלאַמען־פייער,
גאָטס קול טרייסלט־אויף דעם מדבר,
גאָטס קול טראָגט הילף דער געווינערן — דער אינד.

זיבן זיינען די קולות, וואָס האָבן באַשאַפן די וועלט. זיבן. און זיבן ברכות קומט אייך, ווייל איר גייט דאָך אַליין אַ נייע וועלט באַשאַפן. דו און דיין ליכטיק־אויגיקע כלה. איר גייט דאָך שאַפן אַ וועלט אַ נייע, קומט אייך אַ ברכה פאַר יעדן קול, וואָס האָט אין די טעג פון בראשית געהאָלפן באַשאַפן די וועלט. און דערפאַר איז דאָס היינט אַזוי זיבן־קלאַנגיק אייער קול און זיבן־פאַרביק דאָס ליכט, וואָס גייט־אויף פון אייער פרייד היינט, ווייל אין אייער יעדן קער און בליק הילכט אַ טייל פון די זיבן קולות פון דעם וועלט־באַשאַף. ווינטש איך אייך דערפאַר, אַז לאַנג און אייביק זאָלן זיך אַזוי די פריידן צירן איבער די קעפּ פון דעם חתן מיט דער כלה. און איך וואַרף פאַר אייך דאָ אַביסל פון מיינע אָנגעזאַמלטע געלייטערטע קלאַנגען — זיבן קלאַנגען, אַלס דרשה־געשאַנק פאַר דעם חתן מיט דער כלה. יעדער קלאַנג האָט אַן אנדער נאָמען, לויט די נעמען פון די סטרונעס טאַקע האָט יעדערער זיין נאָמען. יעדער קלאַנג טראָגט זיין אייגענעם נאָמען און אויך די נעמען און די סודות פון יעדן פון זיינע ברידער.

— און נאָך אַ קלאַנג האָב איך פאַר חתן און כלה. דאָס איז דער נאָך ניט באַוואוסטער אַכטער קלאַנג, וואָס דאַרף נאָך ערשט געהערט ווערן אין דער וועלט... איך וועל קומען, איך וועל אים אָפּגעבן דעם חתן פון דער ליכטיק־אויגיקער כלה. אָבער ערשט דעמאָלט, ווען זיי וועלן מיר העלפן ברייננען די וועלט צו מיין אַכטן קול. צו אייך, צו אייערע קינדער און צו אייערע קינדס־קינדער. צו די, וואָס וועלן ברייננען די וועלט צום אַכטן קול. צו דעם קול פון אַ דערלייזטער און אויפגעריכ־טער מענטשהייט.

און אַט שלאָגט פון ערגעץ דאָרט אַנטקעגן אין דער נאַכט אויף אַ פייערדיקער זייל. דער זייל דערנענטערט זיך, קומט און בלייבט שטיין באַר זיי מיט ליכט און מיט פרייד. און פון אונטער דעם פייערדיקן זייל שפּרינגען מיטאַמאָל אויף זיבן פייערדיקע חיות מיט מענטשלאַכע פּנימער, וואָס קוקן מיט אַנגעשטעלטע,גרויסע אויגן אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט. דער פייערדיקער זייל צעוואַקסט זיך איבער די זיבן חיות מיט די מענטשלאַכע פּנימער ווי אַ בוים פון פייער. און די גרויס־אויגיקע חיות מיט די מענטשלאַכע פּנימער שטייען אונטער דעם בוים ווי אויפגעשפּרונגענע חיות און ווי אויפגעקנאָכטע וואָרצלען, וואָס גיבן פייער און קראַפט צו דעם בוים פון פייער, וואָס איבער זיי. און פון דעם פייער אַרויס דערהערט זיך אַ קול. עס רעדט און עס זאָגט:

— זיבן קרוינען פאַר דעם חתן מיט דער כלה, ווי זיבן לבנות אין דער שיינער נאַכט. זעקס קרוינען זע איך שוין איבער אייך, וועל איך די זיבעטע ברכה — די זיבעטע קרוין אויפהויבן איבער אייערע קעפּ און זאָלן זיי פאַר אייך ווייטער שיינען, ווי די פרידליכע לבנות אין די נעכט — אייערע נעכט, און שיינענדיקע זונען אין די טעג — אייערע טעג.

— עס שטייט געשריבן: „לא טוב היות האדם לבדו”, עס איז ניט גוט פאַר דעם מענטשן צו זיין אַליין.

אש — פייער איז דער מענטש, ווי גאָט איז פייער. גאָט האָט אָבער ניט קיין צווייטן גאָט מיט וועמען זיך צו באַגעגענען.

יה — גאָט. יה, דער צור עולמים — דער באַשאַפער פון די וועלטן איז אין זיך אַליין זכר און נקבה. די ערשטע טייל פון זיין נאָמען, פון דעם נאָמען „יה” פון יה — גאָט — דער צרוף „י” איז טאַקע מענלאַך און די צווייטע העלפט פון זיין נאָמען די צירוף „ה” איז ווייבלאַך אין דער בחינה פון קודשא בריך הוא ושכינתא. דער „י” איז אַ צייכן, אַן אות, מיט וועלכן עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע אותיות פון דער תורה, דער „יוד” איז ממש דער וואָרצל פון יעדן אות פון דער תורה, ער איז דער צייכן וואָס גיט מענלאַכקייטן פאַר אַלע צייכנס און ער איז דערפאַר דער ג ע ב נ ד י ק ע ר, וואָס דאָס מיינט דער מענלאַכער צייכן פון גאָט. דער „ה” איז אַזוי געפּאַרעמט, אַז ער קאָן אין זיך אַריינגעמען און איז דערפאַר דער ווייבלאַכער צייכן פון גאָט. דער געבנדיקער טייל איז

שטענדיק דער פשוטער טייל פון גאָט און דער נעמענדיקער איז דער פיי־נערער.

איש — אַ מאַן און אשה — אַ פרוי. דאָס זיינען אש ואש לכתחילה געווען. צוויי באַזונדערע פייערן, וואָס וואָלטן חלילה געווען פאַרלענדט איינער דעם צווייטן, ווען זיי קומען זיך צוזאַמען. האָט זיך דערפאַר יעדערער פון זיי געהאַלטן אַליין. האָט יה — גאָט געטראַכט, „כי לא טוב", אַז עס איז ניט גוט פאַר דעם מין האנושי צו זיין אַליין. האָט ער מיט זיין קול געשפּאַלטן דאָס פלאַקערדיקע פייער פון מין האנושי אַף צווייען, ווי עס שטייט געשריבן:

קול ד' חוצב להבות אש.

און כדי די וועלט זאָל ניט אונטערגיין, האָט יה — גאָט גענומען און זיך אַליין אויך פאַנאַנדערגעשפּאַלטן אַף צווייען. ער האָט גענומען די ערשטע האַלב פון זיין איך, וואָס האָט געברענט אין דעם צירוף „י" וואָס איז מענלאַך, לויט זיין מהות און לויט זיין געשטאַלט און האָט אים אַריינגעשטעלט צווישן ערשטן אש. איז פון דעם „אש" — פייער געוואָרן: „איש" — אַ מאַן. נאָכדעם האָט יה — גאָט גענומען די צווייטע העלפט פון זיין איך, וואָס האָט געברענט אין זיין צירוף „ה", וואָס איז ווייבלאַך לויטן מהות, לויטן אויסזען און דאָס צוגעשטעלט צום צווייטן אש, איז פון דעם געוואָרן — אשה — אַ פרוי. און ביידע האָבן נאָכדעם אויפגעהערט צו זיין גלאַט פייער, נאָר גאָטס פייער זיינען זיי פאַר דער וועלט געוואָרן.

און דערפאַר שטייט טאַקע געשריבן:

„מצא אשה — מצא טוב."

דאָס הייסט: האָסטו פאַר זיך געפונען אַ פרוי — האָסטו געפונען גוטס. וואָרים די צווייטע האַלב פון גאָט געפינט דענסטמאָלט דער מאַן. און דערפאַר איז אַזוי גרויס דאָס ליכט, וואָס גייט־אויף פון דער כלה און פון דעם חתן, ווייל דאָס ליכט פון דעם באַשאַפער פון וועלטן איז איבער זיי. קוקט־אָן אונזער חתן־כלה. זיי זיינען ווי די צוויי עמודי־התווך. די צוויי הויפּט־זיילן פון גאָט. די צוויי הויפּט־קוואַלן פון גאָטס ליכט אַף דער וועלט. און אויב איר ווילט ניט דעם אַלטן באַגריף פון גאָט, מאַכט זיך אַ נייעם, ווייל אייביק איז דאָס ליכטיקע זוכן פון דעם מענטשן. אייביק איז דער זוכער דער חתן און די געזוכטע — די כלה.

אַט־אַזוי איז זיך בערמאַן געגאַנגען איינער־אַליין אין דער נאַכט צווישן בערג און צווישן אָפענע פעלדער און מיט אים און פאַר אים — אַ וועלט מיט זעאונגען, און גערטרוד איז געווען מיט אים און די בית־שמאי און די בית־הלל האָבן זיך ביז די שטערן אין מחנות געשפּרייט, און נחשון בן עמינדב איז אין ים געשפּרונגען און דער ים האָט זיך פאַר די אויגן געשפּאָלטן.

זייטיקע געדאַנקען און זעאונגען האָבן זיך אויך געריסן און גע־ראַנגלט אין האַרץ און אין געדאַנק, אָבער אַן איינעוויינִיקסטע ליכט אַזאַ איז אויפגעגאַנגען פון אים. אַ ליכט אַזאַ, וואָס שאַטנט־אויס אַלע אַנ־דערע געדאַנקען און זאַכן, וואָס קומען אים אין קאָפּ, און האַלט אַן אַט־די זעאונגען, וואָס בערמאַן האָט איצט אַזוי נויטיק געדאַרפט פאַר דער גאַנצקייט פון זיין געמיט.

פון די געדערים פון די פאַרגאַנגענע צייטן זיינען אַט־די זעאונ־גען צו הילף געקומען און אַראָפּגעזעצט און אויפגעלייזט אַט־די אָנגע־זאַמלטע ביטערקייט אין אים. זיי זיינען אַלץ געקומען איבער אַט־דער קליינער שאלה:

„כיצד מרקדין לפני הכלה?"

ווי אַזוי זאָל מען טאַנצן, ווי אַזוי זאָל מען זינגען פאַר אַ כלה?

— אין אַ וואַסער וועלט לעבסטו, בערמאַן?

— אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט לעבסטו, בערמאַן.

— ניין, איך לעב אין אַ מענטשלאַכער, אין אַן אמתער וועלט — באַשטימט פאַר זיך בערמאַן. נאָר ער כאַפּט זיך:

— אייגנטלאַך, האָב איך דאָך דאָ פאַרבלאַנדזשעט אביסל, אוועק אַף אַ געצנדינערישן וועג — איך האָב מיר גענומען דעם גאָט — יה, דעם צור־עולמים, און אים גאַנץ פּשוט צעשפּאָלטן אַף צווייען און ביז וואָס זוען איז דאָך די וועלט, הייסט עס, ערגעץ פאַר אַ ווייל געבליבן אָן אַ גאָט. לויט דעם אידישן באַגריף קאָן דאָס דאָך גאָרניט געמאָלט זיין. אָבער — טראַכט בערמאַן ווייטער — דער געדאַנק, אַז דערפאַר ציט דאָס אַזוי אַ געליבטן צו זיין געליבטער, ווייל ווען זיי באַגעגענען זיך, באַגעגנט זיך נאָך מיט גאָט, אַט־דער געדאַנק — באַשטימט פאַר זיך בערמאַן — איז אַ גרויסער מענטשלאַכער געדאַנק.

די זעאונגען שוועבן נאָך אַלץ פאַר די אויגן, באַרואיקן זיך, שטעלן

זיך איין. ווי אַ גרויס צעוואָרפענער, רייכער טעפּיך שטייט איצט די לעבעדיקע נאַכט מיט די לעבעדיקע זעאונגען פאַר די אויגן. מיט די אַלע זעאונגען איז בערמאַן צופרידן. עס איז אַלץ אַ צושטאַנד פון אַ גוט־באַהערשטן אָפּיום־צענטער און עס איז גוט. מיט איין זעאונג, איז בערמאַן אָבער שטאַרק ניט צופרידן, דאָס איז די זעאונג פון גאָט, וואָס האָט זיך פאַר אים אַף דער פרערי באַוויזן. כאָטש געקומען איז די זעאונג אַף זיין אייגענעם רוף.

זינט בערמאַן האָט אַף דעם הימל איבער דער פרערי פאַר זיך דערזען גאָט אין אַ געשטאַלט, כמעט ווי אַן אויסגעמאָלענעם, אין יענער שרעקלאַכער נאַכט, האָט בערמאַן גענומען גאַנץ אַנדערש טראַכטן וועגן דעם נאָמען גאָט. כאָטש יענע געשטאַלט איז געקומען ווי אַ טרייסט אין יענער נאַכט, האָט אָבער בערמאַן גענומען טראַכטן נאָכדעם, אַז אויב ער, וואָס האָט איבערגענומען פון זיין טאַטן און פון זיינע אינגלשע יאָרן און ביז זיינע צייטיקע טעג אַזוי קלאָר געוואוסט און אויך פאַר אַנדערע ניט איינמאָל מיט אייפער דערקלערט, אַז גאָט, דאָס איז אַ זאַך וואָס האָט ניט קיין שום פאָרמע, האָט פונדעסטוועגן אַליין, ווען ער איז שטאַרק צוגעדריקט געוואָרן, דערזען פאַר זיך גאָט אין געמיש פון משה מיט אהרנען אין די אַפּאָסטאָלישע בילדער וואָס ער האָט, אַלס אינגל, אַף די טירן פון די רוסישע קירכען געזען, איז אַ סימן אַז ערגעץ איז טיף אין אונז מיט דעם נאָמען, מיט דעם וואָרט „גאָט" פאָרט פאַרבונדן עפּעס אַ געשטאַלט אַזאַ. און ווי באַלד אַזוי פאַרפעלט דער נאָמען גאָט אינגאַנצן זיין צוועק. פאַרן היינטיקן מענטשן איז דער וואָרט „גאָט" געוואָרן אַ געץ, אַ שטרויכלענדיקער שטיין אין וועג. דער „ואין שום דמיון כלל" האָט דאָ גאָר ניט אויפגעטאָן — דער „אחדות הבורא" האָט קיין אחדות ניט געבראַכט, ווייל דאָס וואָרט „גאָט" ברייגנט מיט מיט זיך פאָרמע און ממילא פאַרשיידנפאָרמיקייט... איבער אָט־דעם אָפּגעמאָלענעם געצנדינערישן באַגריף, וואָס קריצט זיך אין אונז איין מיט דעם וואָרט „גאָט", מיטן וואָרט „הימל" קאָן זיך די מענטשהייט פון אירע צאָמען ניט באַפרייען. זאָל ער, בערמאַן, נאָר קומען קיין ניו יאָרק...

קאַפּיטל פֿיראונצװאַנציק

װען בערמאַן האָט זיך אײַנמיטן דערינען אױפֿגעהױבן און איז אַרױס פֿון שליאַפּניקאָװס הױז אײנײנעם מיט גערטרודן, האָבן אַלע זיך איבערגעקוקט און געשװיגן פֿאַר אַ װײַלע. זײ נאָכגעקוקט, װער מיט שטױנען, װער מיט פֿאַרהערלאַכונג. גאַבריעל האָט זײ אָבער אָפּגעמאָסטן פֿון אױבן ביז אַראָפּ מיט סאַרקאַזם, ס'האָט געהײסן:

— סאַ בחור גערטרוד האָט פֿאַר זיך אױסגעקליבן. אַט־די שלאַנקע, אַט־די אָפּגעהיטע גערטרוד און אַט־דער אײזל.

— װאָס איז, ברודער גאַבריעל — האָט זיך קאַלמאַנאָװיטש אָנגערופֿן מיט אַ שמײכל — עס בריט דיך אונטער?

— ער שפּילט טעאַטער, אַט־דער אײזל. ער איז גאָרניט קײן שלעכטער אַקטיאָר — האָט גאַבריעל זיך אָנגערופֿן מיט אַ בײזן געלעכטער. זינאַ, אַניוטקאַ און פֿערדינאַנד האָבן אױפֿגעשמײכלט פֿון דעם. זינאַ האָט געשמײכלט מער פֿון דעם, װאָס גאַבריעל איז געװאָרן צוריק באַרעדעװדיק און מונטער. אַניוטקאַ האָט געשמײכלט גלאַט אַזױ און פֿערדינאַנד — פֿון דעם, װאָס אַט־דער פֿרעמדער איז געקומען, האָט זיך מיט אַלעמען געקריגט און נאָך נאָכדעם פֿון זײ צוגענומען אַט־די הױכע, גרױס־אױגיקע גערטרוד. זי איז אױפֿגעשפּרונגען װי אַ גאָזעל און איז אים נאָכגעגאַנגען נאָך זײַנע טריט, װי מיניהאַהאַ נאָך היאַװאַטאַ. אַט־די גערטרוד, האָט פֿערדינאַנד װײַטער געטראַכט, האָט זיך דאָך טאַקע דאָ אינגאַנצן ניט געפּאַסט. זי איז געװען צו ליכטיק פֿאַר אַט־דער „באַלױפֿע". האָט זי דערפֿאַר אַט־דער מאָדנער פֿרעמדער צוגעכאַפּט און זײ אַלע געלאָזן דאָ הינטער זיך. און קײנער האָט זיך אַפֿילו ניט אױפֿגעהױבן זײ אָפּצושטעלן. פֿערדינאַנד האָט נאָך נאָכדעם אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער, אָבער ער האָט דאָרט בלױז געזען די בהמה אַפֿן הױף.

— װאָס פֿון דעם מענטשן איז געװאָרן? — האָט פֿרענקל אױסגעשריען אַ פֿאַרצװײפֿלטער, נאָך בערמאַנס אַרױסגײן — די מיסטעריע.

וואָס מיינט ער, וואָס וויל ער? די מיסטעריע איז, ווי אַן עפּידעמיע. מיסטעריע איז ווי דער צעמענט פאַר די ציגל פון אַ געביידע. מיסטע־ריע איז דער קאַפּיטאַן פון אונזער לעבן, דער קאַפּיטאַן פון אונזער שיף. צי ווייסט ער וואָס ער וויל? צי וויל ער איבערהויפּט עפּעס? די מיסטעריע באַזיגט ביי אים די וועלט.

— ער איז דער ריינער יוסף — האָט זיך שליאַפּניקאָוו רואיק און ערנסט, נאַכטראַכטנדיק, אָנגערופן — דורך אַזוינע, ווי ער, רייסט זיך דער מענטש, וואָס קומט באַזיגן די וועלט.

— און דו ביסט טאַקע זיכער, אַז דער מענטש וועט באַזיגן די וועלט — פרעגט קאַלמאַנאָוויטש מיט אַביסל אַפּשיי.

— ווער דען וועט באַזיגן די וועלט, אויב ניט דער מענטש? — פרעגט שליאַפּניקאָוו.

— דער טייוול וועט באַזינן די וועלט — ענטפערט גאַבריעל מיט לאַכנדיקן כעס.

שליאַפּניקאָוו דערשרעקט זיך פאַר אָט־דעם חוצפּהדיקן ענטפער. קוקט גאַבריעלן אָן.

— וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי? — פרעגט גאַבריעל.

— און דו וואָלסט וועלן לעבן אין אַ וועלט, וואָס איז באַזיגט פון טייוול? — פרעגט שליאַפּינקאָוו.

— זיכער — ענטפערט גאַבריעל. און גיט צו — דאָס וועט דאָך זיין די איינציקע, ניט פאַנטאַסטישע, די איינציקע רעאַלע וועלט. אַ וועלט אַ נאַקעטע, אַ ריינע, אַ וועלט אָן אויסגעטראַכטע וועלטן. אַ וועלט אָן סענטימענטאַלע מענטשן, אָן פאַנאַטיקער. אַ וועלט אין וועלכער אַ מענטש וועט קאָנען לעבן ווי אַ מענטש. און כדי וואָס גיכער צו קומען צו אָט־דער וועלט, דאַרף מען ביי דער ערשטער געלעגנהייט נעמען אַזוינע אייזלען, ווי דו און אָט־דער בערמאַן, און אייך צושטעלן צום ווענטל. נאָך קאַרג האָט זיך די וועלט אָנגעליטן פון אַזוינע אָפּגעריסענע נאַרן. ווי איר? ! צום ווענטל, צו אַלדע שוואַרצע יאָר. צום ווענטל!

שליאַפּניקאָוו איז געוואָרן אויסער זיך און אויסגעשריען:

— דו ביסט טויב. יענער האָט דאָך דיר נאָר וואָס אַזוי אמתדיק געזאָגט, אַז אויך דיין וועלט איז אַן אויסגעטראַכטע. — און שליאַפּניקאָוו

האָט זיך נאָך מער אויפגערעגט און צוגעגעבן: — צו דו ביסט טאַקע טויב, ווייס איך ניט — אָבער בלינד זיכער.

— אַ ליכטיקער מענטש איז דאָ געווען אין הויז. אַן ארויסגעשיילטער פון אַלע זיינע קליידער. אַ מענטש, אַזוי ריין און אַזוי ליכטיק, ווי דער אמתער יוסף און דו באַליידיקסט זיין אָרט דאָ אין הויז. — און שליאַפּ־ניקאָוו האָט זיך אויפגעהויבן און איז ארויס פון הויז.

אַניוטקאַ האָט אים געוואָלט אָפּשטעלן:

— וואָס, דו קאָנסט דען ניט גאַבריעלן?

— אָ, איך בין אַף אים ניט אין כעס — האָט שליאַפּניקאָוו געענט־פערט — איך וויל גלאַט אַביסל אינדרויסן.

— וואָס יוספּסטו דאָרטן — האָט גאַבריעל אים נאָכגעשריען, און זיך אויסדרייענדיק צו די איבעריקע געזאָגט:

— וואָס טוט זיך דאָ מיט דעם קערל. ער וויל דאָך דאָ, ווייזט אויס, שאַפן אַ נייעם היילינק. צו דאָס איז נאָך איינער פון זיינע אַלטע קריסטלאַכע היליקע — און דערזעענדיק פאַר זיך פרענקלס בייזלאַך־אַנגעשטעלטע אויגן, האָט ער מיט אַביסל אַן אראַפּגעלאָזט קול צוגעלייגט:

— אָך, נו יאָ, נו יאָ. דאָס איז דאָך נאָך געווים אַלץ אייער פאַרדאַמטע ביבלישע ברודערשאַפט. העד פרענקל, ניט וואָר?

דער צעבראָכענער גאַבריעל האָט זיך באמת היינט גענומען פילן געשטאַרקטער. אַט ווי פראַזנאַרטיק ער איז געווען, האָט ער אָבער פאָרט געפילט אַ זיכערן אָנלען אין דעם וואָרט „רעוואָלוציע". דאָס שטיקל פאַלשע נייעס וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין וועלכן ער האָט אייגנטלאַך, לכתחילה ניט געגלויבט, האָט אים פאָרט אַזוי ווי געבראַכט פריש בלוט אין די אָדערן. אָט, עס בונטעוועט זיך ערגעץ. בונט איז גוט. דער אָנזאָג פון בונט, וואו דאָס זאָל ניט זיין, פלעגט אים צו־ברייגגען גוטן אָטעם אין זיינע נאָזלעכער. דערצו האָט דאָס נאָך געטראָפן פונקט אין דעם טאָג, וואָס ער איז ארויסגעגאַנגען פון האָספּיטאַל. און דער טאָג אינדרויסן איז געווען אַ שיינער, און פאַרענדיקט האָט דאָס זיך אַלץ מיט זיין צוזאַמענטרעפן זיך מיט דער „קליינער" גערטרוד, ווי ער פלעגט זי ליב האָבן אָנרופן. כאָטש, אָדער גראָד דערפאַר, וואָס זי פלעגט אַזוי שלאַנק און וויגנדיק זיך הויבן איבער אים. — נו, יאָ — פלעגט ער דערביי טראַכטן — זי איז אַן אייזל, אָבער — יאָ, יאָ.

שליאַפּניקאָװ איז זיך אַרום אינדרױסן, זיך אומגעקוקט און קײנעם ניט געזען, אױסער די שטילע קו, װאָס איז געשטאַנען בײַם פּאַרקאַן און געקוקט פֿאַר זיך, װי ערנסט טראַכטנדיק, געקײַט איר איבערקײַעכץ, געקײַט װי זי װאָלט זיך דורכדעם געהאָלפֿן אין אירע טראַכטונגען. אַט װי דער ריטם פֿון איר טראַכטן, װאָלט זיך כּסדר אָנגעלענט אױף דעם ריטם פֿון איר קײַען, װי עס לענט זיך אַ זינגער אָן אױף דער מוזיק פֿון דעם, װאָס באַגלײַט זײַן געזאַנג.

די גאַנצע נאַכט איצט איז אפשר װי אַ דורכזיכטיקע בלױע קו אַ גרױסע, װאָס טראָגט אין אירע געדערים אי מיך, אי אָט־די קו. אָבער הנאה האָט די נאַכט געװיס בלױז פֿון דער קו. אַ גאַנצע, אַן אמתע באַשעפֿעניש איז די קו. זי איז אַלײן אַן אמתער, גאַנצער לעבן. די בהמה קוקט אַזױ מיט אירע גוטע, געטרײַע, מאַמעשע אױגן. די מאַמע־נאַכט קוקט אַזױ אױף מיר, איר פֿאַרװאָגלטן זון, איר קראַנקן זון. זי קוקט מיט אױסגעטריקנטע אױגן. מיט אױגן, װאָס קאָנען שױן מער ניט װײנען.

און שליאַפּניקאָװן האָט זיך פֿאַרװאָלט נעמען האַלדזן אָט־די קו. פֿילן אָט־דאָס גאַנצע, שטראָמיקע, אמתע לעבן אונטער זײַן אָרים. ניט געװאָלט האָט זיך, אַז אָט־דער „װיראַדאָק" — דער גאַבריעל, זאָל לאַכן פֿון אים. נאָר, אָט זאָל ער לאַכן. עס איז גוט צו האַלטן דעם אָרעם אַרום האַלדז פֿון דער קו, װי אַרום אַ שװעסטער. דער האַלדז איז אַזױ װײך און װאַרים. אַ געזאַנג אַזאַ גײט־אױף פֿון זײַן האַנט אַרום דער בהמהס האַלדז. יוסף האָט געהאַט שלעכטע ברידער, האָבן זײ געבראַכט זײַן צעריסן העמדל צו זײַן פֿאָטער. — זעסט. ניטאָ מער קײן יוסף, אָבער יוסף איז געװען. און אַז פּוטיפֿרע האָט פֿון אים אָראָפּגעריסן זײַן קלײד און נאָכדעם געזאָגט צו איר מאַן: זעסט. דאָ האָסטו דיר אַן אמתן באַװײַז, אַז ניט אמת איז יוסף, איז דען ניט אמת געװען יוסף?

„עך, אָט־דער בערמאַן. װי אַ יונגער יוסף איז ער דאָ געװען, און דער גאַבריעל לאַכט פֿון אים, װי עס האָבן יוספֿס ברידער געלאַכט פֿון יוספֿן. פֿון דעם רײנעם יוסף האָבן זײ געלאַכט.

„האָב איך דען אין מײַן צײַט, ניט געחלומט פֿון דערלײזונג, פֿון באַפֿרײַאונג, שױן אפֿילו דאָ אין אַמעריקע, האָט דען פֿרענקל ניט גע־חלומט און אָט־דער בערמאַן, נעמט פֿאַר אונז אין די אױגן איבער אונזער

אייגן חלומען און טראָגט דאָס ווייטער. און מיר דאַרפן אים מיטהעלפן. עס איז ווי אין דער פיוג־פאָרמע אין דער מוזיק. ער נעמט איבער אונזער געזאַנג און מיר דאַרפן מיט־זינגען, ניט זיך שטעלן קעגן אים מיט דער שטענדיקער נאַקעטער חוצפה פון אַ גאַבריעל. גאַבריעל איז אפשר „אַ קאַלאַקאַטקע" פון רעוואָלוציע. בערמאַן אָבער איז ווי אַ יוסף, איז ווי דאָס האַרץ פון רעוואָלוציע. אַזוי לאַנג ווי די מענטשהייט גיט נאָך יוספס אַרויס, לעבט נאָך די מענטשהייט, בליט נאָך די מענטשהייט. מיט די גאַבריעלס וואָלט דאָך איינגעדאַרט געוואָרן דער בוים און דער וואָרצל.

„אַזוי ריין איז יוספס חלום געווען. די ערשטע, גרויסע, ריינע חלומות פאַר דער וועלט געשטעלט און האָט אַזוי שיין אַ חלום פאַרשטאַנען. אַ ביישפּיל פאַר דורות איז אָט־דער אמתער יוסף אויפגעשטעלט געוואָרן. און גרויס איז ער געוואַקסן און וואַקסט. אָט־די גאַנצע, בלויע נאַכט איז זיין קלייד. און מיר שטייען מיט דיר דאָ ביי דער זייט פון זיין קלייד. איך ווייז — דאָס איז גאָרניט. אָבער — דאָס קיעלע, מיין מאַמעלע וויינט ניט. קייט און קוקט און טראַכט. יעדער קיי — אַ ריטם, אַן אַקצענט פון דער נאַכט. אַ קיי — .אַ מחשבה אַ נייע. אַן ענדערונג. אַ ליכט אַ נייע, אַ שאָטן אַ נייער. שאָטנס און בערגעלאַך, וועלדער און הייזלאַך, ווי שיינע מחשבות, ווי נאָטן, פאַנאַנדערגעצייכנט פאַר די אויגן, אויפגעשטראַלטע, מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס איז דער נאַכט. און יוסף שוועבט איבער דעם — דער אייביקער יוסף שוועבט און פאַרגאַנצט דאָס ליד פון דער נאַכט.

„אָט ווען מען וואָלט דאָס אַלץ געקאָנט אַ כאַפּ־טאָן מיט דער זשמעניע, ווי אַ ליילאַך, דאָס אַריבערשליידערן אַף ווייט הינטער זיך. אָט דאָרטן. אַף יענער זייט אַפּן עק פון דעם ליילאַך — אַ לאַנד אַזאַ. נעבט צווינע מיט אַן אומעט אַ שווערן, אַן אייגענעם אומעט אַזאַ".

פרענקל האָט געליטן פון דעם, וואָס אָט האָט מען אָפּגעדעבאַטירט אַ נאַכט. ערלאַכע מענטשן האָבן דעבאַטירט, דעבאַטירט און וואָס איז כון דעם געוואָרן. אַך, יאָ, יאָ, דעבאַטן ווייטיקן. אפשר קומען מיר זיך אַלע צונויף ערגעץ אינעווייניק און ראַנגלען זיך פאַרט. אפשר ראַנגלען כיר זיך בלויז פון דרויסן און דערפון טאַקע אפשר אָט־די ביטערקייט אין אונז?... פרענקל איז נאָכדעם אַרויס פון הויז, זיך אומגעקוקט.

דערזען שליאַפּניקאָוון מיט זיין האַנט אַרום דער בהמה. דערזען, אַז קיינער אויסער אים מיט דער בהמה, זיינען דאָ אין הויף אינערגעץ ניטאָ, האָט ער זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, איז אַרויס אַפן וועג, און זיך פאַרטראַכטערהייט און אומקוקנדיק זיך אַף אַלע זייטן, געלאָזט גיין אין דער ליכטיקער נאַכט. זיך דערשראָקן פאַר אַן אויפשפּרינגענדיקן האָז דאָ און דאָרטן. זיך אָפּגעשטעלט און ווייטער געגאַנגען, ביז ער האָט אַזוי אַנגעטראָפן גערטרודן, איינע אַליין אַפן וועג.

אַניוטקאַ איז נאָכדעם אַרויס פון הויז, זיך אומגעקוקט און דערזען שליאַפּינקאָוון מיט דער האַנט אַף דער קו, האָט זי אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע, געקוקט אַף אים און נאָכדעם שטיל צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט, מיט אַ גוטן קלאַנג אין קול:

— ס׳אַראַ שיינע נאַכט, פעדיאַ, ס׳אַראַ גוטע נאַכט. — געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אויך אַרויפצולייגן איר האַנט אַף דער קו, נאָר שליאַפּניקאָווס שווערער קאָפּ איז שוין אינגאַנצן געווען אַנגעלענט אַף דער בהמס האַלדז. אָט, ווי ער וואָלט אויך מיט זיין שטערן געוואָלט פילן דאָס פולסירנדיקע לעבן פון אַ גאַנצער, פון אַן אמתער באַשעפעניש, וואָס לעבט ריין און אמתדיק, ווי די נאַכט, ווי דער וואָרצל פון בוים. האָט דערפאַר אַניוטקאַ, נאָך אַ קורצער ווײַלע פון טראַכטן, באַשלאָסן שוין בעסער אַראָפּצולאָזן איר האַנט אַף די האָר פון שליאַפּניקאָווס אַנגעבויגענעם קאָפּ און, זי האָט דערבײַ, געזאָגט מיט ליבער איבערגעגעבנקייט:

— זע נאָר, פעדיאַ, די האָר זיינען ביי דיר נאַס פון טוי.

קאַלאָמנאָוויטש איז נאָכדעם אַרויס. זיי דערזען אַזוי ביידן לעבן דער בהמה, איז ער געבליבן שטיין לעבן דער שוועל פון דער טיר. געקוקט אַף זיי, געקוקט אַף דער לבנה אַריבער די בערג, אַריבער די ביימער. זיך דערמאָנט אַן זיין „קלוגער״ מומע:

— און, אַז דו ביסט בערעלע יאָ אַזאַ בעריע, טאָ נאַ גיי און נעם די לבנה דאָרטן און ברייננ זי מיר אַף דער טעלער אַהער.

שרעק

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

אַף מאָרגן איז בעסי פינק, אַן אַנטוישטע, אַ נערוועזע, אַ דערשלאָ־גענע, געקומען צו די פיינמאַנס אין הויז מיט גאַליקע טענות, פאַרוואָס פיינמאַן האָט זי אַזוי מאוס, אַזוי ביטער אָפּגענאַרט. פאַרוואָס ער האָט איר נעכטן געזאָגט, אַז אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע, נאָך איידער ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אַ רעוואָלוציע.

די פיינמאַנס זיינען גראָד דעמאָלט געווען שטאַרק צעטראָגן פון דעם, וואָס גערטרוד איז די גאַנצע נאַכט ניט געקומען אַהיים און פון דעם, וואָס זי איז נאָך ביז איצט ניטאָ. פאַניע וואָס האָט זיך, קענן אַלע חשבונות, קיינמאָל ניט געקאָנט בארואיקן, ווען איינע פון אירע טעכטער פלעגט ניט קומען אַהיים אין צייט, איז איבער דעם די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן און איז איצט געווען שטאַרק נערוועז, און אַ נערוועזע זיך גלייך געשטעלט אַף בעסים זייט און גענומען טענהן צו פיינמאַנען:

— ווי אַזוי טאַקע זאָגט מען אַזאַ זאַך, איידער מען ווייסט אַף זיכער? ! קאָנסט דאָך אַזוי אַראָפּפירן מענטשן פון גלייכן וועג. קאָנסט דאָך אַמאָל אַזוי ברייגנען מענטשן ווער ווייסט צו וואָס.

פיינמאַן האָט געמוזט אַראָפּגייז אין קעלער און אויפזוכן די נעכ־טיקע צייטונג, כדי זיי ביידן איבערציינגן, אַז ער האָט טאַקע אַזוי גע־לייענט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באַווייז — האָט די מאַדאַם פיינמאַן אַלץ געטענהט — אַמאָלע וואָס אַן אַמעריקאַנער צייטונג שרייבט. זיי ווייסן, אַז עס זיינען דאָ אַסאַך רוסישע, וואָס וועלן לויפן כאַפּן די צייטונג — שרייבן זיי.

— אַד סאַ'ן אומגליק! — האָט בעסי אַלץ געשריען און אין אַ ווייל־ע אַרום צוגעגעבן:

— אָבער, ווען עס וואָלט טאַקע געווען אַ רעוואָלוציע? ! פאַניאַ.

— וואָלט זי שוין נאָר געקומען, בעסי. וואָלט די רעוואָלוציע נאָר געקומען!

בעסי האָט אַ פּאַרצווייפלטע נאָכגעטראַכט און ווייטער געפרעגט:

— וואָס פאַרט וואָלסטו געטאָן, ווען עס קומט אָן די רעוואָלוציע, כּאַניא?

— איך וואָלט אַוועקגעגאַנגען טאַנצן אינמיטן דער גאַס, בעסי. איך וואָלט מיט דיר גענומען טאַנצן אינמיטן דער גאַס.

— אָך, ווען עס וואָלט טאַקע געקומען, ווען די רעוואָלוציע וואָלט טאַקע געקומען. איך ווייס, אַז פיינמאַן וואָלט זיך אפילו צעשיידט מיט זיין שטעקן צוליב דער רעוואָלוציע.

— פאַרוואָס — האָט זיך אָנגערופן פיינמאַן — איך וואָלט מיט אים אַוועקגעגאַנגען טאַנצן. מיט מיין שטעקן וואָלט איך געגאַנגען טאַנצן צוליב דער רעוואָלוציע, ווען עס קומט די רעוואָלוציע.

— אָך, ווען דאָס וואָלט געווען — האָט בעסי אויסגעשריען מיט אַ פלוצלונגדיקן, שאַרפן ווייטיק פאַר איר מורא פאַר די שרעקלאַכע נעכט... פאַר איר זיין אַליין אין די נעכט און אין שרעק — אָבער, עס איז דאָך ניט. עס איז דאָך ניט, און איך, די אידיאָטקע, בין געגאַנגען און נאָך אָפּגערופן פרענקלען אָפן לאַנגן דיסטאַנץ טעלעפאָן צו די שליאָפּניקאָווס. איך האָב דאָס געדאַרפט זיין די וואָס זאָל אָפּנאַרן דעם אומגליקלאַכן פרענקל. טאָמער איז ער נאָך קאַרג אָפּגענאַרט. און נאָר ער — כאַפּט זיך בעסי פלוצלונג — אַלע, אַלע זיינען דאַרט אָפּגענאַרטע. אַלע, אַלע.

— אַניוטקאַ איז ניט קיין אָפּגענאַרטע — האָט זיך פיינמאַן אָפּגערופן אינמיטן דערינען.

בעסי האָט זיך דערפילט שרעקלאַך געטראָפן, פון דעם וואָס פיינמאַן גלויבט, אַז אַניוטקאַ איז ניט קיין אָפּגענאַרטע, און זיך אַזוי, ווי אונטערהויבנדיק פון איר אָרט, גענומען כמעט שרייען:

— איך ווייס. זי איז אַזוי ווי דו. אַן איינגעגלויבטע, כלומרשט אַ צופרידענע, אָבער זי איז אַן אָפּגענאַרטע, אַן אָפּגענאַרטע און דו און איר אַלע זענט אָפּגענאַרטע. אַלע, אַלע, אַלע — האָט זי פאַרענדיקט אַף אַ הויכן, קוויטשעדיקן קול און זי האָט זיך מיט אַמאָל איבער עפּעס ווילד דערשראָקן און איז, איבער אָט־דער שרעק, גלייך אריינגעפאַלן אין איינעם פון אירע היסטערישע ספּאַזמען.

פיינמאַן, אַ פּאַרלאָרענער, אַ פאַרשולדיקטער, איז פאַר אַ ווײַלע געבליבן זיצן אין זיין שטול, ווי איינער וואָס איז פּלוצלונג אויסגעפּאַטשט געוואָרן אָן אַ פאַרוואָס. פאַניא, וואָס איז געווען נערוועז פון דער שלאָפלאָזער נאַכט און פון דעם, וואָס זי ווייסט נאָך טאָקע אַלץ ניט וואו גערטרוד איז, איז דאָ געוואָרן אויסער זיך פון אויפרעגונג. בעסים היסטערישער אויסגעשריי: „אַלע, אַלע זענט איר אָפּגענאַרטע" האָט דאָ גענומען טרייבן פאַניאס נערוון ביז פאַרצווייפלונג:

— צוליב וואָס האָסטו דאָס איר געדאַרפט זאָגן? — האָט זי גענומען שרייען צום אַזוי אויך צעטומלטן פיינמאַן, גלייך ווי ער וואָלט דאָ באמת באַגאַנגען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פאַרברעכן — דו ביסט שוין גאָר אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען? וואָס זיצסטו דאָרט, ווי אַ ליימענער גולם. זעסט דאָך, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן. הויב זיך אויף און ברענג אָהער אַ גלאָז וואַסער.

פיינמאַן האָט זיך אַ קער געטאָן צו דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער, און ווען ער האָט שוין דערלאַנגט דאָס וואַסער, האָט דאָס גלאָז זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט און זיך צעבראָכן.

— טאָקע ליימענע הענט — האָט פיינמאַן אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך, קוקנדיק אַף די צעבראָכענע שטיקלאַך גלאָז — און איך בין דאָך ניט קיין אָפּגענאַרטער...

ווען ער איז שוין צוגעקומען מיט אַ נייער גלאָז וואַסער צו בעסין, האָט בעסי אינמיטן פון אירע ספּאַזמען, צו אים ווידער אויסגעשריגן:

— איר זענט אַלע אָפּגענאַרטע, אַלע, אַלע.

איז פיינמאַן פאַר איר ווידער געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און אַ טראַכט געטאָן: „אַלע, אַלע?" זאָגט זי אַן אמת? אפשר בין איך אויך אַן אָפּגענאַרטער?... איך וועל דאָך שטאַרבן, אַ? בין איך אַן אָפּגענאַרטער?... יאָ, אַז אַ מענטש שטאַרבט איז ער אַן אָפּגענאַרטער. גערטרוד אָבער וועט דאָך קומען, כאַפּט ער זיך מיט זיכערקייט און מיט שרעק. און אַזוי ווי כדי צו פאַרגרעסערן די נערוועזע אָנגעשטריינגקייט, האָט זיך דאָ מיטאַמאָל אַן עפן געטאָן די טיר, במעט איינײַנעם מיטן קלונג פון טיר־גלעקל, און פרענקל און גערטרוד זיינען אַרייַנגעקומען. ביידע בלאַס; ביידע פאַרמאַטערט.

— וואו ביסטו געווען? פאַרוואָס האָסטו ניט געזאָגט קיין וואָרט?
— איז די מאַדאַם פיינמאַן צו איר גלייך צוגעשטאַנען.
—גאָרניט. זי איז געווען ביי שליאַפּניקאָוון אַפן פאַרם — האָט דער בלאָסער פרענקל זיך אָנגערופן, באַרואיקנדיק.
— וואָס עפּעס אינמיטן דערינען צו שליאַפּניקאָוון?
— בערמאַן איז דאָרט געווען — האָט פרענקל געענפערט.
— האָסטו דאָך געקאָנט איבערלאָזן אַ צעטל, אַז דו פאָרסט צו שליאַפּניקאָוון — האָט פאַניא זיך געווענדעט צו גערטרודן.
— איך האָב דיר יאָ געלאָזט אַ צעטל — האָט גערטרוד געענטפערט און איז אַוועק צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.
— און וואו איז בערמאַן? — האָט פיינמאַן געפרעגט אַ צעטראָגענער.
— אָה — האָט פרענקל אָפּגעזיפצט — ער איז געווען און איז אַוועק. עפּעס איז ער געוואָרן, ווי... ווי איינער, וואָס איז דאָ און ניט דאָ.
— וואו איז ער געווען די גאַנצע צייט?
— ווער ווייסט...
— איז עפּעס געשען מיט גערטרודן?
— ניין — ענטפערט פרענקל — נאָר, נאָכדעם ווי ער איז אַוועק, האָבן מיר געמיינט, אַז זי איז אויך מיט אים אַוועק. אָבער זי האָט, ווייזט אויס אים אַרויסבאַגלייט ווייט אין פעלד אַרויס און זיך נאָכדעם פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט אומקערן צוריק צו שליאַפּניקאָוון. האָב איך זי געמוזט נעמען צום באַן און וואַרטן ביז דעם מאָרגן־צוג און זי ברענגען אַהיים.
— איך פאַרשטיי ניט, וואָס פאַרט מיינסטו — האָט זיך פאַניא אָנגערופן מיט טענות צו פרענקלען — וואָס איז ער געווען און וואָס איז ער אַוועק? און וואָס גראָד צו די שליאַפּניקאָווס? ער האָט זיי, דאַכט זיך, אפילו קיינמאָל ניט געקאָנט.
— יאָ — האָט פרענקל אַלץ ווי געזיפצט — ער האָט אים טאָקע קיינמאָל ניט געקאָנט, נאָר אָט־אַזוי איז ער געקומען, זיך געזעצט מיט אונז דאָרט ביים טיש, גערעדט מיט אונז און זיך נאָכדעם אויפגעהויבן און אַרויס איינינעם מיט גערטרודן און איז מער צוריק ניט געקומען.
— איך קאָן דאָס ניט אַריבערטראָגן! איך קאָן דאָס ניט אַריבער־

טראַגן ! ! ! — האָט פּלוצלונג אויסגעשריען בעסי, — איר זענט אַלע אַראָפּ פון זינען, איר זענט משוגע געוואָרן. רעוואָלוציאָנערן ! איר זענט דאָס קיינמאָל ניט געווען. איר זענט קליינבירגער. איר מאַכט אַ וועזן פון אַן אָפּגעריסענעם נאַר, פון אַ משוגענעם אפשר.

אַלע זיינען געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך און מיט איר, פאַר אַ ווײַלע.

פרענקל האָט זיך דער ערשטער געווענדט צו איר:

— בעסי. וואָס איז מיט דיר בעסי ? !

— מיט מיר איז גאָרניט. נאָר מיט דיר וואָס איז ? וואָס איז פון דיר געוואָרן ? ? גאָט מיינער, אָט צוליב דעם האָסטו דאָס אַלע דיינע יאָרן געקעמפט און געליטן ? דו, לאַזאַר סאַמואילאָוויטש פרענקל ?

פרענקל האָט זי אָנגעקוקט. פאַרשטאַנען איר לאַגע און מיט מיט־געפיל און שרעק זיך אָנגערופן:

— וואָס, ווילסט אונז שטראָפן ? — און האָט זי ווידער אָנגעקוקט און גענומען בויגן זיין קאָפּ פאַר איר:

— נאַ. שטראָף.

פרענקל האָט דאָס געטאָן, כדי זי איינצונעמען ווי אַ קינד, אָבער אויך, כדי נאָך אביסל טיפער ברעכן זיין געמיט און דורך דעם, אפשר. אויך אביסל באַפרייען זיך פון זיך.

בעסי וואָס האָט, דאַכט זיך, אין די לעצטע טעג געקראָגן אַ טיפן מיטגעפיל פאַר פרענקלען, פאַר פרענקלס נידערלאַגעס, אין וועלכע זי האָט זיך געפילט שולדיק און טאָקע, אפשר, דערפאַר וואָס זי האָט זיך געפילט שולדיק, האָט זי אים זיכער ניט געוואָלט ווי טאָן. אָבער דאָך האָט זיך איר קול געשטאַרקט מיט בייזקייט און זי האָט אויסגעשריען:

— שטראָפן ? מען וואָלט אייך אַלעמען מיט אייזערנע ריטער גע־דאַרפט טרייבן „דורך די רייען" פון דער רעוואָלוציע, פאַר דעם רעוואָ־לוציאָנערן געדאַנק וואָס איר האָט פאַרראַטן. איר זענט פאַררעטער, פאַררעטער און דערצו בויגסטו נאָך דיין קאָפּ ווי אַן אַקטיאָר. איר זענט אַלע פאַלש. איר שפּילט טעאַטער. איר האָט אייער גאַנץ לעבן בלויז גע־שפּילט. איצט האָט מען פון אייך אַרונטערגעריסן די מאַסקן.

— בעסי, בעסי — האָט זיך פרענקל נאָך אַלץ מיט אַן איינגעבויגע־נעם קאָפּ, גענומען בעטן ביי איר — בעסי ! זאָל די רעוואָלוציע קומען.

זאָל זי שטראָפן, זאָל זי היילן. זאָל זי אויסברענען דאָס שלעכטע, וואָס אין אונז. זאָל זי אונז אינגאַנצן פאַרברענען. נאָר, זאָל זי קומען!

— דו רעדסט אפילו ווי אין אַ טעאַטער שטיק — האָט בעסי אויסגעשריען און איז אויפגעשפרונגען, ווי אַן אויפגעוואָרפענע שלאַנג. אָבער די רעוואָלוציע וועט קומען. ז י   ו ו ע ט   ק ו מ ע ן... וועט קומען...

— האָט זי דראָענדיק געהאַמערט איבער זיין קאָפּ, ווילד און מיט אויפגעפלאַמטן אָטעם.

ווי אַ בייזער, אַ שטראָפנדיקער אָראַקול האָט זי געברענט און געוואָרנט:

— די רעוואָלוציע וועט קומען! וואַרט — זי וועט קומען.

פרענקל האָט מיטאַמאָל פון דעם דערפילט, ווי אַ ציטער איבער זיין לייב, האָט זיך אויסגעגלייכט פאַר איר, זי אָנגעקוקט אַ פאַרוואונדערטער. עפּעס האָט אויפגעציטערט אין אים. עפּעס האָט מיט שרעק אויפגעלויכטן פאַר די אויגן. עפּעס האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַ זאַך אַזאַ זיכערע, אַן אמתע.

מיד און אויסגעמאַטערט איז ער געווען, האָט ער אַ גלויבנדיקער זיך צוגעבויגן צו איר און זי אַ קוש געטאָן אין שטערן. זי האָט אָבער גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אָן זיין ברוסט, פאַרצווייפלט און ווילד שרייענדיק:

— טעאַטער! דאָס איז ביי דיר אַלץ טעאַטער. וואַרט! די רעוואָלוציע וועט קומען! וואַרט...

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

דעם אָוונט, ווען בעסי איז געקומען צו זיך אַהיים, האָט זי גענומען פילן, אַז עפּעס אַ גאַנץ אַנדער זאַך האָט זי מיט זיך היינט מיטגעבראַכט. זי האָט זיך פון־מאָל־צו־מאָל אומגעקוקט אַף די ווענט פון צימער, ווי זי וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, אַז זי האָט טאַקע עפּעס אַ גאַנץ נייע זאַך מיט זיך מיטגעבראַכט. זי האָט נאָכדעם לאַנג געטראַכט, ניט ווייסנדיק אַף קלאָר וואָס, נאָר פּאַרט פילנדיק, אַז עפּעס האָט זי מיט זיך היינט אַ זיכערע זאַך אַזאַ געבראַכט.

זי האָט מורא צו זיין אַליין צווישן אַט־די ווענט פון צימער. אָבער אַ געפיל, אַז היינט איז פּאַרט עפּעס אַנדערש, כאָטש זי האָט מורא, אָבער ס'איז פּאַרט עפּעס אַנדערש. עס איז עפּעס אַזאַ מאָדנע, אַזאַ אַנדערשדיקע אויפרעגונג היינט. זי האָט אויסגעדרייט דאָס ליכט און נאָכדעם לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפן, ווי אין די אַלע לעצטע, שווערע טעג.

געדאַנקען אַזוינע מאָדנע האָבן זיך גענומען מישן אין איר: —

איר ערשטער אָנקומען קיין אַמעריקע, איר אַריינטרעטן אין די „אָפּגע־ריסענע בלעטער”, איר באַקאַנטשאַפט מיט שליאַפּניקאָוו, נאָך איידער אַניוטקא האָט אים געקענט אפילו. און אַט האָבן זיך גאָר גענומען פּאַנאַנ־דערוויקלען עפּיזאָדן פון אירע קינדער־יאָרן: ווי עס וועקט זי די מאַמע אויף פון שלאָף מיט אַ קוש אַף די ליפּן; ווי עס שטייט די מאַמע מיט איר אין טייך און זעט, ווי עס שפּראַצט איר טאָכטער פון טייך אַרויס. און אַט קוקט די מאַמע, ווי עס לערנט זיך איר טאָכטער שווימען, ווי איר טאָכטער שווימט און שווימט. דער היימישער טייך און דאָס וואַסער, דאָס היימישע זון־ליכט אַפן וואַסער, און אַט הויבט זיך בעסי אויף, וואַקסט אינגאַנצן אַרויס פון וואַסער און נעמט גיין איבער דער לופט העכער און העכער, קלעטערט איבער דעם ליכט פון דער היימישער זון, ווי איבער אַ לייטער, און רייסט זיך פלוצלונג אָפּ און נעמט פאַלן מיט אַ פלוצלונג־דיקער שנעלקייט. דאָס האַרץ גיט זיך אַ פאַרצווייפלטן ריס און זי

צעעפנט מיט ווילדן שרעק אירע אויגן און דערפילט, ווי זי וואלט נאר־וואס פון ערגעץ הארט אראפגעווארפן געווארן אף איר בעט.

די פינצטערניש אין צימער איז שרעקלאך.

זי וועט דאס ניט איבערטראגן.

זי וועט דאס ניט אריבערטראגן.

זיי זיינען אלע קלענבירגער, ציטערן איבער זייערע טעכטער, איבער זייערע ווייבער. זיי פארסמען די לופט. זיי וועלן זי נאך אויך אומגליק־לאך מאכן. זי וועט דאס ניט דערלאזן, ניין.

א באשלוס, וואס זי האט נאך זיין נאמען ניט געוואוסט, ניט גע־וואלט וויסן, האט זיך מיטאמאל געגומען שארף רוקן צום אויסדרוק. זי איז נאך אזוי געלעגן א צייט, געקעמפט מיט דער פינצטערניש און מיט דער נערוועזער צערודערונג, ביז זי האט זיך מיטאמאל אויפגעהויבן, אנגעצונדן דאס עלעקטרישע ליכט.

די ליכטיקייט אין צימער איז געווארן א פלאטערנדיקע, א ווארטנ־דיקע. די ווארטונג האט זיך אזוי ווי איבערגעמאסטן מיטן ליכט. אנ־דערש האט אויסגעזען דאס ליכט.

א באוואוסטזיין איז געווען איצט אין אט־דעם ליכט. א קלארער בא־וואוסטזיין, א נייער. האט בעסי גענומען א פען און האט אנגעשריבן:

„איך וויל ניט ווערן קיין קליינבירגערן ווי איר אלע".

נאכדעם האט זי נאך געטראכט א ווײלע און אזוי אין מיטן פון איר טראכטן צוגעגאנגען און אפגעדרייט די גאז־דער אין איר צימער. זיך אוועקגעזעצט אפן בעט און ווייטער געטראכט:

— איך וויל ניט זיין קיין קליינבירגערן. איך וויל ניט. — — זי וועט דאס זיי אלעמען מארגן זאגן. זי וויל ניט, זי וויל ניט. ניט. ניט.

עפעס טאנצט און וויינט. קינדער טאנצן, קינדער וויינען. ליכט זינגט, ווי קינדער זינגען, ווי מאמעס זינגען... קינדער — —אזויפיל קינדער...

זי מאכט־צו די אויגן, זיצט אזוי א ווײלע, הערט און טראכט. עפעס איז ליכטיק אזוי אלץ... און א גערוך אזא מאדנער. פלוצלונג אבער האט דאס הארץ אין איר א שטארקן שלאג געטאן. זי האט זיך א כאפ געטאן מיט די הענט אן בעט, זיך מיט א געוואלטיקער אנשטריינגונג א הויב געטאן, האט זיך שוין אבער העלפן ניט געקאנט און האט א פאל געטאן מיטן פנים צו דער ערד.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

דער טויט פון בעסי פינק האָט אויפגעטרייסלט די דעמאָלסטיקע רוסישע קאָלאָניע. אירע לעצטע פּאָר ווערטער, אַז זי באַגייט זעלבסט־מאָרד, ווייל זי וויל ניט ווערן קיין קליינבירגערן, איז כמעט אַראָפּגע־פאַלן, אָדער ווינציקסטנס, געבליבן הייגנען איבער אַלעמענס קעפּ, ווי די שאַרף פון אַ שווערד. דער עולם איז זיך צונויפגעלאָפן צו איר לויה. אַן אויפגעטרייסלטער איז דער עולם געשטאַנען אַרום איר קבר.

טויט איז ווי אַ ליכט. טויט איז ווי דער אייביקער, ניט צעמישטער, ריינער אמת, וואָס פּלאַטערט־אויף פאַר מענטשן. איז מען געשטאַנען: אויפגעציטערטע, זיך צוגעהערט צו די רירנדיקע רעדעס, וואָס זיינען איבער איר קבר געהאַלטן געוואָרן. געוואַרט און זיך דערוואַרט אַף פרענקלס רעדע איבער איר קבר. מענטשן האָבן דערהערט:

דער ריינער אידעאַליסט און דער דערפאַרענער רעדנער האָט דאָ גערעדט אַזוינע פּראָסטע, מענטשלאַכע זאַכן:

— . . . זע. מיר בעטן ביי דיר מחילה, בעסי, מיר זיינען זינדיק, שוועסטער אונזערע. פאַר אונז אַלעמען, וואָס זיינען אַראָפּ פון גלייכן וועג, בעטן מיר ביי דיר מחילה. ווי אַ גרויס ליכט ביסטו אויפגעגאַנגען פאַר אונז און האָסט אונז פאַרשעמט. אין קליינבירגערלאַכער בלאָטע האָבן מיר געגומען זינקען, ביסטו אויפגעגאַנגען, ווי אַ קרבן פאַר אונ־זערע זינד. האָבן מיר דען ניט געוווּיטיקט איינעם מיט דיר? האָבן מיר דען ניט געליטן איינעם מיט דיר פאַרן אמת, פאַר דער רעוואָ־לוציע? שוועסטער טייערע, בעסי! איך רעד צו דיין טויטן קערפּער, וואָס איך ווייס — ער וועט שוין ניט ענטפערן. דו וועסט ניט ענטפערן, אָבער איך פיל, אַז רעדן וועסטו נאָך צו אונז לאַנג. די משא פון אונזער זינד קעגן דיר וועט אונז ניט צעברעכן. מיר זאָגן דיר דאָס צו, דאָ, ביי דיין אָפענעם קבר.

די טרערן, וואָס האָבן געשטיקט פרענקלען, האָבן זיך דאָ לענגער ניט געלאָזט איינהאַלטן:

— בעסי... בעסי פינק — האָט פרענקל דורך טרערן גערופן — אונזער זינד קענען דיר. אונזער שאַנדע פאַר דיין טויט וועט אונז היטן פון ווייטערע זינד. וועט אונז טרייבן צו בעסערע טאַטן. געווען ביסטו מיט אונז אָט־די אַלע יאָרן, אין אָפּגעריסענער בלאַט, ווי מיר אַלע — אָפּגעריסענע בלעטער, פאַרטראָגן אַף אַן ערד אַ פרעמדער. איצט לייגן מיר דיך אַריין דאָ אין דער נייער ערד, ווי אונזער ערשטן וואָרצל. מיט דיר הויבן מיר אָן שלאָגן וואָרצלען אין דער ערד פון אָט־דעם נייעם לאַנד. איך פיל, מיר ווערן איצט איינגעוואָרצלט אין דער היגער ערד, איינגעוואָרצלט מיט דיין קערפּער, אומגליקלאַכע־גליקלאַכע שוועסטער אונזערע. מיר וועלן טראָגן די פרוכט פון אונזער נייעם איינוואָרצלען זיך אין דעם לאַנד. מיר וועלן דיך טראָגן דאָ פאַרן אייביקן, מענטשלאַכן אמת.

וואָס מער עס האָבן גענומען רינען די טרערן פון פרענקלס אויגן, אַלץ אָפּטימיסטישער איז ער געוואָרן און אַלץ מער האָט דער עולם דערפילט די גרויסע, מאַראַלע קראַפט פון דעם מענטשן, פון דעם שוין כמעט פאַרשטויסענעם פרענקל, וואָס אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אַ שוואַכלינג. אַלע האָבן דורך פרענקלס געבראָכן קול, דורך זיינע הייסע טרערן, באמת גענומען פילן, אַז אַ גרויס געשעעניש קומט דאָ פאָר. זיי וואָרצלען זיך איין אין דער ערד דורך טויט. דורך דעם, וואָס זיי לייגן אַן אייגענעם מענטשן אַריין אין דער ערד. דורכדעם, וואָס זיי האָבן אויפגעהויפט אַ בערגל ערד איבער אָט־דעם מענטשן, ווערן זיי דאָ איצט איינגעפּלאַנצט. ווי אַן אוראַלטער, ווי אַ ווילדער ריטואַל איז דאָס, דאַכט זיך, אַלץ אויסגעקומען. אָבער פרענקל האָט דערביי אַלץ גערעדט מיט קרעפטנדיקע, וואַרימע, טרייסטנדיקע רייד.

בראַוערמאַן און די פּאָר אַנדערע אינגערע פּירער, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען אין דער לעצטער צייט האָבן גערעדט ניט קיין פּאַסנדיקע רייד, כאָטש זיי האָבן כמעט אַלע גערעדט פון קלאַסן־קאַמף, פון מאַרקסיזם, סאָציאַליזם און רעוואָלוציע.

טויט איז אַ פּראָביר־שטיין פאַר זאַכן, פאַר כאַראַקטער, פאַר אמת. און זיי — די נייערע האָבן ניט אויסגעהאַלטן די פּראָבע.

עס זיינען ניט נאָר געווען די ווערטער, עס איז אויך געווען דער קלאַנג פון זייער קול, וואָס האָט זיי פאַרראַטן. עס האָט זיך ביי זיי געפילט אביסל שרעק, אביסל חוצפה, אָבער ניט אָט־דאָס דורכגענומען. דורכגעלויכטן ווערן פון אומגליק, פון טרויער, פון טויט. אפשר איז דאָס אויך געווען דערפאַר, וואָס זיי זיינען נאָך אַלע געווען יונג. און עס פאָדערט זיך פאַרט אַ געוויסער, באַשטימטער עלטער, כדי כאָטש אַף וויפיל־ניט־איזיקן צייטיקן אופן ירעדפילן און אויפנעמען די מיס־טעריע פון טויט.

פרענקל האָט פאַרענדיקט טיף און רירנדיק:

— בעסי — שוועסטער אונזערע. דיין אומגליקלאַכער, פריצייטיקער טויט, איז ניט בלויז שרעק פאַר אונז. דיין טויט איז אויך אַ ליכט אזא. דיינע ווערטער פאַר אונז, דיינע לעצטע דראָענדע ווערטער — אז די רעוואָלוציע וועט קומען — זי וועט קומען... זיינען אמתע ווערטער. ווי א נביאה ביסטו אויפ־געשטאַנען פאַר מיר אין דעם טאָג פון דיין טויט. די רוסישע רעוואָלוציע האָלט אין קומען און נאָך איר די רעוואָלוציע איבער דער גאַנצער וועלט!

דאָס איז געווען דיין וואָרנונג און דיין טרייסט און דאָס איז אויך אונזער וואָרנונג צו דער וועלט און דאָס איז אויך אונזער טרייסט. די רעוואָלוציע וועט קומען, זי וועט! און ניט ווי באַזיגטע, בעסי, גיין — ווי זיגער גיבן מיר היינט איבער דיין טויטן קערפּער אין די הענט פון אונזער אייביקן פיינט — דעם טויט.

V

אויפטרייסלונג

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

גערטרוד האָט געפילט, אַז איר אַריינקומען אין שליאַפּניקאָווס פאַרם־הויז מיט גאַבריעלס האַנט אַרום איר טאַליע, איז געווען ווי די הויפּט־סיבה פאַר בערמאַנס פּלוצלונגדיקן פאַרשווינדן. איר שטאַלץ האָט שרעקלאַך געליטן פון דעם און זי איז פונדעסטוועגן פון דעם נאָך אַזוי ווי שטאָלצער געוואָרן. זי איז געוואָרן נאָך צוריקגעצויגענער. אירע אויגן האָבן געקוקט, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַריבערגעהיפּט אַלץ, וואָס אַרום זיך, און האָבן ברייט־צעעפנט געקוקט ווייט פאַר זיך.

ווי אַנדערש ער איז פון אַלע! און זי איז אים ניט ווערט. זי האָט אַלעמאָל פאַר זיך אַזאַ געוואונשן, פאַר אַזאַ געבעטן און ער איז געקומען. ער איז געווען. ער איז געוואָרן. ער האָט זיך באַוויזן און איז פאַרשוואונדן, ווייל זי איז אים ניט ווערט. ווייל זי האָט אים פאַרזינדיקט, ווי עלזא האָט איר לאָענגרין פאַרזינדיקט.

זי וואָלט קאָנען, וואָלט זי זיך מיט אַ האַק דאָס לייב אַרום איר אייגענער טאַליע צעהאַקט פּונקט אַף דעם אָרט, וואו גאַבריעל האָט זיין האַנט געהאַט אַרומגעלייגט.

מיט אַ טיפן אינעווייניקסטן עקל האָט גערטרוד די גאַנצע צייט אַלץ געפילט גאַבריעלס האַנט אַרום איר טאַליע. ממש, ווי אַ צוגעקלעפּטע איז זיין האַנט אַלץ אַרום איר געלעגן און האָט זי, אַזוי ווי געהאַקט אַף צווייען. די האַנט הויבט זי אינדערלופטן און וואַרפט זי צו דער ערד. און אַזוי ביז גערטרוד האָט איינמאָל אין אַן אָוונט, פאַרן לייגן זיך שלאָפן, זיך אויסגעטאָן אינגאַנצן אַ נאַקעטע, גענומען קוקן אין שפּיגל אַף איר אויפגעשפּרונגען לייב און נאָך אַ קורצן טראַכטן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ מעסער און זיך אַ שניט געטאָן אַף דער הויט אין אַ זייט פון איר טאַליע.

דער שניט האָט כמעט אַזוי ווי גאָרניט וויי געטאָן אָבער דער עקל האָט זיך, ווי אַן אָפּגעשניטענער, נאָכדעם אַ קאַטשע געטאָן איבער איר

און איז נאָכדעם אַראָפּגעפאַלן און איז געבליבן ליגן לעבן די נעגל פון אירע פיס. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן, דאַכט זיך, אַז בלויז אַף אַ רגע, אָבער נאָכדעם האָבן זיי זיך מיטאַמאָל געשטאַרקט, האָבן זי אויפגעטרייסלט, האָבן זי אַריינגעוואָרפן אין בעט און האָבן זיך הייס און בריענדיק פאַאַנדערגעלאָזט אַף ניט אָפּצוהאַלטן זיי.

זי האָט געפילט אירע ליפּן ווערן ביי איר געשוואָלן, פון די טרערן, דער פּנים ווערט רויט. איר פּנים ווערט מיאוס פון טרערן. זי וואָלט וועלן פאַרשטיקן די טרערן אין האַלדז, אָבער די טרערן זיינען אַזוינע הייסע, זיינען ביטער און זים און רייסן זיך פון איר, צעשמעלצנדיק אַלץ אַף זייער וועג, אַלץ וואָס איז שלעכט אין איר. זי ווערט ריינער, זי ווערט גרינגער.

לאַנג האָט זי אַזוי געוויינט, ביז זי איז אַנשלאָפן געוואָרן. אויפגעשטאַנען איז זי, ווי פון אַ קלינגענדיקן, זינגענדיקן קול איבער איר. צעעפנט די אויגן און ניט געוואוסט, ווער עס האָט געזונגען איבער איר. צוגעמאַכט די אויגן און ווידער דערהערט דאָס געזאַנג — בערמאַן זינגט. בערמאַן קוקט אַף איר אַ ליכטיקער און זינגט לעבן איר:

מיין גערטרוד איז שיין!
מיין גערטרוד איז ליכטיק!
מיין גערטרוד איז ריין,
ווי אַ שיינע כלה איז מיין גערטרוד!
ווי אַרום אַ כלה דאַרף מען זינגען,
מען דאַרף טאַנצן אַרום מיין גערטרוד.
ווי אַרום אַ כלה — אַרום מיין גערטרוד.

און אַזוי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

מיין גערטרוד איז שיין!
מיין גערטרוד איז ריין,
מיין גערטרוד איז ליכטיק!

קאַפּיטל נײַנאונצוואַנציק

די צייט האָט אירע אייגענע וועגן. האָט זי אפשר געדאַרפט, אַז גראַד אַזוינע פּראָזן־שלאָגנדיקע מענטשן, ווי בראָווערמאַן, דער אינ־טעליגענט און ווילק, דער האַלבער גענגסטער און האַלבער פאָלקס־מענטש, זאָלן איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און שניידן די פּרוכט, וואָס זיינען פאַרזייט געוואָרן דורך בעסערע מענטשן פון זיי. אומשולדיק זיינען געווען די נייע פירער, אָבער אויך פאַרשפּיצט־קלוג. און זיי האָבן געוואוסט, אַז פרענקלען טאָר מען ניט צולאָזן צו קיין מאַכט, ווען ניט, קאָן ער זיך מיטאַמאָל אויפהויבן איבער זייערע קעפּ און איבער זייערע אַקסלען. און זיי האָבן אויך קלוג פאַר־שטאַנען, אַז פאַרן עולם דאַרף מען פונדעסטוועגן זיך פּאָרט פּוצן מיט פרענקלען און פלעגן אים דערפאַר פון־מאָל־צו־מאָל אַרויסשטעלן אַלס רעדנער און ביי נויטיקע געלעגנהייטן אַנאָנסירן זיין נאָמען מיט גרויסע בוכשטאַבן.

פרענקל האָט דאָס אַלץ געזען, געווייטיקט פון דעם און פּאָרט געלאָזט זיך אויסנוצן פון זיי, ווי ער וואָלט געווען זייער שיק־אינגל. אמת, דאָס האַרץ האָט געציטערט פאַר דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס אָט־די נייע מעטאָדן ברייגען און קאָנען נאָך ערשט ברייגען און, וואָלט ער געהאַט אַרום זיך אַ פּאָר פּאַסנדיקע מענטשן, וואָלט ער אויפגע־שטעלט אַן אָפּאָזיציע. די צייט איז אָבער געווען אַזאַ, אַז די בערמאַנס זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן, אָדער אַליין אַוועק פון דער באַוועגונג. די פריערדיקע, עלטערע פירער, האָט ער געהאַלטן פאַר דיסקרעדיטירטע און געפילט, אַז זיי האָבן דאָס פאַרדינט. דאָקטאָר מינדלין האָט זיך געווענדט צו אים אַמאָל וועגן אַרויסגעבן אַ נייע און ערנסטע אַרבעטער־צייטונג, כדי צו אָרגאַניזירן אַ קאַמף קעגן די „אומפּאַראַנטוואָרטלאַכע אינגלאַך״ און, דערזעענדיק, אַז פרענקל קווייקלט זיך, איז אים געוואָרן קלאָר, אַז פרענקל איז דער אייגענער אָפּהענטיקער מענטש, וואָס ער איז אַלעמאָל געווען. און פרענקל האָט מיט ביטערקייט אַראָפּגעשלונגען דעם

פאַרוואורף און אפילו ווייטיקדיק געטראַכט דערביי, אַז אפשר איז מינדלין געטראַכט. און אַ דערשלאָגענער און אַ נערוועזער פון דעם, נאָכדעם געטראַכט אַ לאַנגע צייט, — אָט, ער, מינדלין, איז אַ שטאַרקער מענטש. איז דאָ געוואָרן אַ גאַר אַנגעזעענער דאָקטאָר. איז געוואָרן רייך. בראַוווער־מאַן וועט מן הסתם ווערן אַ לאָיער און וועט אפשר אויך ווערן רייך; בערנשטיין, קאַלמאַנאָוויטש, אַלץ שטאַרקע מענטשן. גאַבריעל אויך אַ שטאַרקער מענטש, און איך, נו יאָ, אַ שוואַכער מענטש. ערגעץ אָבער טיף, אין פרענקלען, איז עפּעס ניט איינגעגאַנגען אַף אָט־דער הנחה. טיף אין זיך האָט פרענקל געוואָלט פילן, אין דער לעצטער צייט, אַז ער איז פיל שטאַרקער, פיל זיכערער פון זיי. און ער האָט זיך די לעצטע צייט זייער ווייניק געוואָלט צוהערן צו זייערע שרייענדיקע ווערטער און מעשים, וועגן זייער כלומרשטער שטאַרקייט. וואָס ווייסן זיי פון אמתער אינעווייניקסטער שטאַרקייט. שטאַרק איז דער, וואָס וואַקלט זיך אפילו און בלייבט פאָרט שטיין דאָרט, וואו ער דאַרף. די נייע חברה זיינען אינגלאַך, אוודאי. און דער ווילק איז גאַר אַ געפערלאַכער יונג, ער קאָן, דאַכט זיך, אפשר גאָר פשוט נעמען און דערהרגענען אַ מענטשן. און דער חוצפּהדיקער פּראַזיאַר, בראַווערמאַן, לערנט דעם היסטאָרישן מאַ־טעריאַליזם אַזוי פשוט און פרעך פאַר זיך, אַז עס פאַלט אָן אַ שרעק. ער נוצט שוין אַזוי ביליק די יוניאָנס פאַר זיינע לאָיערשע געשעפטן. אָבער אָט טאַקע דערפאַר אַליין וועט ער געווים, פריער אָדער שפּעטער, מן הסתם ווערן אַ דורכגעטריבענער קאָרפּאָריישאָן־לאָיער און איבער־לאָזן די אַרבעטער־באַוועגונג ווער ווייסט אין וואָסערע הענט. פונדעסט־וועגן אָבער פאַרראַטן אָט־די נייע פירער, אַרויסגייען אין אַ קאַמף קעגן די „אינגלאַך", האָט פרענקל פאָרט ניט געוואָלט, און פאַר זיך געוואָלט טראַכטן, אַז ווער ווייסט? אפשר איז דאָס גאַר גוט אַזוי. אפשר איז דאָס אַ נויטיקער אומוועג, אַז די מיסטעריע פון זאַכן, ווי בערמאַן וואָלט גע־זאָגט, מיסטעריע פון רעוואָלוציע, זוכט און געפינט איר וועג אַף אַזאַ אופן, די מיסטעריע איז דאָך דער קאַפּיטאַן, ווי בערמאַן זאָגט.

פרענקל האָט די לעצטע צייט אַלץ אָפטער געטראַכט פון בערמאַנען. וואָס זיינען דאָס פאָרט פאַרא געדאַנקען, וואָס דער מענטש האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ אַריין? ווי אַזוי איז ער דאָס אינמיטן דערינען געקומען צו אָט־די געדאַנקען? וואוהין פאָרט צילט ער? איז דאָס

ביי אים אַ וועג אַזאַ מיט וועלכן ער גייט, כדי עפּעס צו דערגרייכן? וואָס פאַר אַ דערגרייכונג קאָן פון דעם אַרויסקומען? ער גלויבט נעווים, אַז ער איז עס אַזאַ מעדיום פון אַן אידייע. — וויל פרענקל אין זיך פּרואוון איראַניזירן בערמאַנען און פּילט, אַז ער קאָן ניט און טראַכט:

אפשר גלויבט ער טאַקע, אַז געוויסע אידייען האָבן אים פאַר זיך אויסגעקליבן אַף דורכצוברעכן זיך דורך אים. האָבן אין אים געפונען זייער פּאַסנדיקן מעדיום און רעדן זיך דורך אים אַרויס, אפילו ווען קענן זיין אייגענעם ווילן, ווי ער וויל דאָס אַלץ באַטאָנען. און איך, בין אויך אפשר אין אַ געוויסן אופן, ווי ער. אָט לאָז איך דאָך קענן מיינע אייגענע אינטערעסן און קענן מיין אייגענעם ווילן ניט באַקעמפן די „אינגלאָך" און גיי נאָך (כמעט שטענדיק קענן מיין אייגענעם ווילן) האַלטן רעדעס פאַר זיי און האַלט, פונדעסטוועגן די רעדעס ניט ווי איינער, וואָס איז געצוואונגען, נאָר אַזוי ווי ניט איך און ניט זיי וואָלטן זיך גאָר בעסער ניט געוואונטשן.

וואָס איז אַ מענטש?

איז טאַקע אַ מענטש ניט מער, ווי אַ כלי אין די הענט פון אַן אידייע? אין די הענט פון אַן אידייע, וואָס שעפּט דורך אונז וואַסער, וואָס שעפּט דורך אונז קראַפט, וואָס ברענט און לויכט דורך אונז באַראַנטוואָרטלאַכע און אומפאַראַנטוואָרטלאַכע מענטשן?

אידייען ווערן געבוירן, ווי מגפות, ווי זונען — ווי מגפות פאַר אונזערע לייבער, ווי זונען פאַר אונזערע אויגן... פאַר אונזער צייטווייליקן זיין, פאַר אונזער אייביקן ווערן.

מיר האָבן טאַקע די פרייהייט פון ווילן און קאָנען אָבער אָט־דעם ווילן נאָר באַנוצן, ווי די פּאַסאַזשירן אַף אַ שיף, אָבער ניט ווי קאַפּיטאַנען. פרענקלען ווילט זיך אָט־דעם לעצטן געדאַנק ניט נאָכגעבן: — ניין. מיר האָבן ניט קיינע אַנדערע הערשער איבער זיך אַליין. — און פונדעסטוועגן דערפילט פרענקל פּאַרט, אַז אָט־דער יונגער בערמאַן, וואָס איז פּלוצלונג פון ערגעץ צוריקגעקומען מיט גרויע האָר אין קאָפּ, באַהערשט אים ניט ווילנדיק. און ער טראַכט אַלץ וועגן אים און באַשטימט: אָט־דער יונגער מענטש איז מיר ווי אויסגעוואַקסן פון מיינע לענדן און דאָך איז ער צו מיר, ווי אַ ווילד געוויקס. ביי אים איז דאָך רעכט,

אַז סוכּה איז אַ גרױסע אידייע. אין הײַנטיקע צײַטן אַ סאָציאַליסט און סוכּה...

און ליכטיק איז בײַ אים דאָס פּנים, װי בײַ אײנעם, װאָס איז אינגאַנצן אַראָפּ פֿון קלאָרן, מענטשלאַכן װעג, אָדער װי בײַ אַ דערלײזער אַ נײעם. װאָס איך האָב געהאַפּט פֿון אָט־דעם בחור, פֿון אָט־דעם יונגן „עם־עולמניק" און װאָס פֿון אים איז געװאָרן. אומשטענדן, אַ? אומשטענדן אַזױנע.

און פֿרענקל כאַפּט זיך מיט שרעק און מיט װײטיק:

— אַ לעבן באַלד אַװעק. אַלץ איז געװאָרן אַנדערש, װי איך האָב געװאָלט. און ער בלײַבט שטײן אױף דעם געדאַנק. טראַכט, דאַכט זיך, מער גאָרניט פּאַר אַ לײַנגערע צײַט און ערשט גאַנץ לאַנג נאָכדעם, קומט ער צוריק צום באַװאוסזיניקן טראַכטן און באַשליסט מיט װײטיק, אָבער אױך מיט טרײסט:

— אָבער דער רעװאָלוציאָנערער, סאָציאַליסטישער אידעאַל האָט זיך אַלע מײַנע יאָרן פּאַרט געריסן דורך מיר. נו, בין איך אַ מעדיום בלױז אַזאַ און אָט־דער בערמאַן... יאָ, אָט־דער בערמאַן, װאָס איז דער קאַפּיטאַן? פֿרעגט זיך פֿרענקל און ענטפֿערט: אומשטענדן איז דער קאַפּיטאַן

— אומשטענדן, אומשטענדן — מיסטעריעס — װאָס —?

— אומשטענדן.

— און װאו איז פּאַרט אָט־דער בערמאַן אַהינגעקומען? װאו געפֿינט ער זיך איצט? װאָס איז ער סוף־כּל־סוף פּאַר אַ מענטש, װאָס טוט ער, װאָס קלײַבט ער זיך צו טאָן? אפֿילו בײַ די פֿײַנמאַנס האָט קײנער ניט געהערט פֿון אים און ניט געזען. און אָט־די ליכטיקע גערטרוד! שװײַגט װי איר טאַטע.

— װי ליכטיק עס שײַנט איר ליבע צװישן אונז, פֿאַרפּלאָנטערטע, פֿאַרטונקלטע, פֿאַרטעמפּטע און פֿאַרהאַרטעװעטע מענטשן. װיפֿיל לעגענדע עס איז נאָך דאָ און װעט נאָך אױף אײביק זײַן צװישן מענטשן, װען אָט אַזאַ באַגעגעניש צװישן צװײ כּמעט װילד־פֿרעמדע מענטשן קאָן אױסברײַנגען אַזאַ ליבע. ממש, װי אין די ראָמאַנען פֿון אַמאָל.

פֿון דעם דאָקטאָר מינדלין, װאָס האָט אַלץ געפּרואװט באַװעגן פֿרענקלען אַרױסצוגעבן אַ נײַע צײַטונג און צו אָרגאַניזירן זיך קעגן די אײנגלאַך, האָט פֿרענקל, אין אַ צײַט אַרום, געהערט, אַז גערטרוד לײַדט פֿון

אַ היץ, פון אַ פיבער אַזאַ. מינדלין האָט דאָס אַפּגעזאָגט פרענקלען מיט אַ פאַרדעכטיקן קלאַנג אין זיין קול.

פרענקל האָט זיך דערשראָקן און גלייך גענומען איבערפרעגן:

— וואָס, ווער, פון וואָס?

— עפּעס האָט זי אַ מין פאַרדעכטיקע וואונד אַפן לייב. ממש, ווי אימיצער וואָלט זי מיט אַ מעסער געשטאָכן.

— וואָס רעדסטו?

— אָט־דאָס, וואָס דו הערסט. און פון דעם נעמט זיך דאָס דער פיבער, גלויב איך.

—איך פאַרשטיי פונדעסטוועגן פאָרט ניט וואָס דו רעדסט. וואָס הייסט, אימיצער האָט זי מיט אַ מעסער געשטאָכן. גערטרודן? מיט אַ מעסער?... און וואָס טראַכסטו טאָן?

— מען וועט זי דאַרפן נעמען אין האָספּיטאַל — גלויב איך — פאַר ספּעציעלער באַטראַכטונג.

קאַפּיטל דרײַסיק

גערטרוד האָט געפֿילט און איז געװען זיכער, אַז בערמאַן איז אין ניו יאָרק און זי האָט מיט אַ נײַער פֿרײד און נײַער זינגענדיקער ליכטיקײט, געװאַרט, אַז ער װעט קומען. פֿלעגט זי אַרױסגײן אין גאַס, איז דאָס געװען מיט אַן אױפֿגעראַמטן פּנים, מיט פֿרײדנדיקער דערװאַרטונג און פֿלעגט זי קומען צוריק אַהײם, איז דאָס געװען, װי זי װאָלט אים באמת באַגעגנט. אָדער, װי ערגעץ איז ער געשטאַנען בײַ יעדן ראָג פֿון גאַס און האָט געקוקט אױף איר און איז געװען צופֿרידן. אַ נײַע פֿרײד איז אַרײַן אין אירע לאַנגע, בלײכע פֿינגער, אָבער אײנזיצן לאַנג בײַ דער פּיאַנע האָט זי ניט געקאָנט. זי האָט געקראָגן אַ חשק צו זינגען, אַ חשק אַרומגײן פֿלינק איבערן הױז, אַ חשק צו העלפֿן דער מוטער בײַ דער הױז־אַרבעט, אױפֿראַמען, געקראָגן אַ חשק איבערשטעלן זאַכן פֿון אײן אָרט אױפֿן צװײטן, איבערהײנגען אַ בילד פֿון אײן װאַנט אױף אַ צװײטער און זינגען דערבײַ און זינגען.

די מוטער האָט זיך בכלל ניט געקאָנט דערמאָנען, װען גערטרוד זאָל אַזױ אַרומגײן איבערן הױז, אַ פֿליענדיקע, און זינגען, סײדן אין אירע גאָר פֿריע קינדער־יאָרן. האָט די מוטער זיך פֿון־מאָל־צו־מאָל אומגעקוקט אױף גערטרודן מיט פֿרעגנדיקע בליקן. אָבער זי האָט פֿאָרױס געװאוסט, אַז זי װעט פֿון גערטרודן קײן ענטפֿער ניט באַקומען. איר טאָכטער פֿאַרטרױט זיך ניט אין איר און װעט איר אירע סודות ניט דערצײלן. אָבער צופֿרידן פֿון איר טאָכטערס פֿרײד איז זי געװען. און װען פֿרענקל האָט אָפּגערופֿן פֿאַניאַן און געפֿרעגט, צי זײ האָבן אפשר געהערט פֿון בערמאַנען, האָט אים פֿאַניאַ געענטפֿערט, אַז געהערט האָבן זײ ניט, נאָר זי רעכנט, אַז ער דאַרף זײַן אין שטאָט.

— װאָס הײסט, זי רעכנט? — האָט פֿרענקל געפֿרעגט.

— גערטרוד זינגט מיר עפּעס צופֿיל.

— אַזױ...

— זינגט און שפּרינגט און קאָן זיך פאַר פרייד, ווייזט אויס, גאָר קיין אָרט ניט געפינען — האָט פאַניא געענטפערט.

גערטרוד האָט זיך געשפּיגלט אין זיך אַליין. זי האָט זיך געזען פאַר זיך אַ הויכע, אַף גרינגע פיס מיט גוטע, שיינע הענט, מיט ליבע, רונדע אַקסלען, וואָס בויגן זיך ווייך, איניינעם מיט איר גאַנצן גוטן ליַיב, מיט בליענדיקע שוואַרץ־ברוינע האָר אַפן קאָפּ און מיט אירע גרויסע, שיינע אויגן, וואָס קיינער אין דער וועלט האָט גאַרניט אַזוינע און מיט אַ פּנים, וואָס זינגט און וואָס לייכט.

אינמיטן דערינען פאַלט אָבער גערטרודן איינמאָל איין צוגיין צום שפּיגל און טאַקע זיך גוט־גוט איינקוקן אין איר ליכטיקן פּנים און זי נעמט אַ האַנט־שפּיגל, נעמט זיך איינקוקן. קוקט און קוקט. דערזעט פריער, אַז אירע באַקן־ביינער זיינען אַביסל צו הויך, אירע ליפּן אַביסל צו דיק, ווילד. דאָס גאַנצע פּנים איז ווילד. דאָס גאַנצע פּנים איז גאַרניט אַזוי, ווי זי זעט דאָס פאַר זיך ווען זי קוקט ניט אין שפּיגל. און... איבער דער אויבערשטער ליפּ, דערזעט זי אַזוינע הערעלאַך, האָר! איר ליכטיקער פּנים איז ניט ליכטיק, איז ניט שיין, איז פאַרוואָקסן מיט האָר און אויך אַף אירע אָרעמס זיינען דאָ האָר. דער לייכטער האָריקער פּוך אַף איר ליפּ, אַף אירע שיינע הענט איז אויסגעוואָקסן און האַלט אין איין וואַקסן פאַר אירע אויגן. זי איז שוידערלאַך מיאוס באַוואָקסן. איר פּנים איז שוידערלאַך, איז ווי דאָס פּנים פון אַ מאַלפּע. טרערן פילן־אָן אירע אויגן, טרערן פון שרעק און פון הילפלאָזער פאַרצווייפלונג. דורך די טרערן ווערט דאָס פּנים צעקרימט, ווערט מיאוסער, די האָר ווערן לענגער און זי קריגט אַ רחמנות אַף זיך, און נאָך מער ווי אַף זיך ברעכט איר דאָס האַרץ אַף בערמאַנען.

— פאַרוואָס קומט אים אַזאַ מיאוסע מיידל? פאַרוואָס?

און זי לויפט אריין צו דער מוטער אַ פאַרוויינטע. די מוטער דערשרעקט זיך:

— וואָס איז געשען?!

און גערטרוד ענטפערט מיט געוויין און כעס:

— עס איז אַלץ דיין שולד, דיין שולד!

—וואָס?

— פאַרוואָס האָסטו מיך געבוירן אַזאַ האָריקע, פאַרוואָס?!

די מוטער האָט זיך פאַר אַ מינוט ערנסט דערשראָקן:
— וואָס רעדסטו, גערטרוד. וואָס איז מיט דיר? וואָס איז געשען?!...
— „וואָס איז געשען — וואָס איז געשען" — ענטפערט גערטרוד מיט כעס — זעסט ניט, אַז איך בין פאַרוואַקסן מיט האָר?
— וואו האָר?...
— דו זעסט ניט. יאָ — זאָגט גערטרוד מיט אַ פאַרוואורף, ניט גלויבנדיק און ווייזט מיטן פינגער אַף איר אויבערשטער ליפּ. די האָר אָט־אַף דער ליפּ, האָט זיך איר געדאַכט, קאָן שוין אַפילו אַ בלינדער זען.
— וואָס איז מיט דיר — נעמט שוין די מאַמע שמייכלען — האָסט מורא, אַז ער וועט דיך ניט ליב האָבן דערפאַר?
— פאַרוואָס זאָל ער מיך ליב האָבן און פאַרוואָס האָסטו מיך געדאַרפט געבוירן אַזאַ? וואָס האָסטו צו אים? וואָס ט'ער דיר געטאָן?!
— נאַרעלע, אַז דאָס גיט דאָך נאָך צו אַ חן צו דיין פּנים.
— טאָ פאַרוואָס האָסטו זיך אויך ניט געמאַכט וואַקסן קיין האָר אַף דיין לייב?
גערטרוד ווייסט, אַז זי פרעגט נאַרישע זאַכן, אַז זי רעדט, ווי אַ קליין קינד און זי ווייסט, אַז זי ווערט גוט אין כעס, ווען אימיצער רופט זי אַן קינד. אָבער דאָך קאָן זי זיך ניט צוריקהאַלטן. אַלץ אין איר רייסט זיך איצט צו קליינקייט, צו קינדערשקייט: — זאָל איר די מאַמע זאָגן, פאַרוואָס עס וואַקסן ביי איר האָר אַף דער ליפּ, אַפן פּנים, אַף די הענט, איבערן גאַנצן לייב, פאַרוואָס?
— נאַרעלע — זאָגט איר די מאַמע — זע, איך האָב דאָך אויך אַזוינע הערעלאַך אַף מיין ליפּ.
— דיינע זיינען קלענער, — זאָגט גערטרוד מיט עקשנות. זיך איינקוקנדיק אַף דער מוטערס שיין־פאַרמירטער אויבערשטער ליפּ.
— דערפאַר זיינען דאָך אָבער דיינע אויגן אויך גרעסער — זאָגט די מאַמע מיט אַ געלעכטער.
גערטרוד איז אין כעס געוואָרן אַף דער מוטערס געלעכטער, האָט זיך פון איר אויסגעדרייט און איז אַ בייזע אוועק צו זיך אין צימער. אַביסל שפּעטער, ווען די איינגערע שוועסטער, לינאַ, איז געקומען אַהיים, האָט זי געטראָפן גערטרודן ליגן אַף איר בעטל אַ פאַרוויינטע.

אַף אַלע פראַגן, פון וואָס זי וויינט, האָט איר גערטרוד ניט געענטפערט, איז זי אַוועק און געפרעגט דער מאַמען:

— וואָס האָט דאָ געטראָפן? פאַרוואָס וויינט גערטרוד?

— וואָס, זי איז נאָך אַלץ משוגע? — האָט זיך די מוטער אָנגערופן און צוגעגעבן — ע, סע גאָרניט. ס'וועט איבערגיין. — נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, איז דער מוטער פּלוצלונג ווידער באַפאַלן אַ שרעק: עפּעס איז דער מער מיט איר גרויסער טאָכטער היינט. און איז אַריין אין דעם צימער פון די מיידלאַך און אַרויפגעלייגט איר האַנט אַף גערטרודס שטערן. דער שטערן איז געווען הייס.

די מוטער האָט זיך דערשראָקן און געפרעגט מיט שרעק:

— וואָס איז מיט דיר, גערטרוד?

— גאָרניט איז מיט מיר — האָט גערטרוד בייז געענטפערט — איך וויל קראַנק ווערן, איך וויל שטאַרבן.

שפּעט איינדערנאַכט, ווען אַלע אין הויז פון די פיינמאַנס זיינען שוין געשלאָפן, איז די מאַדאַם פיינמאַן שטיל אַרויס פון איר בעט און איז ,נאָך שטילער פון שטיל, אַריין אין דעם שלאָפצימער פון אירע מיידלאַך און ציטערנדיק אַזוי, און גרינג אַזוי, אַרויפגעלייגט איר מאַמע־האַנט אַף דעם שטערן פון איר גרויסער טאָכטער. אַ זיכערע שרעק האָט מיטאַמאָל אַ שלאָג געטאָן איבער איר לייב.

גערטרוד האָט טאַקע, אַף דער אמתן, היץ. גערטרוד איז קראַנק...

זי האָט נאָכדעם מיט איר האַנט גענומען פירן איבער איר שלאָפנדיקער טאָכטערס לייב, ביז די האַנט האָט זיך פּלוצלונג אָן עפּעס, אומדערוואַרט, פאַרטשעפּעט. די טאָכטער האָט זיך דאָ גלייך אויפגעכאַפּט און אויפגעשפּרונגען אויף האַלב פון בעט מיט אַ ווילדן שרעק אין די אויגן. אַף דעם אָרט אַף איר לייב איז געווען אַ וואונד. אַ וואונד, וואָס האָט זיך ווייטיקדיק געטריקנט איבער דעם אָרט, וואו זי האָט זיך מיט אַ פּאָר טעג צוריק איינגעשניטן מיטן מעסער.

רעוואָלוציע

קאַפּיטל איינאונדרייסיק

פאַראַנען זאַכן אַף וועלכע דו וואַרסט, קוקסט זיך די אויגן אויס, ווערסט אין כעס, פאַרלירנדיק דעם געדולד וואַרטנדיק. פונדעסטוועגן ווען זיי קומען, קומען זיי פּלוצלונג. אַט פונקט אַזוי ווי דו וואָלסט גאָרניט געחלומט וועגן דעם.

האָט מיטאַמאָל אַזוי און פּלוצלונג אויך די רוסישע רעוואָלוציע אַ קלאַפּ געטאָן איבער הערצער, איבער הייזער, איבער די ערשטע זייטן פון די צייטונגען:

—רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

זיבערע גרויסע קעפּ האָבן זיך באַוויזן איבער אַלע ענגלישע צייטונ־גען. די רוסישע קאַלאַניע איז געוואָרן אויפגערודערט פון אַ הילכנדיקער פרייד. מענטשן האָבן געוואָרפן זייער אַרבעט אין די שעפּער אינמיטן העלן טאָג. האָבן געוואָרפן זייערע אַנדערע באַשעפטיקונגען. קיין זאַך האָט זיי ניט געקאָנט אָפּהאַלטן.

עס איז אין רוסלאַנד אַ רעוואָלוציע!

אַן אמתע רעוואָלוציע. מענטשן האַלטן „דאָרט״ איצט רעדעס אין די גאַסן, אַרומגעוויקלט מיט רויטע פאָנען. מענטשן מאַרשירן דאָרט איי־בער די גאַסן מיט רעוואָלוציאָנערע פאָנען, מיט רעוואָלוציאָנערע לידער. אַלע צייטונגען זאָגן עס. עס איז אין רוסלאַנד אַ רעוואָלוציע.

די געביידע פון „דאָס ליכט״ איז באַהאַנגען געוואָרן מיט רויטע פאָנען, מיט אויפרופן אַף רוסיש, אַף אידיש און אַף ענגליש: רע־וואָלוציע אין רוסלאַנד!! עס לעבט די רוסישע רעוואָלוציע! זאָל לאַנג לעבן די רוסישע רעוואָלוציע!...

אַלע קאַפע־הייזער אין רוסישן קוואַרטאַל זיינען געוואָרן איבער־געפּאַקט מיט מענטשן, מיט געשרייען, מיט געזאַנג, מיט ליכטיקע אויגן און ליכטיקע פּנימער.

עס איז אין רוסלאַנד אַ רעװאָלוציע!
די רעװאָלוציע האָט געזיגט!
דער אמת האָט געזיגט!!
דער אמת פון פאָלק, דער אמת, דער גרויסער אמת פון מענטש — פון רעװאָלוציע!!

עס האָט פון איבעראַל געהילכט די פרייד, די גרויסע פרייד! די פרייד פון טויזנטער אויפגעבליצטע אויגן, פון טויזנטער אויפגערעװעטע, אויפגעזונגענע מײַלער, טויזנטער אויפגעבלאַנקטע צײַן־קאַסטנס, װאָס באַװעגן זיך אָן אויפהער.

די קאַפּע־הייזער אין רוסישן קװאַרטאַל זײַנען געװען איבערגעפּאַקט און אין איינער פון אַזאַ איבערגעפּאַקטער קאַפּע האָט דער שװער־װאָגיקער פײַנמאַן געטאַנצט זײַן טאַנץ, װאָס ער האָט מיט אַ צײַט צוריק געהאַט צוגעזאָגט צו בעסי פינק. מיט זײַן אייגענעם שטעקן האָט ער דעם טאַנץ געטאַנצט. און אַז אין רעסטאָראַן איז קיין פּלאַץ ניט געװען צום טאַנצן, איז ער אַרויף אָפן טיש, לעבן װעלכן ער איז געזעסן און האָט אָט־דעם טאַנץ געטאַנצט. װײַל אַזוי האָט ער צוגעזאָגט צו בעסין, קורץ פאַר איר טויט. און הײַנט איז אין רוסלאַנד אַ רעװאָלוציע, טאַנצט ער.

קיין זאַך נאַרט קיין מענטשן ניט אָפּ. איין זאַך נאָר נאַרט־אָפּ דעם מענטשן — טויט. אַפילו װען דער מענטש װייסט, אַז טויט דאַרף קומען, נאַרט אים דער טויט פאַרט אָפּ. אָבער רעװאָלוציע איז דאָ און איך טאַנץ.

רעװאָלוציע האָט ניט אָפּגענאַרט. זי איז געקומען. און איך האָב דיך ניט אָפּגענאַרט. איך טאַנץ און עס טאַנצט אַלץ מיט מיר און אין מיר. מײַן שטעקן טאַנצט...

די טאָכטער מײַנע איז קראַנק — אָבער איך טאַנץ. דער עולם לאַכט — זאָל ער לאַכן.

אין רוסלאַנד איז אַ רעװאָלוציע!!

זיי רעװען אַלע, װי חיות, פון אַלע טישן רעװען זיי און שרײַען: פײַנמאַן, דו טאַנצסט װי אַ בער. אָבער, ער האָט דאָס צוגעזאָגט דער אומגליקלאַכער בעסי פינק און ער טאַנצט. טאַנצט מיטן שטעקן.

קיין זאַך נאַרט ניט אָפּ, אויסער טויט, אויסער טויט...

דער עולם נעמט זיך צונויף אַרום זיין טיש, שפּאַרן צו נאָך אַ טיש צו אים, ער זאָל האָבן מער פּלאַץ. נעמען הילכיקער זינגען, פייפן, שרייען, פּלעסקען מיט די הענט און ער, דער גרויסער, שווערער פיינמאַן, שוויצט און טאַנצט און אַלץ גרינגער ווערן אים די פיס. ווי פליגלען די האָר אַף זיין גרויסן פּראָפעסאָרישן קאָפּ.

ווער האָט דאָס דערוואַרט פון דעם שעמעוודיקן מאַן!

— האָ! אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע — ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע...

און ער נעמט אויך זינגען און צושפּילן מיטן שטעקן איבער זיין אָנגעשטעלטער האַנט, ווי מיט אַ סמיק איבער אַ פידל. און אָט טאַנצט ער אַריבער אַף אַ צווייטן טיש. קערט איבער די גלעזער און די פּלע־שער, וואַרפט אַראָפּ דעם ראָק פון זיך, וואַרפט די טעלער מיט די פיס. ניט ווייל בעסי איז געשטאָרבן און זיין טאָכטער איז איצט קראַנק. ניט ווייל ער ווייסט, אַז ער איז אומבאַהאָלפן קעגן דעם שרעקלאַכן שווינדל, ניט ווייל ער גלויבט חלילה, אַז זיין טאָכטערס טויט קוקט אים אין די אויגן. ניין, נאָר ווייל די רעוואָלוציע האָט ניט אָפּגענאַרט. ווייל אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע. אָן אמתע רעוואָלוציע!!!

דער עולם איז צופרידן, פּאַטשט אַלץ צו צו אים און זינגט אים צו און לאָזט זיך אַליין טאַנצן איינינעם מיט אים, אַרום אים, ווייל אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע.

אָט כאַפּט מען אים גאָר אויף אַף די הענט...

הוראָ—אָ—אָ!

ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע!!!

ער רייסט זיך אַרויס פון די הענט און שטעלט זיך ווידער אַפן טיש.

ניט געטאַנצט האָט אָבער פאַניאַ פיינמאַן. ערשטנס, איז איר טאָכטער קראַנק, און צווייטנס — זי האָט צוגעזאָגט בעסי פינק צו טאַנצן מיט איר איינינעם אין די גאַסן און בעסי איז איצט טויט.

בעסי — וואָס האָט אַזוי געהאָפּט און געוואַרט אַף דער רוסישער רעוואָלוציע...

האָט זי זיך געוועגדט צו פרענקלען, וועלכער איז נאָר־וואָס אַריינ־געקומען אַ הייזעריקער פון די פיל רעדעס, וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן:

— אַך, ווי בעסי וואָלט זיך איצט געפרייט!

— זי שיינט איצט פון איר קבר אַרויס, פאַניא — האָט איר אַף דעם דער שײַנענדיקער, הייזעריקער פרענקל געענטפערט און האָט זי אונטערגעהויבן און האָט זי אַרײַנגעפירט אין טאַנץ, מיט־טראַגנדיק צווײ גלעזער וויין, וואָס אימיצער האָט אים נאָך־וואָס דערלאַנגט, פאַר אים און פאַר איר.

אינמיטן דעם געטומל, איז אַרײַנגעקומען ווילק, זיך אומגעקוקט, איז צוגעגאַנגען צו פרענקלען. געפרעגט:

— בראַוּוערמאַן איז דאָ ניטאָ?

— ניין — האָט פרענקל געענטפערט און געפרעגט:

— וואָס איז דען, איר האָט געקראָגן דעם זאַל פאַר אַ מאַססמיטינג היינט?

— יאָ — האָט ווילק געענטפערט און זיך אַ ליוב געטאָן:

—וואָס דען, איך וועל ניט קריגן? ניט ביי ווילקן! — און ער האָט, מעשה „באָס” צוגעגעבן:

—בראַוּוערמאַן וועט זיין דער פאָרזיצער און איר — דער הויפּט־רעדנער.

—איך בין הייזעריק — האָט זיך פרענקל אָנגערופן.

— דאָס מאַכט ניט — האָט ווילק געזאָגט מיט אַן אינעווייניקסטן, צופרידענעם שמייכל.

דער בחור בעני איז געקומען צולויפן. דערזען ווילקן און צוגעלאָפן צו אים:

— ווילק. מען דאַרף אויסשרייבן עטלאַכע שילדן פאַרן מאַרש און פאַרן האָל. אָבער טאַקע אַזוינע פעפערדיקע. — און דערזעענדיק פרענקלען, זיך אָנגערופן: — מיסטער פרענקל, אפשר וועט איר אונז טאַקע געבן די עברי? אָבער, מאַכט דאָס אַזוי. אַז עס זאָל נעמען די לעבער ביי דער פאַרפלוכטער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע...

האָט פרענקל פאַר אַ קליינער, קורצער רגע אי ווילקן, אי בענין אָנגעקוקט, זיי אַוועקגעגעבן די צווײ גלעזער וויין, וואָס אימיצער האָט אים געהאַט אַרײַנגעשטופּט אין די הענט פאַר אים און פאַר פאַניאַן. ער האָט זיך מיט אַ שמייכל אַנטשולדיקט פאַר פאַניאַן, זי איבערגעלאָזט און זיך מיט זיי צוגעטוליעט ערגעץ אין אַ ווינקל פון רעסטאָראַן. און מיט אַ בליי־פעדער גענומען שרייבן די אויפרופן, אַף באַזונדערע שטיק־

לאַך פּאַפּיר, מיט גרויסע אותיות, כדי בעני זאָל זיי קאָנען לייכט נאָכלייענען און נאָכשרייבן אַף די שילדן.

און בעני האָט נאָך יעדן אויפשריפט זיך געשמאַלצן פון נחת:

— עס וועט נעמען די לעבער...

— ווילק, ברודער — האָט בעני ווייטער געשריען — עס איז גאָלד. איי וועט דאָס זיי דורכנעמען, איי, וועט דאָס זיי דערלאַנגען!

— עס לעבע די רוסישע רעוואָלוציע... ה—ו—ר—ר—א—א—א...!

— האָט בעני אויסגעשריען און אַזש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד.

פאַניא און נאָך אַ פּאָר מענטשן האָבן קוים מיט צרות אַראָפּגע־שלעפּט פיינמאַנען פון די טישן. האָט ער געזאָגט, אויב אַזוי, אויב ניט אַף די טישן, טאָ לאָמיר אַלע אַרויסגיין טאַנצן אין די גאַסן. לאָמיר מאַרשירן און לאָמיר טאַנצן. זאָלן אַלע גאַסן וויסן, אַז רעוואָלוציע נאַרט ניט אָפּ. אָ, זאָלן זיי וויסן — קיין זאַך נאַרט ניט אָפּ אין לעבן. רוס־לאַנד האָט צוגעזאָגט אַ רעוואָלוציע — האָט זי ניט אָפּגענאַרט. ניין!

שטילער, רואיקער פון אַלעמען איז גראָד געווען גאַבריעל. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט דערפילט און באַשלאָסן, אַז גראָד איצט, ווען עס שמעקט מיט אמתער רעוואָלוציע, מיט אמתן בונט, דאַרף מען האַלטן גאָר שטיל און קאַלט דעם קאָפּ אַף די אַקסלען. ער האָט געכאַפּט יעדע „עקסטראַ" פון די צייטונגען, דורכגעלייענט די נייסן:

„די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג באַפעסטיקט זיך". „די נייע רעגירונג האָט שוועריקייטן". „שוואַרצע מאות אָרגאַניזירן זיך, ווילן צוריק דעם צאַר". „פּאָגראָמען. די מאָנאַרכיסטן ווילן דערטרינקען די רעוואָלוציע אין אידיש בלוט". „אַ בונט דאָ, אַ בונט דאָרטן". „מאַניפעסט פון דעם ערשטן פּרעזידענט פון דער רוסישער רעפּובליק"...

גאַבריעל האָט אַלץ דורכגעלייענט. נאָך יעדער נייעס האָט אַ פּלעמל אויפגעלויכטן אין זיינע גרויע אויגן. אָפט אַ צופרידענער, לייכ־טער שמייכל.

אייגנטלאַך, האָבן אַלע אָט־די נייעסן אַרויסגערופן אין אים אַז אינעווייניקסטן אָדער דרויסנדיקן שמייכל. — אַ שמייכל, אַף דעם, וואָס — אַז מען מאַכט פּאָגראָמען אַף אידן — קוויטשען זיי, און אַ שמייכל אַף דעם, וואָס מען וועט זיך איצט זיכער מוזן אָננעמען פאַר זיי,

וואָרים אויב ניט קאָן חלילה די גאַנצע רעוואָלוציע דערטרונקען ווערן אונטער דעם שלייער פון אידיש בלוט. און ער זאָגט מיט אַ שמייכל צו זינאַן, וואָס זיצט מיט אים ביים טיש:

— דו פאַרשטייסט. די רעוואָלוציע וועט זיך מוזן איינשטעלן פאַר די אידן. ווען ניט, קאָן זיך די גאַנצע רעאַקציע אָרגאַניזירן, אַ דאַנק דעם גערודף און רוף פאַר אידיש בלוט, וואָס זיי וועלן אַרויסלאָזן פאַר די מאַסן.

זינאַ האָט אים אָנגעקוקט, דערזען דאָס פלעמל אין זיינע אויגן, אַ שמייכל געטאָן צוריק צו אים און דורך די פאָר שמייכלען זייערע, וואָס האָבן זיך אָנגעטראָפן אַפן וועג פון איינעם צום צווייטן, האָט זי מיט שטוינען דערזען פאַר זיך אַ גאַנץ אַנדערן מענטשן אין גאַבריעלן.

— ווי באַשעפטיקט ער איז מיטאַמאָל געוואָרן. עפּעס אַזוי ווי פון אינעווייניק אַרויס.

זי האָט זיך איינגנטליך, ערשט איצט געכאַפּט, אַז פון אינעווייניק אַרויס איז גאַבריעל אין דער אמתן גאָר קיינמאָל ניט געווען באַשעפטיקט. זי האָט כמעט ניט געגלויבט איר געדאַנק. געקוקט אַף אים און מיט שטוינען געטראַכט, אָדער ריכטיקער געפילט:

ווי קומט דאָס צו אים? אַ גאַנץ אַנדערע באַציאונג, אַ גאַנץ אַנ־דער קלאַנג אין זיין קול. אַ גאָרניט געוויינטלאַכע זאַך פאַר גאַבריעלן. און אָט, אימיצער וויקלט פאַנאַנדער אַ נייע „עקסטרא" מיט אַ נייער גרויסער קאָפּ:

„די שוואַרצע מאות אָרגאַניזירן זיך אין באַטאַליאָנען".

זינאַ זאָגט צו אים:

— זע נאָר, לעאָן טייערער!

גאַבריעל כאַפּט אויך די עקסטרא, לייענט איבער און באַשטימט פאַר זיך מיט דעם אייגענעם אויפגעלויכטענעם, אינעווייניקסטן שמייכל. אָבער ווי איינער, וואָס מאַכט דאָס אַלץ אָוועק מיט דער האַנט:

— ס'אפשר גוט. ס'וועט זיין אין וועמען צו שיסן. רעוואָלוציע דאַרף אויך האָבן אין וועמען צו שיסן. דערצו וועט מען אפשר אַף אַזאַ אופן קאָנען אויסראָטן עטלאַכע צענדליק טויזנט קאַנאַליעס אַף איין מאָל.

און אַט־אַזוי איז גאַבריעל מיט יעדן נייעם געדאַנק און מיט יעדן נייעם שמייכל געוואָרן געזונטער, און שטאַרקער, און געפילט אַז גע־שרייען, אַז ווערטער — מען דאַרף אַנהויבן איבערבערעכן די וועלט. מען דאַרף איר איצט נעמען געבן אַן אַנדער פּנים...

קליינוואוקסיק, ווי ער איז געווען און צעבראָכן און קראַנק, ווי ער איז ביז איצט געווען, האָט ער זיין קליינקייט ניט געפילט, מער זיין קראַנקהייט ניט געפילט. ניט געוואָלט פון זיי ווסן. איין זאַך האָט ער נאָר געפילט קלאָר און זיכער:

— רוסלאַנד...

— „מען דאַרף פאָרן קיין רוסלאַנד".

און די אַלע, וואָס רעוועז דאָ, ווי ווילדע, ווי אַקסען — זאָלן זיי.

— רעוואָלוציע דאַרף אויך האָבן מענטשן, וואָס רעווען ווי צעווילדעטע אָקסן.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן געוויסע רוסישע אימיגראַנטן „צוריק נאָך רוסלאַנד". שליאַפּניקאָוו און אַניוטקאַ זיינען געקומען קיין ניו יאָרק און מיטגעבראַכט זייער פערדינאַנד לאַסאַל. זיי פאָרן צו זייער היים — צו זייער רוסלאַנד, דער באַפרייטער. פערדינאַנד האָט גראָד ניט געהאַט קיין איבעריקן חשק צו פאַרלאָזן אַמעריקע. ער האָט, בכלל, פאַר רוסלאַנד געהאַט מער מורא, ווי ליבע. און פון דער שולע אַרויס, האָט ער געוואוסט, אַז די בעסטע און שענסטע לאַנד אין דער וועלט — איז אַמעריקע.

דערצו האָט נאָך פערדינאַנד שוין געהאַט געקראָגן זיין דיפּלאָם, אַלס אַרכיטעקט און האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרקויפט צו אַ ניו יאָרקער בוי־פירמע אַ פּלאַן פאַר אַ גרויסער געביידע. אמת, שליאַפּניקאָוו האָט אים געגעבן די אידייע און אויך געהאָלפן אים אויפצוצייכענען דעם פּלאַן. דאָס איז אייגנטלאך געווען אַן אַלטער, שוין לאַנג פאַרטראַכטער פּלאַן פון שליאַפּניקאָוון אויפצושטעלן ערגעץ אינמיטן ניו יאָרק אַ ריזיקן מויער, וואָס זאָל מיט זיך פאַרקערפּערן דעם טייוול פון דער גרויסשטאָט. דעם עלעקטרישן טייוול פון ציוויליזאַציע. נאָכדעם איז אָט־די בייזקייט און דער גאַנצער דראַנג פון דער דורכפירונג פון אָט־דער אַרבעט אין אים איינגעדרעמלט און איינגעשטילט געוואָרן. אָבער אַרויסהעלפנדיק דעם יונגן פערדינאַנד אין זיין אַרכיטעקטאָרישער דערציאונג, האָבן זיך אין שליאַפּניקאָוון געוועקט אויפוואַכן אַסאַך פון זיינע אַמאָליקע אַספּיראַציעס און אויך די ביזאַרע פאָרשטעלונג פון זיין גרויסן מויער, וואָס זאָל לעבן און אָטעמען, ווי אַ לעבעדיקער טייוול. האָט ער דאָס געגומען דערקלערן פערדינאַנדן און אים דערוויזן מיט אַ בלייפעדער איבער אַ שטיק צייכן־פּאַפּיר. אָט נעם, למשל, מאַך אַן אָרקע פאַר אַ פענצטער — אָט־אַזוי אָט, לאָמיר זאָגן, אַז דאָס איז טאָפּלטער פענצטער, אָדער אַ טאָפּלטע טיר. קאָנסטו פון דער מיט פון דער אָרקע

אַראָפּלאָזן אַזאַ ליניע — אַ קאָסיאַק אַף פּאַנאַנאַדערטײלן די בײדע פֿענצטער אָדער טירן. װען דו זאָלסט אָרנאַמענטירן די אָפּגערונדיקטע אַרקע מיט מירמלשטײן, װאָס זאָל זיך אַרױספּרעסן פֿון די ציגל פֿון דער געבײדע אַף נאָר אַ פּאָר אינטשעס און דערבײַ זאָלסטו אַפֿילו שנײַדן פֿון דעם מירמלשטײן נאָר אָט אַזױנע פּשוטע גראַדע ליניעס, װעט שױן די מירמלשטײנערנע אַרקע, אױסזען װי אַן אַרױסגעפּרעסטער שטערן איבער אַ קאָפּ. אָדער ריכטיקער, װי אײן שטערן איבער צװײ צונױפֿגעפּאָרטע קעפּ. די מיטלסטע ליניע פֿון דעם קאָסיאַק צװישן די בײדע פֿענצטער קאָן לײַכט אױסזען װי אײן בשותּפֿותדיקע, נאָז פֿאַר בײדע קעפּ. נאָכדעם שנײַדסטו נאָך אַרײַן אַף דעם סאַמע מיטן פֿון דעם שטערן און טאַקע אױך אין אַבסטראַקטע פֿאָרמען, דעם קאָפּ פֿון אַן עגיפּטישן אָדער אפֿשר גאָר אַן אינדיאַנער גאָט. אַף דעם מיטעלסטן קאָסיאַק שטעלסטו אַרײַן אַ שמעלערן אָדער כמעט דעם אײגענעם קאָפּ, נאָר אַ צעצװיגענעם אַביסל. דאָס הײסט דו שטעלסט אַװעק אָט־אָ־דאָ אַ שטיק שטערן דאָ אַביסל נידעריקער אַ קאָנוסאַרטיקע שפּיציקע שטיק פֿאַר אַ נאָז און אַביסל נאָך נידעריקער אַ בליציקע זיג־זאַג ליניע, װי אַן אײַסאַסעלים דרײַ־עק, װאָס שיסט פֿון אונטן אַרױף, װי אַ בליץ. װי אַ מיסטעריעזער צײכן און װי אַ באָרד צו דעם קאָפּ. אָט־די אָרנאַמענטירונג קאָן מען, בכלל, צעװאַרפֿן איבער דער גאַנצער געבײדע און מען קאָן אױפֿבױען די גאַנצע געבײדע לױט דעם פּלאַן פֿון אָט־דעם פֿענצטער. די געבײדע דאַרף פֿאַרנעמען אַ גאַנצן סקװער־בלאָק. די הױפּט אַרײַנגאַנגען קאָנען זײַן פֿון די װינקלען. דאָס װאָלט העלפֿן צוצוגעבן דעם מױער אַן אונטערגעשטראָכענע פּנימדיקײט. מיט דעם אָפּברעכן די װינקלען צוליב די טירן װאָלסטו אױך געשאַפֿן אַ מין האַלדז פֿאַר דעם מױער. דורך דעם האַלדז עפֿעקט װאָלט דער מױער נאָך מער גענומען אױסזען װי אַ קאָפּ. און דער קאָפּ־אָרנאַמענט איבער די טאָפּלטע טירן, װאָלט דאָ געקאָנט װערן זײער אָנזעענדיק. נאָכדעם, װי דו גײסט אַזױ אַפּ עטלאַכע עטאַזשן, ברעך די גאַנצע פֿלאַך פֿון דער געבײדע אױבן און הױב־אָן בױען שמעלער. אָפּגעגאַנגען אַזױ אַ פּאָר עטאַזשן, ברעך װידער די גאַנצע אַרומיקע פֿלאַך, טרעט־אָפּ אַזױ אײן־מאָל אַף אײן זײַט, אײנמאָל אַף דער צװײטער און בױ אַזױ װידער שמעלער, זאָל דאָס אױסקוקן װי עס רײַסט זיך אַזױ אַ קאָפּ פֿון אַ קאָפּ.

דיין גאָט־קאָפּ־אָרנאַמענט זאָל זיך אַרויסרייסן פון איבעראַל און אַזוי ווי פלוצלונג פון די און פון יענע פונדאַסניי אַרויסגעהויבענע פלאַכן. דאָס וועט אַסאַך העלפן אונטערצושטרייכן די קעפּיקייט פון דעם מויער. וועט אי איבער די פענצטער אי איבער די ניי אויפגעהויבענע פלאַכן ממילא אויסזען, ווי עס הויבן זיך קעפּ איבער קעפּ. זע, אַז דיינע אָרנאַמענטירטע, אַבסטראַקטע, פילקעפּיקע קעפּ מיט די שאַרפע בליצאַרטיקע זיג־זאַגן, אָדער נבוכדנצר שריפט פאַר בערד, זאָלן זיך שטענדיק אָנזען. צעוואָרף זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן ניט דווקא אַלע אַרויסקומען איינע איבער די אַנדערע. און אָט־דאָ, גאָר אויבן, וואו די גאַנצע געביידע נעמט זיך פאָרמירן צו ווערן דער קאָפּ פון די אַלע אויפגעהויבענע קעפּ, פאַרוואַרף אַ הויכן, פיל עטאַזשנדיקן האַלדז. מאַך דעם האַלדז גלייך, שטריינג און פלוצלונג. אַף אַלע פיר זייטן פון דעם האַלדז, שנייד טיפער אוים דעם מירמלשטיינערנעם שטערן — די נאָז און דעם בליץ. און אַף דעם סאַמע אויבערשטן שטערן, טו אָן דעם מויער אַ גרויסע, בליצנדיקע קרוין, וואָס זאָל שטיין, ווי אַ שטייף־אַויסגעפּרעסטע גאָלדענע שטיקעריי. און שליאַפּניקאָוו האָט נאָכדעם פאַרענדיקט ווי אַ לערער, וואָס גיט אַ שילער אַ „זאַדאַטשע": נאַ, נעם פּרואוו שנייד־אַריין אַזאַ מויער אין הימל אַריין. ניו יאָרק האָט גענומען וואַקסן זייער קאַלט, מיסטעריעז, אַבסטראַקט. דו קאָנסט אויך אָט־די גאָלדענע קרוין נעמען הויבן מיט געבראָכענע קלענערע געגילדטע זוימען, איינס קלענער פון צווייטן. דו קאָנסט אַזוי מאַכן דעם גאַנצן אויבן אויסזען ווי דער שפּיץ פון אַן אָבעליסק. די שטאָט האָט גענומען אויסזען אַזוי ציינערדיק און דו קאָנסט דאָ אַריינשטעלן דיין אייגענעם שאַרפן צאָן. דער גאַנצער הויכער האַלדז איבער דעם מויער קאָן דאָ נעמען אויסזען ווי אַ ריזיקער אָבעליסק אַף אַ ריזיקן פונדאַמענט, מיט אַ גאָלדענעם שפּיץ אַף זיין קאָפּ. גיב זיי אַביסל שפּילעוודיקייט. נאָר האָב סוף־כל־סוף דערביי אויך איגזינען די פּיראַמידן סטרוקטור פון דער געביידע און דעם אָבעליסק שניט אין הימל אַריין. דו ווייסט, דו קאָנסט איבער די הויפּט אַריינגאַנגען פון גאַס אַ צי טאָן די ווינקלען אַביסל, וועלן זיי אויסזען, ווי שנאָבלען פון עגיפּטישן פויגל־גאָט — האָרוס. קאָנסטו אויך אָט־דעם פויגל־אָרנאַמענט צעוואָרפן און באַנוצן, נאָר מאַך דאָס האַרט, עס זאָל ניט אויסקוקן ווי לייכט, צו פויגלדיק.

פערדינאַנד האָט זיך אַנגעכאַפּט אַן אָט־דעם פּראָיעקט ; האָט אַף אים לאַנג געאַרבעט און פּונקט פאַרן געשריי, אַז מען דאַרף פאַרן קיין רוסלאַנד, האָט ער געקראָגן אַ פירמע, וואָס האָט ביי אים אָפּגע־קויפט דעם פּלאַן. ער האָט אפילו אַנגעגעבן, אַז דאָס האָט ער אויסגע־אַרבעט איניינעם מיט זיין שטיף־פאָטער, אָבער ער האָט דורך דעם פּלאַן פאַרט אָוועקגעלייגט פאַר זיך אַ וועג און ער האָט אַנגעהויבן האָבן גרויסע האָפענונגען און דאָ אינמיטן דערינען, — רוסלאַנד. רעוואָלוציע. די מאַמע האָט אָבער איבער אים געפּלאַטערט, ווי אין פיבער : פערדי, דו ווייסט ניט, וואָס דאָס הייסט — רוסלאַנד. פערדי, פערדי, טייערער, דו מוזט פאָרן, דו מוזט זען דאָס גרויסע און וואונדערלאַכע לאַנד, וואו דו ביסט געבאָרן געוואָרן. דאָס לאַנד איז איצט באַפרייט געוואָרן. די האָפנונג פון דורות איז פאַרווירקלאַכט געוואָרן. דו וועסט זען איינעם פון די גרעסטע וואונדער פון דער וועלט־געשיכטע. און דו ביסט דאָך דאָרט געבוירן געוואָרן.

און זי האָט אַלץ ווייטער געטענהט : פערדינאַנד, פערדי, דאָס באַפרייטע לאַנד וועט זיך איצט אינגאַנצן איבערבויען, און דו, דער יונגער, פייאיקער אַמעריקאַנער אַרכיטעקט וועסט ווערן איינער פון די בויער. און טאָמער וועסטו ניט וועלן, וועסטו דיר קאָנען פאָרן צוריק. מיט געוואַלד וועט מען דאָך אין דער באַפרייטער רוסלאַנד קיין מענטשן ניט האַלטן. און אָנקוקן מיט די אויגן דאָס לאַנד, וואו דו ביסט געבאָרן דאַרפסטו דאָך וועלן. וועסטו שוין זען, אַז דו וועסט זיין צופרידן... און אַזוי, ביז פערדינאַנד האָט איינגעשטימט און איז מאָדנע, שמייכ־לענדיק, מיטגעפאָרן.

פערדינאַנד האָט אויך מאָדנע געשמייכלט, ווען ער האָט דערהערט, אַז קאַלמאַנאָוויטש האָט אויך אינמיטן דערינען באַשלאָסן צו פאָרן.

פון דעם קאַלמאַנאָוויטשן, פלעגט ער, אייגנטלאַך, שטענדיק אַזוי אונטערשמייכלען. צו שליאָפּניקאָוון איז אָט־דער קאַלמאַנאָוויטש געווען אַן איבערגעגעבענער פריינט ; צו דער מוטער — אַן אַנגעבונדענער קרוב אַ מאָדנער, וואָס האָט, ווייזט אויס, שטאַרק ליב צו זיין ניט ווייט פון איר, אַ קרוב, וואָס ווערט אינגער, ווען ער קוקט אַף איר. און צו אים, צו פערדינאַנדן רעדט קאַלמאַנאָוויטש און זאָרגט זיך וועגן אים, אָט פּונקט, ווי ער וואָלט זיין זיין באַהאַלטענער, גאָר אמתער

פֿאַטער. און איצט, אַז ער דערהערט, אַז די מאַמע פּאַרט, פֿאַרגעסט קאַלמאַנאָוויטש אַן זיין פֿאַמיליע, אַן זיינע רייכע געשעפֿטן און פּאַרט אויך.

געפֿאַרן איז אויך אַנטאַן ניקיפֿאָראָוויטש בולאַק, דער רעדאַקטאָר פֿון דער פּראָווינציעלער, ענגלישער, סאָציאַליסטישער צייטונג; געפֿאָרן איז אויך גאַבריעל. און ניט נאָר איז ער געפֿאָרן, נאָר ער איז געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר און פֿירער פֿון דעם גאַנצן עולם צוריקפֿאָרער. דער קראַנקער, צעבראָכענער גאַבריעל האָט גענומען גאָר אַנדערש ציען די לופֿט אין זיינע לונגען. די לופֿט האָט גאָר אַן אַנדער טעם באַקומען. איז געוואָרן אַ היילונג צו זיינע וואונדן, צו דער גאַנצער פֿוילקייט, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן. זיין בליק האָט צוגעקראָגן אַ מין שטאָלענע זיכערקייט און אַ באַפֿעלנדיקע שאַרפֿקייט. דער מענטש איז ווי איינגאַנצן איבערגעבויט געוואָרן, צו אַלעמענס שטוינען. און מענטשן האָבן זיך גענומען אונטערוואַרפֿן אונטער זיינע באַפֿעלן און פּלענער.

זיינע באַציאונגען צו זינאַן און די קינדער זיינען אויך געוואָרן גאַנץ אַנדערע, געטרייע, באַשעפֿטיקטע.

— וואָס איז געשען מיט גאַבריעלן?

— און, ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— אַ מענטש זאָל זיך מיטאַמאָל אַזוי ענדערן?

— וואָס פֿאַרשטייט איר ניט? — האָט קאַלמאַנאָוויטש דערויף געענטפֿערט — אַ מענטש האָט ביז איצט געמאַכט קדוש אַף שפּענער... איז טאַקע געווען אַ גאָטס רחמנות אַף אים. איצט האָט ער מיטאַמאָל דערפֿילט דעם אמתן וויין פֿאַר דער נאָז... — און אַז דער עולם האָט געלאַכט און אים אָנגעקוקט, האָט קאַלמאַנאָוויטש ווייטער דערקלערנדיק דערציילט:

— איר ווייסט דאָך. דאָס איז אַ מעשה מיט אַ שניידער. געווען אַן אָרימער שניידער, וואָס ווען ער האָט ניט געהאַט קיין וויין אַף קידוש, פֿלעגט ער מאַכן קידוש אַף ווייסע חלה. איז ער אָבער געקומען אין אַ דאָרף אַף שבת און האָט ניט געהאַט ניט קיין וויין און ניט קיין ווייסע חלה, האָט ער דערזען ביי אַ גוי אַפֿן הויף עטלאַכע, אָנגעהאַקטע ווייסע

שפּענער, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און גענומען מאַכן קידוש אַף די שפּענער. נאָר, ווען עס איז געקומען צו דער ברכה, איז נעבאַך דער אָרימער שניידער געבליבן שטיין אַ צעדולטער: בורא פּרי הגפן — וואַקסן דאָך אָבער קיין שפּענער ניט אַף קיין טרויבן־שטענגלאַך. זאָל ער ווידער זאָגן: המוציא לחם מן הארץ — וואַקסן דאָך קיין שפּענער אַף קיין זאַנגען ניט. בורא פּרי האדמה — זיינען דאָך אָבער שפּענער גאָר קיין פּרי ניט. און דער אָרימער שניידער איז נעבעך שיר פון דער הויט ניט אַרויסגעקראָכן און אַז די הינט האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערבילן, האָט זיך דער שניידער גאָר דערשראָקן און געמיינט, אַז דאָס קומט שוין גאָר דער מלאך־המות צונעמען ביי אים, דעם אָרימען שניידער, די נשמה דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געשטעלט מאַכן קידוש אַף שפּענער. צום סוף אָבער איז דאָס ניט געווען דער מלאך־המות, נאָר אליהו הנביא. ער איז געקומען און אונטערגעטראָגן דעם פאַרחלשטן שניידער אַ פולן בעכער ווייַן פון דעם אמתן „יין־המשומר".

— וואָסער אַ וויין האָסטו געזאָגט? — האָט אים אימיצער איבער־געפרעגט.

דער צופרידענער און לאַכנדיקער קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך געכאַפּט, אַז מן הסתם, האָט ער דאָ ניט אַרויסגערעדט דעם העברעאישן וואָרט, ווי עס דאַרף צו זיין, האָט ער זיך פאַררויטלט און ניט טראַכטנדיק, קיין סאַך, האָט ער דווקא מיט אַ נאָך פאַרגרעסערטן שמייכל, גלייך אָפּגעטייטשט:

— דאָס פאַרשטייט איר מיך איז אַזאַ וויין, וואָס מאַכט פון טויט לעבעדיק, אָט ווי די רוסישע רעוואָלוציע, למשל, אַ גאַבריעל, וואָס?

אַנדערש האָט אַף דעם געקוקט פּרענקל. „נו בולאַק פאָרט, שליאַפּ־ניקאָוו פאָרט. ביי זיי איז דאָס אפשר אַ ראַסן־אייגנשאַפט אַזאַ, אָדער ווי בערמאַן וואָלט געזאָגט — אַ ספּעציעלער ראַסן־מיקראָב אַזאַ. זיי פאָרן אפשר צוליב ערד. ערד איז אַלץ — ערד פאַרשיכורט. איבערהויפּט נאָך, ווען זיי האָבן זיך דאָ אַזוי ווייניק איינגעוואָרצלט. און בולאַק וועט נאָך אפשר קומען צוריק. גאַבריעל אָבער פאָרט קיין רוסלאַנד, פּונקט ווי ווילק איז געקומען צו אונזער יוניאָן־באַוועגונג. גאַבריעלן ציט אַהינ־

צו, ווייל אין דער צייט פון רעוואָלוציע, קאָן מען אָט־די אַלע פּראָזן זיינע ברייינגען צו טאָטן. אַז אַזאַ ווילק קאָן דאָ צונוצקומען, קאָן אַזאַ מענטש ווי גאַבריעל דאָרט, אין דער צייט פון רעוואָלוציע, פאַר זיך גראָד געפינען טעטיקייטן און נאָך אפילו אַמאָל דאָרט ווערן אַ העלד. זאָל ער פאָרן. ווער דאַרף אים דאָ. דאָ איז ער אַ נישט און אַ גאָרנישט. זאָל ער פאָרן.

קאפיטל דרייאונדרייסיק

אלע זיינען געפארן מיט פרייד, מיט געזאנג, מיט אומגעדולד. אלע זיינע געפארן. ניט געפארן זיינען אבער די פיינמאנס, ווייל זייער טאכטער, גערטרוד, איז דערקלערט געווארן פאר ערנסט קראנק און איז צוגענומען געווארן אין האספיטאל. ווער ווייסט ווי אזוי, ווער ווייסט פארוואס און ווער ווייסט פונוואנען עס האט זיך אף איר שיינעם לייב א מעסער־שניט באוויזן. און א בלוט־פארגיפטונג האט זיך גענומען שפרייטן איבער איר לייב.

אלץ וועט נאך מן־הסתם זיין גוט, אבער פארן קאנען זיי דערווייל ניט. ניט געפארן איז אויך פרענקל. וואס נעענטער עס איז געקומען דער טאג פון אפפארן, אלץ קלארער האט ער דערפילט, אז ער פארט ניט, אז ער וועט ניט פארן. כאטש אין חלום און אפן וואר איז ער פארפאלגט געווארן פון בילדער און בילדער, וואס האבן געגרייצט און גערופן קיין רוסלאנד. עס האט זיך אזוי שטארק געוואלט זען די פרייד פון לאנד, אנקוקן איצט די פנימער פון די רוסישע מענטשן, די באפרייטע. איבערהויפט פלעגט ער אינגאנצן אויפגעטרייסלט ווערן און כמעט אויפגעלייזט ווערן ביי דעם געדאנק, אז חברים פון די טורמעס, חברים פון סיביר ווערן באפרייט. מען באגעגנט זיי דארט אף די באנען מיט פרייד, מיט טענץ און מיט טרערן אין די אויגן, מיט קושן און מיט האלדזן זיך — און ער איז דא און ער בלייבט דא.

— זיי זיינען שוין מן־הסתם אלע גרוי געווארן — און איך בין דא. זיי דערקענען שוין אפשר ניט זייערע היימען — זיי דערקענען זיי יא — און איך בין דא, בין נאך אלץ ווי א צוגעשפאנטער, ווי אמאל אליין אף די קאלטע סיבירער וועגן צו מיין פערדל, צו מיין שליטל.

— א, ווי עס וואלט זיך געוואלט איצט אויסשפאנען און לויפן און זיין א באפרייטער מיט באפרייטע. זיךווארפן אין די ארעמס, זיך

קושן מיט יעדן אין די גאַסן...

אָבער פרענקלען איז געווען שווער דער געדאַנק, אַז גראָד איצט, ווען די באַוועגונג דאָ, אין אַמעריקע, שטייט אַפן ברוכשטול, זאָל מען זיך אויפהייבן און אַנטלויפן פון איר.

— דאָ ליגט דאָך אונזער בלוט און פלייש, אונזער מי פון אַזויפיל יאָרן, טאָ ווי אַזוי קאָן מען דאָס איבערלאָזן און אַנטלויפן?

— זיי ווילן דיך דאָ ניט, זיי דאַרפן דיך דאָ ניט — האָט זיך ליזאַ געפרואווט טענהן מיט אים — און קיין רעדאַקטאָר פון דער נייער צייטונג ווילסטו דאָך סיי־ווי־סיי ניט ווערן, און דאָרטן דאַרף מען איצט מענטשן.

— מענטשן דאַרף מען האָבן אומעטום — האָט ער, זיך ראַנג־לענדיק מיט זיך אַליין, געענטפערט — און אין זייער נייער צייטונג גלויב איך ניט, אַט גראָד איבער דעם, וואָס זיי האָבן גענומען אַרויס־געבן די נייע צייטונג, דאַרף מען איצט שטיין מיט די אויפגעבויטע יו־ניאָנס, כדי צו באַשיצן זיי פון ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליק. איך גלויב אין דער נייער צייטונג וויניקער, ווי אין די ווילקס. זי קאָן נאָך ווערן אַ גרעסערע געפאַר פאַר דער באַוועגונג.

— דאָרטן איז דאָך שוין אָבער אַ רעוואָלוציע — האָט די רויטהאָ־ריקע ליזאַ געזאָגט.

— אַט דערפאַר טאַקע פיל איך, אַז איך דאַרף בלייבן דאָ.

און ער האָט מיט שרעק און פאַרצווייפלטן ווייטיק גענומען אַרומ־ניין צווישן עולם און מער מיט די אויגן, ווי מיט דעם מויל, האָט ער געבעטן:

— דאָרט איז דאָך שוין סיי־ווי־סיי אַ רעוואָלוציע!

ערגער פון אַלץ זיינען געווען אַט־די מיטפילנדיקע בליקן, וואָס ער האָט געזען אין דעם עולמס אויגן.

דאָס איז געווען אַ מיטפילן, וואָס מען האָט כמעט צו אַ שוואַכ־זיניקן. און עס איז ניט געווען די באַליידיקונג, וואָס האָט אַזוי שטאַרק ווי געטאָן, נאָר אַט־דאָס, וואָס מען קאָן זיך מיט מענטשן ניט צונויפ־רעדן; אַט־דאָס, וואָס זיי זיינען זיכער, אַז זיי זיינען גערעכט; אַט־די אַלטע ביטערע צרה פון: „גיי, דעבאַטיר, גיי שטעל זיך אַוועק אַרגומענטירן, און אויב דו וועסט געווינען, וועט דאָס ניט זיין דערפאַר, וואָס דו ביסט גערעכט, נאָר וואָס דו ביסט אפשר אַ בעסערער דעבאַטאַנט פון זיי". און נאָך ערגער פון ערגער איז געווען דאָס, וואָס ער אַליין האָט געפילט, אַז אַ געוויסער אמת איז דאָ אין זייער פאַרלאַנג זיך טראַ־

געוֹ קיין רוסלאַנד, צו דער רעוואָלוציע, צו דער זון פון דער רעוואָלו־ציע... אָבער פרענקל האָט געטראַכט: ווי מען וויל פון אונז ניט וויסן דאָ אין לאַנד, זיינען מיר דאָך שוין דאָ פּאַרט אַ גרויסע, אַ נויטיקע, אַ וואַק־סענדיקע קראַפט, טאָ ווי אַזוי קאָן מען ביי זיך פועלן אַוועקצולויפן פון דאַנען? אָבער — האָט פרענקל מיט זיך אַליין דעבאַטירט — דער אמת איז דאָך מן־הסתם טאַקע אין דעם, וואָס איבער אַזוינע אָדער אַנ־דערע סיבות האָבן די מענטשן דאָ געלעבט אַ פרעמדן, אַן אויבן־אויפיקן לעבן און דערפאַר איז זיי אַזוי גרינג זיך אויפצוהויבן און פאָרן. און אפשר — פלעגט ער מיט ביטערקייט אַ טראַכט טאָן — איז דאָס גאָר ביי זיי דערפאַר, וואָס זיי זיינען אינדערהיים, אין רוסלאַנד, געווען איינגעוואָרצלטער אין דער רוסישער ערד פון מיר... ער פלעגט זיך ד׳ערשרעקן פאַר אָט־דעם געדאַנק, ווייל ער האָט געפילט, אַז ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער זיך אָט אינגאַנצן אויסגעשפּרייט אַף דער רוסישער ערד און וואָלט זי ממש געקושט מיט אַלע טיילן פון זיין קערפּער. נאָר וואָס דען, נאָר וואָס דען? — פלעגט ער זיך פרעגן און איבערפרעגן. און כמעט אָן דערקלערונגען, כמעט מיטן אינסטינקט בלויז פלעגט ער אַלץ קומען צו דעם אייגענעם באַשלוס: „איך קאָן פונדאַנען ניט אַוועקפאָרן, ווייל איך טאָר ניט".

איינע פון די זאַכן, וואָס האָבן פרענקלען דערביי געקרייינקט, איז גראָד אויך געווען דאָס, וואָס די בראַוערמאַנס און די ווילקס האָבן גערעדט צו די אַפּפאָרנדיקע כמעט די אייגענע רייד, וואָס פרענקל:

—וואָס ט׳איר פאָרן? עס זיינען דאָרט דאָ גענוג רעוואָלוציאָנערן אָן אייך.

— דאָרט איז שוין אַ רעוואָלוציע און דאָ דאַרפן מיר ערשט אַף דער אמת רעוואָלוציאָנערן, כדי צו מאַכן אַ רעוואָלוציע.

פרענקל פלעגט זיך פשוט דערשרעקן, ווען ער האָט זיי געהערט אַרויסרעדן זיינע אייגענע געדאַנקען: ווי שרעקלאָך איינע און דיזעלביקע געדאַנקען און ווערטער קאָנען קלינגען, ווען זיי ווערן אַרויסגעזאָגט פון אַנדערע מיילער. עפּעס אַזוי פאַלש, אַזוי נישטיק, אַזוי פּרעטענ־ציעז. פאַרוואָס איז דאָס? ווי אַזוי קומט דאָס? זיי ווילן דאָך זיכער קיינעם פון דעם פריערדיקן עולם דאָ ניט האָבן, און דאָך זאָגן זיי צו

זיי מיינע אייגענע ווערטער, און נאָך מיט אַזאַ העלדישן בראַוואַדאַ־טאָן דערביי.

און אין דער אייגענער צייט האָט טאַקע ווילק אַזוי ביי אַ געלעגנהייט, אָדער ריכטיקער, גאָר אָן אַ געלעגנהייט, איינמאָל מיט אַ פּרעכבן שמייכל און אַ שאַרפן אָפּשטויסנדיקן בליק אַ זאָג געטאָן צו פרענקלען:

— פונדעסטוועגן, אַז אַלע פאָרן, פאַרוואָס זאָלט איר ניט פאָרן... איר זענט דאָך געווים אַזאַ רעוואָלוציאָנער ווי זיי...

פרענקלען איז פון דעם איבערגעגאַנגען אַ קעלט איבערן לייב. ער האָט דערזען און דערפילט ווילקס בליקן אַף זיך. זיי האָבן געשניטן ווי מעסערס. פרענקל האָט דאָ פאַר דער מינוט באמת דערפילט די ני־דעריקע ברוטאַלע ווירקלאַכקייט: — אַט־דער יונג איז באמת געפּער־לאַך, ער וויל פון מיר זייער שטאַרק פּטור ווערן, און אַוועקפאָרן פון אים — ווער ווייסט, עס מיינט אפשר פשוט ראַטעווען זיך דאָס לעבן.

דער דרויסן איז געווען אַ האַרבסטיקער, אַ רעגנדיקער. פרענקל האָט ווילקן איבערגעלאָזן און איז אַוועק פון אים אָן אַן ענטפער. פרענקל פלעגט נאָך אַלץ גיין אַף זיין לויפנדיקן אופן מיט זיינע לאַנגע נאָכ־לויפנדיקע פאָלעס. „אָך, אָך!" — האָט ער אינמיטן וועג אָפּגעזיפצט — „דער קאָפּ איז שוין ביי מיר אינגאַנצן גרוי און די פאָלעס פון מיין ראָק פליען נאָך אַלץ נאָך, ווי אין די גאָר אינגלשע יאָרן". און פרענקל איז געבליבן שטיין, זיך אומגעקוקט אַף די מויערן און גאַסן אַרום. ווידער אַ טראַכט געטאָן, און גלייך נאָכדעם גענומען פאַרשפּיליען דעם ראָק אַף אַלע קנעפּ — אַט זאָלן די פאָלעס ניט אַזוי אינגלש נאָכלויפן נאָך זיין גרויען קאָפּ.

VII

מיטן פּויק

קאַפּיטל פיראונדרייסיק

אין יענע צייטן פלעגן נאָך אַפּט אין סאַמע מיטן ניו יאָרק זיך געפינען לײדיקע לאַטס, וועלכע פלעגן דורך די זומער־מאַנאַטן הויך פאַרוואַקסן ווערן מיט „גאָלדן־ראָד" און ווילדן געוויקס. וואָס ווייטער ארויס פון צענטער, אַלץ אָפטער פלעגן זיך ווייזן די קלענערע און גרעסערע לײדיקע שטרעקעס, צווישן איין הויפן מויערן און אַ צווייטן. אין דער געגנט פון בראָנזוויל פלעגן זיך שוין ממש געפינען פעלדער אַף מײלן, אַף וועלכע עס פלעגן זיך גאַנץ געמיטלאַך פּאַשען ציגן, הינער און אפילו בהמות דאָ און דאָרט, און עס פלעגט אויסקומען — אַט, דאַכט זיך, ביסטו צווישן אָנגעהויפטע און אָנגעבאַרגטע הײזער, מיט אײלנדיקע, האַוועדיקע מענטשן־מענגעס, און — אַט צווישן ווילדע פעלדער.

ווען בערמאַן האָט דאָס דערזען, איז אים אויסגעקומען, אַז רירעוודיקע מענטשן האָבן זיך, ווי קראָטן, אונטערגעגראָבן אונטער די פעלדער און האָבן ארויפגעוואָרפן אַט־די הײזער, ווי עס וואַרפן קראָטן ארויס זײערע בערגלאַך אַף די פעלדער. די סוחרים, וואָס האָבן אַט־די פעלדער צעשניטן אין „לאַטס", פלעגן אָפט זיך אַוועקשטעלן אינמיטן פון די לאַטס מיט אַ גרויסן פּויק קלאַפּן, טומלען, און אַזוי צונויפרופן אַן עולם. פאַר וועלכן זיי פלעגן נאָכדעם דערציילן די גליקן, וואָס שטייען פאַר פאַר יעדן אײנעם, וואָס וועט זיך דאָ אײנקויפן אַ „לאַט". עס האָט שוין אויך געטראָפן, אַז אַ רב האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ פּויק אַף אַ שטח פון ווילד־פאַרוואַקסענע פעלדער, וואָס זײנען געלעגן ווי אַ ווילדער טאָל צווישן פאַנאַנדערגעוואָרפענע, נײע, נאָר־וואָס אויפגעבויטע נעגנטן. ער האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט אין זײן פּויק, ביז אַן עולם האָט זיך גענומען ציען צו אים פון אַלע זײטן, און ווען זיי האָבן זיך ארום אים ארומגעקליבן, האָט ער זיי גענומען דערקלערן, אַז אַט־דאָ, אַף דעם אָרט.

װאו ער שטײט מיט זײ, מיט די אַלע אידן, װאָס האָבן זיך אַרום אים צונױפגענױפגעזאַמלט. װעט אױפגעבױט װערן אַ גרױסער בית־מדרש. און אידן האָבן זיך אומגעקוקט אױף דעם רב, אױף דער פּױק מיטן פּײקלער און אױף דער עדה אינמיטן פון אַט־דעם גרױסן, גרינעם שטח, און זײ זײַנען באַגײַסטערט געװאָרן פון דעם רבס אײַנפאַל אַלײן צו קלאַפּן פאַר זײ אין פּױק און פון זײַן רעדן צו זײ אינמיטן פון אַט־דעם װילדן שטח פון תורה און װעגן װעלן פּונקט דאָ אױפשטעלן פאַר זײ אַ גרױסן בית־מדרש, און זײ האָבן גענומען װאַרפן געלט אין איבערגעקערטן קאַפּעליוש פון אַט־דעם מאָדנעם רב. דאָס איז געװען אינמיטן פון אַ זונטיק און נאָכדעם פלעגן זיך שױן יעדן זונטיק די אידן צונױפקלײַבן אױף דעם אָרט אױף דעם רוף פון דער פּױק און פלעגן הערן דעם רבס דרשות און פלעגן געבן געלט. די ספּעקולאַנטן, װאָס האָבן געהאַט די װילדע לאַטס אין דער געגנט, האָבן זיך גלײַך געכאַפּט, װאָס דעם רבס אײַנפאַל קאָן פאַר זײ אױפטאָן, און זײ האָבן געשײנקט ערד פאַר אַ בית־מדרש. זײַנען טאַקע אױך געװאָרן די גבאים און האָבן געהאָלפן זאַמלען געלט פאַרן בית־מדרש און האָבן דערװײל גענומען מאַכן גוטע געשעפטן, פאַרקױפנדיק זײערע לאָטס צו אידן, װאָס האָבן געװאָלט װאױנען ניט װײט פון דעם שײנעם, גרױסן בית־מדרש, װאָס האָט זיך שױן טאַקע גלײַך גענומען בױען.

גאָט׳ס הײזער האָבן זיך אַזױ גענומען בױען איבער ניו יאָרקער װילדעניש, און האָבן שטאַרק געהאָלפן אױפצובױען גרױסע, פאַרװאָרפענע שטיקער לאַנד. יעדער נײַער בית־מדרש האָט זיך געקליבן צו װערן כמעט אַ בית־המקדש אַ נײַער און האָט גענומען שאַפן אַרום זיך געמײנדעס, חברות, לאַנדסמאַנשאַפטן, װאָס האָבן אָפּט זײער טיפע בײנקעניש צו זײערע אַלטע הײמען פאַרקערפּערט אין אַט־די בתי־מדרשים, װעלכע זײ פלעגן אָנרופן אױף די נעמען פון זײערע הײם־שטעט. זײ פלעגן אױפשרײַבן איבער די ברײטע טירן פון גאָט׳ס הױז דעם נאָמען פון זײער שטעטל אײנײנעם מיט דעם הײליקן נאָמען פון זײער שול.

אַט אַזױ זײַנען געװאַקסן די געגנטן און עס זײַנען געװאַקסן די בתי־מדרשים.

דער ראַדיקאַלער עולם איז געװען װײניק און קלײן, אין פאַרגלײַך מיט די בית־מדרש־בױער. און אַמאָל — איבער דעם נאָמען פון

דעם אייגענעם שטעטל אף דער טיר פון א בית־המדרש, און אמאל איבער אנדערע סיבות — זיינען ראדיקאלע מענטשן געווארן שטארק־באשעפטיקטע בית־מדרש־בויער.

אין אט־די נייע אויפגעבויטע בראנזווילער געגנטן איז ניט געווען קיין אויפגעבויט ארט, וואו מען זאל קאנען צונויפרופן דעם נייערן, ז'עם ראדיקאלן מענטשן. מיט דער צייט אבער איז א אידן איינגעפאלן צו קויפן א „לאט" און אף אים אויפשטעלן א געביידע פאר א מקוה כשרה, און איבער דער מקוה האט ער אויפגעבויט א פאר זאלן פאר חתונות, פאר מנינים צו דאווענען שבת און יום־טוב, — האבן חברה פון דעם ראדיקאלן עולם פארכאפט דעם זאל. איי, אונטן איז א מקוה כשרה — איז וועמען ארט עס? אז זיי האבן פארט ניט וואו אפצוהאלטן א מיטינג, א לעקציע, און די געגנט וואקסט. דערצו האט מען נאך געפרעגט ביי פרענקלען, און ער האט מיט זיין גאנצן נקמה־געפיל געפסקנט, אז מען מעג.

ביי פרענקלען איז נאך פון אמאליקע יארן פארבליבן א גיפטיקער כעס אף די שולן, און אט־דער וואוקס פון די בתי־מדרשים איז אים געווען, ווי דערנער פאר די אויגן. פארנעמען אט־דעם זאל איז ביי אים געווען, ווי צו פארכאפן א פאזיציע פון דער שווארצער מאה.

— מען מעג, מען מעג! — האט ער מיט אייפער אויסגעשריען.

— זיי מעגן נעמען א קלויסטער און אים מטהר זיין פאר א בית־מדרש, כדי צו פארפעסטיקן זייער שווארצע מאכט איבער די מאסן, מעגן מיר אוודאי צונעמען ביי זיי דעם זאל. גייט, חברה, און נעמט־איין! דינגט דעם זאל. נעמט און הויבט־אויף א באוועגונג ארום אט־דעם זאל. — און פרענקל האט לויט זיין אמאליקער, אלטער, ברענענדיקער געוואוינהייט גענומען שאפן „באוועגונג" ארום דעם זאל.

די פאר מנינים האבן זיך טאקע באלד ארויסגעצויגן פון דארט, ווייל זיי האבן ניט געוואלט דאווענען אין פלעצער, וואוהין עס קומען זיך צונויף אינמיטן וואך פושעי־ישראל, זיצן אן היטלען און לעסטערן גאט. און זיי האבן אט־די ווייסע חברה אף צופיקעניש גענומען בויען א נייע שול, אנטקעגן אט־דער טומאה, אט־דעם „זאל" מיט די סאציאליסטן.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט דיביידע עלעמענטן פאַרייניקט פאַר אַ קורצער צייט, נאָך די ברוטאַלע פּאָגראָמען האָבן זיי ווידער שאַרף צעטיילט. עפּעס האָבן די בית־מדרש־אידן חושד געווען, אַז די סאָציאַליסטן זיינען זיך ניט שטאַרק מצטער פון דעם אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט פון אידן, פון זייערע ברידער און שוועסטער, פון אַלטע לייט און פון זויג־קינדער. און עס האָבן זיך גענומען הערן טענות, אַז די אידישע סאָציאַליסטן זיינען בכלל שולדיק אין אַלץ. זיי לייקענען אין גאָט. זיי ווילן איבערקערן די וועלט — און די וועלט קערט־אום איר שווערד קעגן אונז.

— וואָס אַרט זיי, אַז מען וועט אַלע אידן אויסקוילענען, אַבי זייער „זאַל", זייער „יבנה והכמיה", זאָל מען לאָזן! — פלעגן די בית־מדרש־אידן רעדן וועגן די סאָציאַליסטן מיט גאַל — זיי מיינען, אַז ווען מען וועט האַלטן ביים קוילען, וועט מען זיי פריער פרעגן, צי זיי זיינען סאָציאַליסטן.

איין זונטיק נאָכמיטיק, ווען אידן זיינען זיך אַזוי געשטאַנען פאַר דעם נאָך־וואָס אויפגעהויבענעם פונדאַמענט פון זייער שול און האָבן זיך אַזוי פאַרביטערט געשמועסט וועגן די פּאָגראָמען, וועגן די מלחמות „גוג ומגוג", וועגן חבלי משיח, וועגן סאָציאַליסטן און רעוואָלוציע, איז אָנגעקומען אַ דאַרער, בלאַסער מאַן מיט אַ פּויק, זיך אוועקגעשטעלט ניט ווייט פון זיי און גענומען פּויקן. צונויפגערופן אַן עולם אַרום זיך, זיך אוועקגעשטעלט אַף אַ פּאָר אָנגעוואָרפענע שטיינער פאַר דער שול, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען, און גענומען דרשנען. די פאַרזאַמלטע אידן אַרום דער שול זיינען אויך צוגעקומען, זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם מאָדנעם יונגן מענטשן, ווי אַרום אַ בייז וואונדער:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש? און וואָס איז אים געפעלן צו פּויקן דווקא פאַר דער שול, וואָס זיי בויען?

ערשט, זיי הערן זיך צו — עס רעדט אַ איד אַ בן־תורה. רעדט מיט אַ ברען, וואַרפט ממש פייער מיט זיינע רייד. זיי קוקן אַף אים, גלויבן זייערע אויגן ניט. — פונוואַנען האָט ער זיך גענומען? אַזוי דאַר — הויט־און־ביינער, און די אויגן! אַז אַ שרעק פאַלט אַף דיר! אין דער איצטיקער צייט פון חבלי־משיח — אפשר אַ נייער נביא? און דאָס קול — אַז עס גלויבט זיך קוים. ער זאָגט:

„הייליק זענט איר און הייליק איז דאָס אָרט, וואו איר שטייט, ווארים איר זענט אידן". — און אַלע דערהערן דאָס און נעמען אים קוקן אין מויל אריין — „יעדער דור פאַרפיינערט זיך, טראָגט אריין זיין גאַנצן, מענטשלאַכן חיות, און דערפאַר שטאַרבן ניט די גערעכטע מענטשן און די גערעכטע טואונגען פון אַ דור, ווי עס שטייט געשריבן: צדיקים אפילו במיתתם קרואים חיים. די גערעכטע זיינען לעבעדיק אפילו אין זייער טויט. ווארים זיי לעבן־אויף מיט זייערע מעשים אין דעם דור, אָדער דורות, וואָס קו־מען נאָך זיי. און דערפאַר זאָג איך: קיינער פון אונז שטאַרבט ניט, וויל ערגעץ ווילן מיר אַלע מיט עפּעס זיין גוט, און דאָס שלעכטס אין אונז וואָלט וועלן אויסגעלייזט ווערן דורך גוטס, און אַף וויפיל עס ווערט ניט אויסגעלייזט ביי אונזער לעבן, ראַנגלט זיך דאָס און ווערט ארי־בערגעטראָגן אַף דעם דור און אַף די קומענדיקע דורות נאָך אונז. מיר בלייבן אייביק לעבן, מיר שטייען שטענדיק אויף תחית־המתים, אין דעם לעבעדיקן לעבן, וואָס נאָך אונז".

און אָט נעמט ער רעדן פון מדרגות, פון זוהר, פון מענטש — פון מלאך:

„דער זוהר זאָגט, אַז דער חילוק פון אַ מענטשן ביז אַ מלאך איז אין דעם, וואָס אַ מלאך איז בבחינת עומד, ווארים דער מלאך שטייט שטענדיק אַף איין מדרגה, דער מענטש אָבער איז אין דער בחינה פון אַ הולך. דער מענטש גייט שטענדיק פון איין מדרגה צו אַ צווייטער און אָט־טאָקע דאָס איז דער סאַמע תמצית פון לעבן".

און ער זאָגט ווייטער:

„פאַראַנען דורות מיט ליכטיקע אָנהויבן, און דורות מיט גרויסע דערגרייכונגען. פאַראַנען אויך דורות, וואָס פאַלן ווי שטויב, ווי מיסט, און דינען ווי אַ נויטיקער צודעק פאַר די גוטע זאָמען פון פריערדיקע דורות. כּודותדיק זיינען די וועגן פון דורות אָבער אַ געזעץ און אַ זין איז איז זיי פאַראַנען, ווי עס איז דאָ אַ געזעץ אין דעם ליכט פון דער זון, וואָס פאַלט אַף אונזערע קעפּ. און ווי עס שאַפט זיך אַ ליכטיקער זין פון דעם געזעץ, אַזוי שאַפט זיך אַ ליכטיקער זין פון אונזער זיין".

און דער עולם הערט און שטוינט און פרעגט זיך אָן ווערטער, פרעגט מיט די אויפגעהויבענע אַקסלען, מיט די פנימער, מיט די אויפ־

געלױכטענע אױגן:

— װאָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? פונװאַנען האָט ער זיך גענומען? און װאָס זײַנען דאָס פאַר רײד?

און אָט נעמט ער שטראָפן:

„און אױב מיר זײַנען ביז איצט געװען דאָס מיסט בלױז אױף די גוטע זאָמען פון פאַרגאַנגענע דורות, קאָנען מיר אָבער פאַרשװעכן אונ־זער מדרגה, אױב מיר זאָלן זיך װעלן אײַװעקלײגן װי האַרטער שטײן איבער די ליכטיקע קערנער פון די פאַרגאַנגענע דורות".

און ער שרײַט־אױף:

„שטעלט־אָן אײַערע אױגן, מאַכט־אױף אײַערע אױערן. זעט — די קערנער נעמען געבן שפּראָצונג; זעט — זײ רײַסן זיך צו ליכט. לאָזט, און זאָל װידער אױפשטײן אַלץ, װאָס איז אַמאָל געװען גרױס, און גרעסער זאָל דאָס װערן! דערזעט אַן שרעק, דערזעט מיט פרײד — עס קומט די צײַט פון תּ ח י ת ה מ ת י ם!..."

דער עולם ציטערט־אױף פון דעם לעצטן אױסגעשרײ. — אפשר טאַקע משיח־צײַט — גיבן אַ פּאָר אַ טראַכט. די שפּאַנונג װאַקסט, און ער, דער מאָדנער יונגער פרעמדער רײַסט ממש די ערד אונטער זײערע פיס. ער שרײַט, ער שאַלט:

„עס קומט דער טאָג, װאָס מענטשן, װאָס דורות האָבן געאָנט. אַ דור גײט קומען, אין װעלכן אַלע פאַרגאַנגענע דורות װעלן לעבעדיק װערן. אַלע געװעזענע גוטע מענטשלאַכע מיאונגען װעלן קומען צו ליכט, צו נײעם לעבן.

„זאָל אױפשטײן, זאָל אױפװאַכן אַלץ, װאָס איז געװען גרױס און גוט אין די פאַרגאַנגענע דורות. זאָל דאָס אָנהױבן שפּראָצן דורך אונזערע קײבער, דורך אונזערע געדאַנקען און דורך אונזערע טואונגען".

װי אַ שטיק כּלי־זין איז די פּויק געלעגן לעבן אים. װי אַ שטאַרקע פעסטונג זײַנען די פּאָר שטײנער געלעגן אונטער אים און אַרום אים אַ גרױסע עדה אידן, און ער װענדט זיך צו זײ מיט אַ געענדערט, מיט אַ נײעם קלאַנג אין קול:

„פּאָלק, אַ, פּאָלק. קומט און לאָמיר זיך דורכרעדן, קומט און לאָ־מיר זיך אינדערהױך דורכטראַכטן, זאָגט צו אײַך איצט דאָס ליכט, אײַער ליכט; אױב דורות ירשענען דאָס גוטע פון פאַרגאַנגענע דורות,

זאָלן זיי **ניט** צאָלן פאַר די פאַרגרייזטע טואונגען פון די פריערדיקע דורות? זיי צאָלן. און זיי האָבן געצאָלט. וואָרים דאָס געטלאַכע אין אונז, דאָס ליכט פון דעם מענטשן איז דער נפקוד און דער ערוב פאַר דעם בעל־הפקדון. דאָס, וואָס דער מענטש לייגט אַריין אין דעם אוצר פון מענטשלאַך ליכט, דאָס צאָלט דאָס ליכט צוריק".

און ער נעמט פרעגן:

„ווער זיינען מיר? וואָס איז דער אמתער זין פון אונזער זיין? און צוליב וואָס האָט אונז דאָס מענטשלאַכע ליכט פאַנאַנדערגעשפּרייט צווישן די פעלקער?"

די זון שיינט. דער עולם אַרום ווערט אַלץ גרעסער. זיין אויפגעלויכט פּנים, זיינע טיפע אויגן בליצן און כישופן, און ער נעמט זיך מיט זיכערקייט, מיט איינגעגלויבנקייט דערקלערן, און ער זאָגט:

„פאָלק, אָ, פאָלק. מיר האָבן געשטראָפט די וועלט מיט אַ פּלאָג, מיט אַ קריסטלאַכן גלויבן, און מיר זיינען פאַנאַנדערגעשפּרייט געוואָרן איבער דער געשטראָפטער וועלט, כדי זי צו ראַטעווען פון אָט־דעם אומגליקלאַכן, קריסטלאַכן גלויבן — —

און ער שרייט־אויס:

„מיר האָבן זיי געגעבן שלוחים, וואָס האָבן צו זיי געשריבן און געלערנט: זייט גוט ווי טויבן, און קלוג ווי שלאַנגען. אַ טויב, וואָס איז אַ טויב, איז אמת, און אַ שלאַנג, וואָס איז אַ שלאַנג, איז אמת, אָבער ווען איינער לערנט: זייט גוט ווי טויבן, און קלוג ווי שלאַנגען, איז גלייך ווי ער זאָגט צו זיינע צוהערער: גייט ווי דורכגעטריבענע ליגנער צווישן די מענטשן, שפּרייט ליגן צווישן די פעלקער. און אָט דער פּסוק איז געוואָרן דער סאַמע רוקן־ביין פון דעם קריסטלאַכן גלויבן, מיט וועלכן מיר האָבן פאַרפּעסטעט די וועלט.

„די זינד פון פריערדיקע דורות ראַנגלט זיך נאָך אַלץ און וואַרט אַף אויסלייזונג. מיר דאַרפן אַרומגיין און שרייען אין די גאַסן: פאָלק, אָ, פאָלק, ווען איינער לייגט־איין אַ שלעכטן משכון און קויפט אים ניט אויס, הייסט דאָס ניט, אַז דער, וואָס האָט פאַרלייגט דעם משכון, איז אַ בעל־חוב? די זון גייט־אויף אין מזרח, און ווען זי זעצט זיך אין מערב, הייסט דאָס דען ניט, אַז זי איז אויפגעגאַנגען אין מזרח?"

דעם נאָכמיטיק איז געװען אַ פאַרזאַמלונג אין „זאַל". מען איז זיך צונױפגעקומען אָפיציעל צו געזעגענען זיך מיט די אַפּאָרנדיקע אין דעם לאַנד פון דער רעװאָלוציע. פרענקל איז געװען אײנער פון די רעד־נער. װען ער איז נאָכדעם אַרױס פון דעם מיטינג און דערזען דעם גרױסן עולם אַרום דער שול, װאָס זײ בױען דאָרט, האָט ער מיט בײזקײט אַ טראַכט געטאָן: זײ פאַרן אַװעק, און דאָ נעמט זיך שטאַרקן די שװאַרצע מאַכט.

ער איז געבליבן שטײן אױף אַ װײלע, געקוקט אױף דעם גרױסן געזעמל און װידער אַ טראַכט געטאָן: זײ בױען נאָך אַלץ. קאַרג נאָך די נעסטן פון פינצטערניש, װאָס זײ האָבן שױן ביז איצט אױפגעבױט, — און מיט־אַמאָל דערהערט פון דאָרט דאָס רעדן פון אַ באַקאַנט קול.

פריער, װען פרענקל איז געגאַנגען צו דער פאַרזאַמלונג, האָט ער פון דאָרט געהערט דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק, און ער האָט געמײנט, אַז דאָס ריפּט אימיצער אַ הענדלער צונױף דעם עולם, כדי אים נאָכדעם דערקלערן פון אָט־די גרױסע גליקן, װאָס שטעקן אין אָט־די פּאָר לײדיקע שטיקער לאַנד, װאָס האָבן זיך נאָך דאָרט געפונען. איצט אָבער, װען ער האָט פון דעם אָרט, װאו די פּויק האָט פריער געקלאַפּט, דערהערט אַזױ אומדערװאַרט אַ באַקאַנט קול, האָט ער זיך אַ נויג געטאָן צו יענער זײט און זײנע אָנגעשטעלטע אױגן האָבן פּאַר זיך מיט גרױס שטױנען דערזען אַן אומבאַקאַנטן „באַקאַנטן", אַן אײגענעם — בערמאַן!...

דאָס איז דאָך בערמאַן! װאָס איז מיט אים געװאָרן? פונװאַנען קומט ער? װאָס טוט ער דאָ? נאָך דאָס האָט געפעלט? ער האָט דערזען, אַז שליאַפּניקאָװ שטײט שױן דאָרט אױף יענער זײט גאַס. איז ער אױך אַריבערגעגאַנגען אַהין, מיט שטױנען געקוקט אױף בערמאַנען און געהערט — ער רעדט פון תורה, פון מדרש, פון ש"ס און פּוסקים, ברײנגט ראיות פון קבלה. ער שטײט אױף אַ שטײן און אַרום אים אַ גאַנץ גרױסער עולם פון עלטערע און אינגערע מענטשן. נעענטער צו אים שטײען עטלאַכע עלטערע אידן און הערן זיך אײן מיט שטױנען און פאַרװאונדערונג. און אָט גײט ער אַרױס פון דעם געפלעכט פון דרוש און זאָגט:

„הײליק זײנען מיר, און הײליק איז דאָס אָרט, װאו מיר שטײען — װײל מיר זײנען אידן".

איינער אַ איד, וואָס איז געשטאַנען אין די הינטערשטע רייען, האָט דערזען דעם גרויען פרענקלען אַזוי מאָדנע אָנגעשטריינגט קוקן אַט אַף בערמאַנען און אַט אַף דעם אָרומיקן עולם, האָט ער געמיינט, אַז פרענקל איז בלויז אַ גרויער איד, אַ וואוילער, וואָס האָט זיך אָפּגע־שטעלט צו הערן גאָטס וואָרט, האָט ער זיך צו אים שטיל אָנגערופן מיט אַ גליקלאַכן שמייכל:

— אַ, וואָס זאָגט איר אַף דעם, אַ? — און ניט באַקומענדיק קיין ענטפער פון פרענקלען האָט ער מיט חשק און פאַרטרויט צוגעגעבן:

— מען וואָלט געדאַרפט אַרויסשלעפּן אָט־די משומדים, די סאָ־ציאַליסטן, דאָרט פון דעם „זאַל” און זאָלן זיי דאָ זען וואָס פאַר אַ פנים זיי האָבן.

פרענקל האָט אָנגעקוקט דעם אידן פאַר אַ קורצער, ניט־פאַר־שטענדיקער ווײַלע און אים נאָכדעם אַ פרעג געטאָן:

—וואָס זשע, איר זענט טאַקע גוט אין כעס אַף די סאָציאַליסטן?

— אין כעס? — האָט דער איד מיט אַ 'געלעכטערל געזאָגט — איר ווייסט דאָך משה'ס טענות מיט גאָט ברוך הוא וועגן עגל? איז צוליב וואָס זאָל אַ איד זיין אין כעס?...

— ניין, איך ווייס ניט — זאָגט פרענקל, פאַרשנדיק און מאָדנע אויפגערעגט פון דעם אידנס פנים און פון זיין געלעכטערל.

— וואָס, טאַקע איר ווייסט ניט? גייט שוין, גייט! —זאָגט דער איד, קוקנדיק אַף פרענקלען מיט פאַרוואורף, און בעט זיך פונדעסטוועגן גלייך איבער און זאָגט:

— איר ווייסט דאָך, ווען די אידן האָבן געזינדיקט מיטן עגל, איז גאָט ברוך הוא אַריין אין גרוים גרימצאָרן: סטייטש, אַזאַ זאַך! אַט נעמט ער און וועט דערפאַר פאַרטיליקן דאָס גאַנצע פאָלק. איז משה גע־קומען צו אים און זאָגט: וואָס גרימט אַזוי דיין צאָרן, רבונו של עולם. וואָס אַרט דיך, אַז די אידן וועלן האָבן אַן עגל? דו ביסט דאָך אַ גוטער, קאָנסטו דאָך זיך מיט אים איינטיילן: דו וועסט אָנצינדן די זון, וועט ער אָנצינדן די לבנה. דו וועסט מאַכן שיינען די שטערן, וועט ער מאַכן וואַקסן די גראָזן. אַ מלאכה ביי דיר זיך איינטיילן מיט אים? זאָגט גאָט מיט כעס צו משה'ן: מיט וועמען ווילסטו זאָל איך טיילן מיין הער־

שאַפט? מיט אַ קאַלב? זאָגט צו אים משה: אויב טאַקע ניט מער ווי אַ קאַלב, איז צוליב וואָס דיין צאָרן? צוליב אַ קאַלב?...

דער איד איז געבליבן שטיין מיט אַ גאָר צופרידענעם שמייכל אַף זיין פּנים. פון גרויס צופרידנקייט האָט אַזש אַ פרישע פייכטקייט אויפגעשיינט ביי דעם אידן אין די אויגן. נאָכדעם האָט זיך דער איד פון אים אָפּגעקערט און זיך ווידער גענומען צוהערן צו בערמאַנס רייד, באַמיט זיך צו קוקן בערמאַנען גלייך אין זיין צעפלאַמטן פּנים, אין זיין מויל אַריין.

פרענקל האָט זיך דערפילט אָפּגעפּאַטשט. אַ שאַרפע ביטערקייט האָט אין אים אַ שלאָג געטאָן. און דאָ נאָך — בערמאַן. שטייט דאָרט און רעדט פאַר זיי. וואָס באַדייט דאָס? וואָס קומט דאָ פאַר? פאַר אָט־די שונאים אונזערע, פאַר אָט־די איינגעגלויבטע נאַראָנים, פאַר די פינצטערלינגען שטייט ער און רעדט...

און פרענקל ווענדט זיך צו שליאַפּניקאָוון און פרעגט פאַרצווייפלט:

— ווי אַזוי דערקלערט מען דאָס?

שליאַפּניקאָוו האָט ניט געוואוסט וואָס בערמאַן רעדט און ער האָט געזאָגט:

— נו, וואָס, אפשר גוט?

און בערמאַן רעדט ווייטער:

„אונזער משה איז געשטאָרבן און זיך באַוואָרנט, אַז קיינער זאָל קיינמאָל זיין געביין ניט געפינען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ניט דערוואַקסן זיינען מענטשן, אַז זינדיק זיינען מענטשן, און וועלן, חלילה, אין זייער שוואַכקייט, אים פאַר אַ גאָט מאַכן. און זייערער איז געשטאָרבן אַזוי, אַז ער זאָל מיט זיין טויט איינגאַנצן פאַרשטעלן דאָס אמתע געטלאַכע ליכט. ווי אַ וואָלקן, וואָס פאַרציט זיך איבער דעם פּנים פון דער ליכטיקער זון, אַזוי האָט זיך זייערער פאַר דעם ליכט פון ריינער געטלאַכקייט אוועקגעשטעלט און זיך נאָך גענומען גרויסן:

— „זעט, ווי איך בין פאַרשטראַלט פון דעם ליכט — איך לייכט; איך בין ווי די זון! איך בין די זון, אייער זון!"

„דאָס איז אַ נאַרישער, אַ חוצפּהדיקער וואָלקן. איבער זיינע פאַרפירערישע, פאַרגאָלדיקטע ברעגן, זעט דערווייל די ערד ניט דאָס אמתע ליכט. משה האָט אָבער געזוכט צו ווייזן דאָס ריינע ליכט, זיך געשטעלט

אין אַ זייט אַף ניט צו פֿאַרשטעלן, חלילה, אַף דאָס מינדסטע דאָס אָנ־סופֿיקע גרויסע ליכט.

„אמת, אונזערע פֿאַרפֿירטע זינדיקע ברידער, די אַמאָליקע קריסטן, זיינען מיט אָט־דער פֿאַרוואָלקנטער זון געקומען צו ווילדע באַרבאַרן פֿון יענע יאָרן, ווען מען האָט אפשר דעמאָלט דאָס ריינע ליכט פֿון גאָט נאָך ניט געקאָנט צייגן. און דערצו האָט מען נאָך פֿאַר די באַרבאַרן אָט־די גאַנצע מעשה געדאַרפֿט צופֿאַרבן מיט מענטשלאַכן בלוט. די פֿאַר־שפּיעלונג פֿון די באַרבאַרן האָט מען גיכער געקאָנט רייצן מיט בלוט און מיט טשוועקעס אין די הענט און אין די פֿיס, מיט אריינשטעקן שפּיצן פֿון אַ דערנער־קרוין אין קאָפּ, כדי עס זאָל אויך איבערן פּנים רינען בלוט — עס זאָל גיכער ווירקן אַף די באַרבאַרישע מוחות, מען האָט געדאַרפֿט רופֿן צו נקמה און רייצן צו בלוט־פֿאַרגיסונג.

„דער ריח פֿון בלוט איז געווען איינע פֿון די וויכטיקסטע סיבות, וואָס האָבן געהאָלפֿן, אַז דער הייליקער זון זאָל נעמען געוועלטיקן איבער דער באַרבאַרישער וועלט. און אַף וויפֿיל מיר אידן האָבן זיך ווען באַ־טייליקט אין דעם פֿאַרשפּרייטן פֿון אָט־דעם וואָלקן איבער דעם ליכט פֿון אמתער געטלאַכקייט, האָבן מיר שווער געזינדיקט קעגן גאָט און קעגן די פֿעלקער פֿון דער וועלט. וואָרים, ווי באַרבאַריש עס זיינען אַמאָל ניט געווען די פֿעלקער פֿון דער וועלט, וואָלטן זיי דאָך מיט דער צייט אַף זייער אייגענעם אופֿן פֿאַרט צו גאָט געקומען, וואָרים דער וועג פֿון יענע מענטשן און פֿון יעדן פֿאָלק איז דער וועג צו ריינער געטלאַכקייט, צו גאָט. מעג זיין, אַז אַ פֿאָלק האָט אין זיך פֿון וויג־אָן ארויסגעוויזן אַ גלוסטונג צו רציחה, נאָר אַזוי ווי דער וועג פֿון מענטשן איז דער וועג צו גאָט, קאָן אָט־די גלוסטונג מיט דער צייט פֿון זיך אַליין זיך אויסבעסערן צו אַ גלוסטונג פֿאַר גרויסע העלדישע און מענטשלאַכע טאַטן. אָט זאָגן דאָך די חכמים אַף אונזער משה רבנו אַליין, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין דער בחינה פֿון אַ רוצח, נאָר איז אין זיין דערהויבנקייט געביטן געוואָרן צו זיין דער פֿירער פֿון די אידן צו גאָט.

„מיר האָבן ביי די ווילדע פֿעלקער צוגענומען אָט־די מענלאַכקייט. מיר דאַרפֿן דערפֿאַר פֿאַרגעבן די גויים דאָס שלעכטס וואָס זיי טוען אין אונז, וואָרים מיר האָבן אין זיי שווער געזינדיקט. מיר זיינען צו זיי גע־קומען מיט אַ צו שלעכטער, פֿאַרטיקער מעשה, וואָס האָט זיך גראָד דע־

מאַלט פאַר זיי אַף וויפיל ניט איז געפּאַסט, און מיר האָבן דערמיט פאַרשטאָפּט זייערע אייגענע קוואַלן, מיר האָבן פאַרשאָטן זייערע אייגענע וועגן, דורך וועלכע זיי וואָלטן, פריער אָדער שפּעטער, זיכער צו גאָט געקומען אַף זייער אייגענעם געזונטן, מענטשלאַכן אופן.

„ווי אָפּגעשטאַנען און ווילד די פעלקער זיינען דעמאָלט געווען, האָבן זיי שוין פאָרט געהאַט זייערע מעשות, און מעשות פאַר אַ פאָלק זיינען דעם פאָלקס טרעפּ צו גאָט און צו דער ריינער געטלאַכקייט. פון אָט־די מעשות וואָלט זיך מיט דער צייט יעדעס פאָלק אַף זיין אייגענעם אופן דערהויבן צו די גרויסע טויערן. מיר אָבער זיינען צו זיי געקומען מיט אַ פאַרטיקער, קריסטלאַכער מעשה, אַ מעשה, פון וועלכער מיר אַליין האָבן ניט געוואָלט וויסן, און האָבן מיט אָט־דער מעשה פאַרשטאָפּט זייערע אייגענע קוואַלן, זייערע אייגענע מעגלאַכ־קייטן. גאָט אָבער, דער אוצר פון ליכטיקייט, זאָגט: איך בין נאָר אַ בעל־פּקדון. לייגט מען ביי מיר איין אַ קראַנץ דערנער, קער איך אום צוריק אַ קראַנץ דערנער. ישראל סבא! דו האָסט ביי מיר איינגעלייגט אַ דערנער־קראַנץ פאַר אַזוי פיל פעלקער, קער איך דיר צוריק אום דעם דערנער־קראַנץ פון די אַלע פעלקער. איר האָט זיי אומגליקלאַך גע־מאַכט און שרעקלאַך איז זייער נקמה אין אייך.

„אָבער — און בערמאַן צעזינגט זיך דאָ פריידיק מיטאָמאָל — טרייסט זיך, טרייסט זיך, מיין פאָלק. דאָס איז ניט מער ווי אַ געדרייטער טרעפּ, אָבער פירן פירט ער דיך צו די העכסטע הויכן, צו די ווייטסטע ווייטן. זע —דו ביסט געבוירן געוואָרן מיט דיין גלויבן אין דער מדבר, אין ערטער, וואו עס איז גאָרניט געזייט און געפלאַנצט, וואו עס זיינען ניטאָ קיין הייזער און קיינע אָפּצאַמונגען. גרויס און פריי איז געווען דיין בליק און דיין געדאַנק אין יענעם טאָג, דו האָסט זיך געבאָדן אין פרייקייט און אין ליכט, און פאַר אַזוינעם האָב איך דיך געהאַלטן און דיך דערצויגן, כדי דו זאָלסט קאָנען דינען פאַר אַ ביישפּיל צו די אַלע איינגעוואָרצלטע פעלקער. זע — די ערד בייסט זיך איין און פאַרגיפ־טיקט זייערע טריט, די טריט פון די איינגעוואָרצלטע פעלקער. זע — זיי רעדן שוין אַזוי פיל הונדערטער יאָרן פון ליבע צום צווייטן און דאָך שטייען זיי אויף פאָלק אַף פאָלק און וועלן נאָך היינט און מאָרגן ווי־דער אויפשטיין, גרייט צו שניידן איינער דעם צווייטן די העלדזער.

ווארים איינגעווארצלטע זיינען זיי און רירסטו אן אן איינגעווארצלט פאלק, איז גלייך ווי דו וואלסט אנגערירט א שלאנגען־נעסט. אט־די איינגעווארצלטקייט איז זייער אומגליק. דיין ליבע צו די לענדער, וואו דו וואוינסט, איז א מענטשלאכע, א געטלאכע, אזוי געטלאך, ווי מיין אייגענע ליבע. און זייערע, צו זייערע לענדער, צו זייערע ערדן, איז געמישט מיט גיפט און גאל. זייערע אפגעצאמטע ערדן מאכן פון זיי רוביבער־באנדעס, ווי רוביבער־באנדעס ליגן זיי איצט, די אלע פעלקער, און ווארטן ווי רוביבער אפ זייערע קרבנות אף די וועגן פון דער וועלט.

„טרייסט זיך, טרייסט זיך, מיין פאלק. גיי ארוים און שריי: א וואלקן, אפילו א פארגאלדיקטער, איז ניט די זון, און א גרעניץ ארום א לאנד איז ניט דער עק פון דער וועלט, און אפילו ניט דער עק פון אימיצנס לאנד. צעברעכט אייערע גרעניצן, פעלקער, מאכט פלאץ, און זאל צו אייך אלעמען קאנען אריינקומען דער מלך פון כבוד. ווער איז דער אמתער מלך פון כבוד דאס איז גאט, דער אמתער מלך פון כבוד, אף אייביק דער אמתער מלך...״

בערמאן האט געפילט, אז דאס איז דער טאג, אף וועלכן ער האט געהאפט, צוליב וועלכן ער האט זיך דורך אזוי פיל פייערן געלייטערט. ער האט זיך געפילט, ווי ער וואקסט איבערן עולם און דער עולם וואקסט אינאיינעם מיט אים. זיי זיינען אינאיינעם מיט אים. א לעבעדיקער, הערנדיקער און אטעמדיקער בארג, וואס הויבט זיך אלץ העכער און וואקסט אלץ גרעסער. און די אנגעהויפטע מויערן פון דא און דארט וואקסן־מיט מיט זייערע גלייכע פארמען, מיט זייערע זוניקע און שאטנ־דיקע שפיצן און טיילן און זייטן. זיי שטייען און אטעמען מיט באַוועגונג, ווי עס באוועגן זיך הערצער, ווי עס באוועגן זיך פנימער, אזוי באוועגן זיך די מויערן. זיי ליגן ווי שאף אף גרינע פעלדער, זיי שטייען ווי לעבעדיקע עדות פון שאפנדיקע וואונדער, און ווי לעבעדיקע עדות פון דעם, אז אויך אין היינטיקע טעג קאן הילכיק קלינגען גאטס ווארט.

אינמיטן דערינען האט זיך אבער אזוי ווי א פלוצלונגדיקער וואלקן שארף א צי געטאן איבער די אויפגעזוניקטע פנימער פון די אידן, וואס זיינען געשטאנען ארום בערמאנען. אט, דאכט זיך, קלינגט פון זיין מויל אזוי באגייסטערט און זיס:

„מיין פאָלק, איך האַלט דיך צווישן די פעלקער ביז צו דעם טאָג. וואָס זיי וועלן דיך דערקענען — אַזוי זאָגט גאָט. זעט, געפונען האָב איך דאָס פאָלק אין דער מדבר, האָב דאָס ארומגענומען, האָב דאָס אוועקגעשטעלט פאַר אייך, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון מיין אויג. זעט, די מענטשן פון מיין פאָלק, זיי קוקן אַף אייך. דאָס קוקט גאָט אַף אייך. זעט, ווי וואַסער־שטראָם האָב איך זיי אויסגעשפרייט צווישן אייך, ווי גערטנער ביי אַ טייך". גוט און זינגענדיק ווערט פון דעם אַף די איזישע הערצער. אָבער אינמיטן דערינען — וואָס איז דאָס? וואָס רעדט ער? זיי הערן און גלויבן זייערע אויערן ניט. ער רעדט, ער זאָגט:

„נאָר הערט איר פונדעסטוועגן אימיצן זאָגן, אַז גאָט איז אין הימל און אַז מען דאַרף אַף דער ערד בויען בתי־מדרשים אָדער קלויסטערס פונזיינעטוועגן, ווייסט, אַז דאָס רעדט צו אייך אַ טעמפּער מענטש, אָדער אַ געמיינער ליגנער".

אַסאַך פון עולם האָבן מיטאַמאָל דערפילט, ווי ער וואָלט אַ שליידער טאָן מיט שאַרפע שטיינדלאַך איבער זייערע פּנימער, איבער זייערע לייבער, און איידער זיי זיינען נאָך געקומען צו זיך האָט בערמאַן שוין ווייטער געפּייערט:

„אונזער געטלאַכער געדאַנק האָט שוין לאַנג דעם הימל אין שטיקער צעבראָכן און אים אויסגעשפרייט ווי אַ טעפּיך אונטער אונזערע פיס. מיר גייען איצט אַלע אום אין הימל מיט גאָט ביי אונזער זייט. און קוקט אַ מענטש אַף אַ מענטשן — קוקט גאָט אַף גאָט. קלויסטערס און בתי־מדרשים מאַכן צאַמען צווישן גאָט און גאָט, ווייל עס איז ניטאָ מער ווי איין גאָט אַף דער וועלט, אָדער ריכטיקער, ניטאָ מער ווי איין געטלאַכקייט אַף דער וועלט. מיר דאַרפן ניט קיין באַזונדערע הייזער, וואָס טיילן־אָפּ גאָט פון גאָט. אַזוינע הייזער שטעלן אין געפאַר דאָס ווייטערע שטייגן פון מענטש און דאַרפן דערפאַר אָפּגעווישט ווערן פונם פּנים פון דער ערד".

דער עולם ווערט ווילד און בערמאַן נעמט נאָך העכער שרייען:

„ניטאָ מער קיין הימל דאָרט אויבן, און ניטאָ מער קיין גאָט דאָרט אין אים. ניט בויען, נאָר צעברעכן דאַרפן מיר היינט־צו־טאָג די בתי־מדרשים און די קלויסטערס. זיי זיינען געוואָרן די געפערלאַכסטע פלעצער אַף דער ערד. זיי זיינען ווי שטייגן, וואָס טיילן־אָפּ מענטש

פון מענטש, און רייצן ווי חיות מענטש אף מענטש. ערשט, ווען מיר וועלן צעברעכן אַט־די הייזער, וועט זייער אַנגעזאַמלטע גייסטיקייט אונז אפשר קאָנען דינען און דערהויבן, אַף די וועגן פון אונזער געט־לאַכער, פון אונזער הימלשער ערד".

— וואָס רעדט ער?

— וואָס פּלוידערט ער?

— וואָס וויל ער — האָבן זיך מענטשן גענומען איבערוואַרפן מיט רייד און מיט בליקן.

און אינמיטן דערינען ווידער:

„דער נאָמען גאָט, וואָס מיר טראָגן אַף אונזערע ליפּן, איז אַ שלעכט, אויסגענוצט וואָרט. גאָט איז געצנדינעריי. גאָט איז איינגע־קריצט אין אונזער בלוט מיט געשטאַלט, מיט פאָרמען, און דאָס איז ניט אמת, איז קעגן אונזערע דרייצן עיקרים. ניט זאָגן זאָלן מיר מער „גאָט", לאָמיר פון היינט־אָן זאָגן „דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט". און ווי נאָר איר וועט אויפהערן זאָגן „גאָט" און וועט אָנהויבן זאָגן „דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט", וועט איר מער ניט דאַרפן קוקן אַף יענע דאָרט אין זאַל ווי אַף אויסוואָורפן. ווייל „דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט" וועלן אויך יענע פון זאַל קאָנען זאָגן. און ברידער וועט איר דערזען אין זיי, ברידער. אַ ניי ליכט וועט פאַר אייך אַלעמען אויפ־גיין. אַ נייער וועלט־באַנעם. אַ נייע וועלט־פאַרטיילונג. פאַרווישט וועלן ווערן גרענעצן. איבערגעברידערט וועלן ווערן די מענטשן. ניט גאָט, נאָר די אמתע ליכט פון דער וועלט וועט אונז אַלעמען פאַר אמתע ברידער מאַכן.

די עלטערע אידן אַרום אים האָבן מיט אומדערוואַרטן בייזן שרעק אויפגעהויבן צו אים זייערע אויגן און זייערע פּנימער מיט זייערע שוואַרצע און גרויע בערד און איינער פון זיי, וואָס איז געשטאַנען נאָנט צו בערמאַנען, האָט מיטאַמאָל, מיט אַן אַנגעצונדענעם שרעק און ווילדן, ליידנשאַפטלאַכן כעס אויפגעהויבן זיין האַנט און מיט זיין כוח דער־לאַנגט בערמאַנען אַ פּאַטש גלייך אין פּנים אריין מיט אַ געשריי:

— דו ביסט אַ בן סורר ומורר! גונב דעת! סקילה קימט אַזוינעם...

און באַלד איז געקומען נאָך אַ פּאַטש:

— דו, פּושע־ישראל!!

און גלייך נאָכדעם האָבן אידן גענומען הויבן זייערע הענט און

זייערע פויסטן מיט געשרייען:

— אזא נבלה!

— אנגעהויבן מיט זיסע ריידעלאך!

— אין זיין טאטנס טאטן אריין!...

— א גונב דעת!

— נאך ערגער פון די מיסיאנערן, ימח שמו!

— און א להבדיל אפילו וויל דאס בתי־מדרשים און טפלהס — ימח שמו!

— דעם הימל לייקנט דאס אפ!...

— גאט, רחמנא לצלן, געפעלט אים ניט!

— אזא כופר בעיקר!!

— דורס זיין דארף מען דאס, עוקר מן השורש זיין...

— אזא קונדס, אזא שייגעץ! אזא עזות־מחוצף!!

— נו, צייטן האבן מיר דערלעבט, א דור אזא אנגעקומען, אז אויסגערינען זאל דאס ווערן...

— גאט זאל שומר ומציל זיין!

בערמאן האט זיך מיט א צעקלאפט און פארבלוטיקט פנים נאך געפרואווט האלטן אף די פאר שטיינער, אף וועלכע ער איז געשטאנען. האט זיך אלץ געפרואווט שרייען און בעטן:

— אידן! לאזט מיך! איך וועל אייך דערקלערן! איך האב אייך נאך ניט דערקלערט... אידן... אידן... הערט!...

די אידן אבער האבן מער ניט געוואלט הערן און ער איז באלד אראפגעקלאפט, אראפגעטראגן, אראפגעווארפן געווארן פון די פאר שטיינער, אן וועלכע ער האט זיך מיט די לעצטע כוחות געפרואווט אנהאלטן.

איינינעם מיט די עלטערע האבן זיך אף אים אויך א ווארף געטאן די אינגערע אידן. ביי זיי איז גאר אויסגעקומען, אז דאס איז א מיס־יאנער אזא — א איד א משומד, האט זיי אזוי אלעמען ארייגנעארט. קארג נאך זיי די פינצטערע און וויסטע פאגראמען, פאגראמען אף אומשולדיק אידיש בלוט אין נאמען פון זייער יויזל, שיקן זיי נאך אונטער צו אונז אזוינע וויסטע „נביאים", ימח שמם!

פרענקל און שליאפניקאוו האבן זיך גענומען שטופן צווישן עולם מיט דער האפנונג ארויסצורייסן בערמאנען פון דעם צעווילדטן עולמס הענט, און זיי האבן דערביי ארייגעכאפט קלעפ פון די פיל אויפגע־

הויבענע הענט. איינער פון עולם האָט דערקענט, אַז פרענקל איז דאָס דער סאָציאַליסט, דער ימח־שמוניק, און האָט אויסגעשריען:

— אידן! אָט דאָס איז דאָך דער פון „דער זאָל״. די גאַנצע צרה קומט דאָך פון דאָרט! — און פרענקל האָט אַריינגעכאַפּט פרישע עטלאַכע קלעפּ און דער צערייצטער עולם האָט זיך נאָך דעם גלייך אַ ריס געטאָן צום זאָל.

— אויסראָטן דאַרף מען זיי! מען דאַרף זיי פאַרטרייבן פון דער אידישער גאַס! פון דער ערד דאַרף מען זיי אָפּווישן! פון אונזערע ווייבער, וואָס גייען אין מקוה, לאַכן זיי, פון אונזער גאָט לאַכן זיי! עוכרי־ישראל! זיי פאַרדריסט, וואָס מיר בויען אַ בית־מדרש, אין זייער הינטיש געביין אַריין! מירן זיי ווייזן! — האָט איינער אַלץ געשריען, לויפנדיק אַף פריער, מאַכנדיק מיט די הענט אינדערלופטן, אין דער זון, וואָס האָט זיי פאַרשטראַלט, און טראַגנדיק די באַזוניקטע און אויסגע־ביילטע פויסטן נאָך העכער פון זיין אויפגערייצטן קאָפּ. ווילק און נאָך אַ פּאָר האָבן זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אַף דעם ערשטן לויפנ־דיקן אידן. עס איז געוואָרן אַ גרויס און אַלגעמיין געשלעג, אַ געמיש פון הענט און קעפּ און פיס.

פּאָליציי איז אָנגעלאָפן. פרענקל און שליאַפּניקאָוו און נאָך אַ פּאָר אייגענע איז געלונגען אַרויסצורייסן בערמאַנען אַ צעשלאָגענעם, אַ צעטראָטענעם און אים אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד ברייגנען אין דעם איינציקן האָספּיטאַל אין דעם געגנט. פרענקל האָט אוודאי געוואוסט, אַז ער ברייגנט איצט בערמאַנען אין בערנשטיינס האָספּיטאַל אַריין, און מיט ווייטיק געפילט און געטראַכט:

— ווי אומבאַהאָלפן אַ מענטש איז, און ווי ביטער דער צופאַל קאָן צושפּילן: — בערמאַן אין בערנשטיינס האָספּיטאַל!

קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

מיט בערמאַנען האָט ביי זיין קומען קיין ניו יאָרק געטראָפן אַ גאָר מאָדנער אומדערוואַרטער פאַל. ווען ער איז געקומען אַף זיין אַלטער ניו יאָרקער וואוינונג און צעעפנט זיין קעסטל מיט זאַכן, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט איבערגעלאָזן איידער ער איז אַוועק פון ניו יאָרק, האָט ער דאָרט צווישן קליידער, וועש, בריוו און אַנדערע פאַרלעגנערטע קליי־ניקייטן דערזען „קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיקע" אַן אַן איינבאַנד, און אַן אַלט, פאַרגעלט ביכל „מעשה הר"ן", מעשות פון רבי נחמן ברעסלאַווער. אים פלעגט שטענדיק אויסקומען אַביסל מאָדנע, וואָס אָט־די צוויי ביכלאַך באַווייזן זיך פון־מאָל־צו־מאָל פאַר זיינע אויגן, דווקא אינייינעם. לענדער און ימען זיינען אָט־די צוויי ביכלאַך אויסגעפאָרן מיט אים. ווי פלעגן זיך עפּעס אַלץ אַזוי מאָדנע פאַרוואַלגערן צווישן זיינע זאַכן און מיטפאָרן, ווי צוויי קמיעס.

די מעשות פון דעם ברעסלאַווער ווי אַ שמירה, ווי אַ טאַליסמאַן פון דעם טאַטן, פון דעם טאַטנס דור און דורות, און די „קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיקע" איז געווען ווי עפּעס אַ נייע שמירה, ווי אַ נייער טאַליס־מאַן פון זיין נייער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן אַזוי שאַרף אָפּגעלייקנט דעם טאַטנס. אים האָט זיך דאַך אַזוי שטאַרק געוואָלט אָפּרייסן און אָפּברעכן מיט דעם טאַטנס וועגן און גענג, און אָט־דיביידע ביכלאַך ביידע אינייינעם. אפשר טאַקע דערפאַר. כדי אָפּצושטופּן פון זיך וואָס שטאַרקער דעם טאַטנס וועגן, איז אָט־דאָס אומשולדיק ביכל גלייך מיטגעפאָרן מיטן „מעשה הר"ן". בערמאַן האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז עפן געטאָן דאָס פאַרגעלטע, אַלטע ביכל, גענומען לייענען. לכתחילה אַביסל פאַרדעכטיק געקוקט אַף דער עברי. אַף דעם אופן. מיטאַמאָל איז אָבער אַף בערמאַנען אַנאַנדער אָטעם גע־קומען. אַ ליכט אַ ריינס האָט גענומען שטראַלן פון די פאַרגעלטע, אָפּגעריי־בענע זייטלאַך. אַלע זיינע אויסגעוויטיקטע געדאַנקען האָבן זיך גענומען

פּאַרגאַנצן אַרום אַט־די אַלטע, אָפּט צעטומלטע און צעדרייטע, מעשׂות. דאָס, וואָס האָט אים ניט געטויגט אין די מעשׂות, האָט ער אויפגעהערט זען. און אויב אַ מעשׂה האָט אים ניט געזאָגט, וואָס אים האָט זיך געוואָלט, האָט ער איר מיט אַ לייכטער בליציקער באַוועגונג פון געדאַנק געמאַכט זאָגן. — און אַט־די מעשׂה קאָן מען אינגאַנצן איבערהיפּן—האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט וועגן דער אָדער יענער מעשׂה, וואָס האָט אים ניט געטויגט. — און פון יענער קאָן מען בלויז נעמען אַט־דאָס־אָ.. און די מעשׂה קאָן מען אַריבערשטעלן צום סוף, און פון דער קאָן מען גאָר מאַכן אַן אָנהויב. מען דאַרף נאָר פון אַט־דעם צופעליקן זאַג דאָרט מאַכן אַ גאַנצן יש און פון אַט־דעם זאַץ איז גענוג בלויז אַ האַלבער, און יענעם זאַץ קאָן מען איבערבויען אָט אַזוי און יענעם — אַזוי. און דאָ קאָן מען בלויז אַריינשטעלן אַזאַ ווענד־וואָרט. און די שטיק איז אפילו גוט, אָבער צום ענין דאַרף מען זי ניט.

און וואָס מער בערמאַן האָט געטראַכט וועגן דעם מעשׂה־ביכל, אַלץ ליכטיקער איז אים געוואָרן פאַר די אויגן. עס איז אים איינגעפאַלן, אמת מיט אַ שמייכל, אָבער אויך מיט אַ טיף־אויפגעלויכטענעם, אינ־ווייניקסטן גלויבן, אַז אַט־דאָס ביכל איז מיט אים אַרומגעפאָרן אַט־די אַלע יאָרן און האָט ממש געוואַרט אָף אַט־דער מינוט.

און בערמאַן איז אַרויס, האָט זיך צוגעגרייט פּאַפּיר, האָט זיך פאַר־שלאָסן אין זיין צימער מיט זיין פּאַרגאַנצטן, מיט זיין אויפגעלויב־טענעם „איך”, האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט פריער אויפגעשריבן דעם נאָמען: „דאָס פּאַרבאָרגענע ליכט”, און האָט זיך נאָכדעם מיט אַ פּאַרצערנדיקן פיבער גענומען שרייבן, און געשריבן אַן אַן אָפּהאַלט. געשריבן אַזוי אַ טאָג, אַ נאַכט, צוויי טעג, צוויי נעכט. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי לאַנג.

ווען בערמאַן איז פאַרטיק געוואָרן און האָט איבערגעלייענט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אָף זיינע פילע שטיקלאַך פּאַפּיר, איז אים גע־וואָרן קאַלט אין אַלע גלידער:

— וואָס האָט ער געהאַט צו דעם אַלטן רבי נחמן ברעסלאַווער? וואָס האָט ער אים געמאַכט זאָגן אַזוינע, פאַר אים ניט־מעגלאַכע, אפּיקורסישע געדאַנקען וועגן גאָט, וועגן הימל. ווער בין איך צו נעמען און פאַרגוואַלטיקן אַזוי אַן אַלט, פאַרהייליקט ביכל? און איך האָב נאָך גע־

מיינט די גאַנצע צייט, כאַפּט זיך בערמאַן, אַז רבי נחמן ברעסלאַווער אַליין זיצט לעבן מיר און איז צופֿרידן מיט דעם, וואָס איך טו. — האָט ער זיך אַ פֿאַרשעמטער, מיט ביטערקייט פֿאַרגעוואָרפֿן.

בערמאַן האָט זיך נאָכדעם אָנגעשטריינגט און נאָכאַמאָל איבער־געלייענט דאָס אָנגעשריבענע. ביי דעם צווייטן מאָל האָט ער גראָד ווייניקער געליטן פֿון געוויסנביסע. אין די מערסטע פֿאַלן איז אים אַליין שוין געוואָרן שווער צו וויסן, ווי עס ענדיקט זיך רבי נחמן ברעס־לאַווער און וואו עס הויבט זיך אָן זיין טייל פֿון דעם זאַץ, אָדער מעשה. אָבער אַלס צוגאָב צו זיין פֿריערדיקע גרויסער אַנטוישונג און אָן אַ שיר כּאַל ערגער פֿון זיין ליידן נאָכן ערשטן מאָל איבערלייענען דאָס אָנ־געשריבענע, איז געקומען דער בייזער, דער וויסטער געדאַנק: „עס איז אַ בוך, ס'איז טויט". יאָ. איצט איז דאָס געוואָרן אַזוי קלאָר, קלאָרער ווי ווען עס איז. דורך די אייגענע הענט איז איצט פֿאַר אים פֿאַרקערפּערט געוואָרן זיין אַמאָליקער צופֿעליקער געדאַנק, אַז אַ בוך איז ניט לעבן, איז ניט די לעבעדיקע וועלט, אַז אַ בוך איז יענע־וועלט, איז טויט.

אַלע מיינע געדאַנקען — האָט ער געטראַכט, און געוואוסט, אַז ער טראַכט שוין אַזוי ניט צום ערשטן מאָל — אַלע מיינע געדאַנקען קומען צו מיר שטענדיק אַזוי צופֿעליק אַליין, שטענדיק ניט־דערוואַרט. און דאָך זיינען זיי אַזוי ניט־צופֿעליק, אַזוי פֿאַרויס־באַשטימט דורך מיין פֿלייש, דורך מיינע ביינער. אַזוי ניט־דערוואַרט און אַזוי דער־וואַרט. ערגעץ האָט אַ מענטש אַ פֿונדאַמענט אַזאַ, וואָס טראָגט אים. ווי די גאַנצע מענטשהייט האָט אַ האַרץ, וואָס באַוועגט זי, ווי די גאַנצע וועלט האָט אַ וואָרצל, וואָס האַלט זי. יאָ, יעדער מענטש האָט אַ פֿונ־דאַמענט אַזאַ. און אָט־די צופֿעליקע ווערטער און געדאַנקען, וואָס רייסן זיך אַזוי אומדערוואַרט אַרויס, זיינען אפֿשר די אמתע סימנים פֿון דעם מענ־טשענס פֿונדאַמענט. די מיסטעריע פֿון מיין זיין, פֿון אַ מענטשנס זיין. איך דאַרף מן־הסתם טראָגן אַ מילשטיין אַרום מיין האַלדז, האָב איך מיר אָנגעשריבן אַ בוך.

ער האָט נאָך דעם אַן אויסגעשעפּטער גענומען אַרומגיין אין די גאַסן. ער האָט איבער אָט־דעם בוך שוין אַסאַך טעג ניט געגעסן, אָבער ער האָט פֿון עסן ניט געטראַכט.

די גאַסן האָבן געהילכט מיט מלחמה, מיט רעוואָלוציע און פּאָג־

ראַמען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ערגעץ שיסן מענטשן אױף מענטשן און ער שטייט צווישן זיי אַ דורכגעשאָסענער פֿון אַן אַ שיר קוילן און פֿאַלט ניט. זיי שיסן איינער דעם צווייטן און ער איז צווישן זיי דער מענטש, וואָס ווערט דורכגעשאָסן אַן אַ שיר מאָל. זיי שיסן איינער דעם צווייטן פֿאַר גרעניצן, שיסן זיך אױף ערד און אױף ימען, און ער האָט דורך אַלטע מעשׂות איצט אויפֿגעשטעלט פֿאַר זיי אַ בוך, וואָס לייקנט־אָפּ גרעניצן, אַ בוך, וואָס וויל איינטיילן די גאַנצע וועלט ניט אױף לענדער, נאָר אױף פֿאַכן, אױף ברידערלאַכע חבֿרשאַפֿטן, דאַרף מען אין אים שיסן קוילן פֿון אַלע זייטן. ער האָט זיך דאָך פֿאַרנומען אָפּצולייקענען גרע־ניצן שוין דעמאָלט, ווען ער האָט דאָ אין לאַנד גענומען בויען יוניאָנס. ער האָט דאָך שוין דאַן דורך די פֿאַר נישטיקע יוניאָנס געוואָלט איבער־טיילן די מענטשן לויט זייערע פֿאַכן. אַ נייע, גרויסע מענטשלאַכע קולטור וועט אויפֿקומען אױף דער וועלט, ווען די מענטשן וועלן זיך אויפֿהערן טיילן לויט רעליגיעס און לויט לענדער, נאָר לויט פֿאַכן און בארופֿן. דאַרף מען אין אַזאַ מענטשן איצט אוודאי שיסן, — ווייל זיי הרגענען זיך פֿאַר גרעניצן און ער קומט גאָר אינמיטן דערינען און לייקנט־אָפּ גרעניצן. זיי הרגענען זיך פֿאַר גאָט, און ער קומט און לייקנט־אָפּ גאָט. און איצט נאָך — פֿאַגראָמען. פֿאַרוואָס מאַכן מענטשן פֿאַגראָמען? ער קאָן דאָס אַזוי ווייניק פֿאַרשטיין, ווי ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. אָדער ריכטיקער, ווי ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן גע־דאַנק, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געשלאָגן געוואָרן פֿון אַ מענטשן לעבן בערנשטיינס שאָפּ. אָדער ווען ער איז דעם צווייטן מאָל געשלאָגן געוואָרן פֿון דעם פֿאָרמער אין דער פּרערי. אַלץ, וואָס איז מענטשלאַך, קאָכט אין אים אויף, ביי אָט־דעם ברוטאַלן אויפֿשטיין פֿון מענטש אױף מענטש.

ביכער האָבן דאָ ביז איצט ניט געהאָלפֿן און וועלן אויך אױף ווייטער ניט העלפֿן. מען דאַרף גיין אין גאַס מיט דער גאַס — האָט בערמאַן באַשטימט. — צו אַלדי גוטע יאָר מיטן בוך. דאָס בוך איז פֿאַר דעם אינ־טעליגענטן מענטשן, פֿאַר דעם מענטשן, וואָס איז שוין האַלב אַ יענ־וועלטיקער. ביכער זיינען יענע־וועלט.

מען דאַרף אַרויס מיט אַ פּויק אין די גאַסן. מען דאַרף גיין, ווי די גאַס גייט, זיך אָוועקשטעלן צווישן עולם און אים דערקלערן, אַז ניטאָ מער קיין הימלשע וועלט און ניטאָ מער קיין גאָט אין הימל. אָט־די

פעלדער, די טייכן, די שטעט, די גאַסן, די מויערן און אַלץ, וואָס מיר זעען מיט אונזערע געטלאַכע אויגן, און אַלץ, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון אונזערע געטלאַכע הענט, איז שענער און געטלאַכער פון אָט־די אַלע אויסגעטראַכטע מעשות פון אַ הימלשער וועלט, פון אַ יענער־וועלט. מענטשן, לאָמיר פונדאַסניי כורת־ברית־זיין מיט גאָט. גאָט איז ניט מער קיין איבערנאַטירלאַכע, הימלשע דערשיינונג. ניטאָ מער קיין גאָט אין הימל, באַפרייט זיך פון דעם וואָרט גאָט, ווייל ערגעץ וואָרצלט ער אין אייך פערזענלאַכע פאָרמען. עס איז איצט צייט פון רעוואָלוציע. יאָ. די מענטשהייט דאַרף נויטיק אַ רעוואָלוציע, אַ גאַנצע, אַ גייסטיקע און אַ מאַטעריעלע.

בערמאַנען איז געוואָרן קלאָר, אַז די מענטשהייט דאַרף איצט אַ רעוואָלוציע. די מיסטעריע פון דער צייט טרייבט אַלץ אַף דעם וועג פון רעוואָלוציע, און מען דאַרף מיט אַלע כוחות העלפן די ווינטן פון דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע וועט אָבער קיינמאָל ניט זיין קיין גאַנצע, אויב מען וועט ניט אויפשטעלן קיין נייעם, גייסטיקן אָבע־ליסק פאַר דער מענטשהייט. מען דאַרף צעברעכן אַלע רעליגיעזע הייזער. דער הימל ליגט איצט אויסגעשפּרייט ווי אַ טעפּיך אונטער אונזערע פיס. די אידייע פון אַ מאָראַלן צענטער, די אידייע פון „דעם אמתן ליכט פון דער וועלט", איז אַ גרויסע אידייע, נאָר פאַרוואָקסן איז זי ביז איצט געוועזן מיט אַ גראָבער שאָלאַכץ. מען דאַרף אויפברעכן די שאָלאַכץ און באַפרייען די ריינע אידייע פון איר. מען דאַרף מאַכן נייע יום־טובים, יום־טובים, וואָס זאָלן אָפּלייקענען הייזער, וואָס זאָלן אָפּלייקענען גרע־ניצן, סוכות דאַרף ווערן אַ גרויסער וויכטיקער אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב אַף דער וועלט.

אַ גרויס און נאָך־ניט־אַנטפּלעקט ליכט ליגט נאָך דערהאַלטן אין די פריערדיקע דורות. אמת, אַסאַך פון די דורות, וואָס האָבן דאָס ביז איצט געטראָגן און דאָס געבראַכט ביז צו אונזערע היינטיקע טעג, זיי־נען אַליין געוועזן בלינד, ווייל אַזוי האָט מן־הסתם געוואָלט און געדאַרפט די מיסטעריע פון דורות און פון פאַרשיידענע מענטשלאַכע אַנטוויקלונ־גען און פאַרהעלטעניש. אָבער אַן אַרבעט אַ וויכטיקע האָבן זיי פאַר אונז געטאָן מיט דעם, וואָס זיי האָבן דאָס אויפגעטויכטע ליכט פון אַטאַליקע גרויסע דורות דאָ און דאָרט דערהאַלטן פאַר אונז. מיט אַ

פויק אין די גאַסן דאַרף מען זיי דאָס דערקלערן. מען דאַרף דאָס אין ליכטיקער ריינקייט ברענגען פאַר דעם פאָלק. זאָל דאָס פאָלק דאָס דערזען און דערהערן און זאָל עס פון זיי אויפנעמען און ווערן מיט פרייד. זאָל די רעוואָלוציע קומען, און זאָל זי ניט זיין קיין האַלבע. — אַ גאַנצע. נאָר אַ גאַנצע רעוואָלוציע קאָן אינגאַנצן אויסלייזן די מענטשהייט.

מען דאַרף פאַר זיי צעברעכן דעם הימל. מען דאַרף זיי דערקלערן און דערווייזן, אַז די ערד, אַף וועלכער זיי טרעטן מיט די פיס, איז דער אמת־זיך, דער העכסטער אמת. מען דאַרף זיי דערווייזן, אַז די וועלט, אַף וועלכער זיי טרעטן מיט די פיס, איז אַ מעשה, אַ גרויסע און וואונדערלאַכע מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן ניט דערציילט. מען דאַרף זיי דערווייזן, אַז אַלע אונזערע האַנדלונגען, אונזער גאַנצער פאַרגאַנגענער און איצטיקער לעבן מאַכן אַ יין גרוים מענטשלאַך געוועב, אַ געוועב, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן ניט דערוועבט. זאָלן זיי וויסן, אַז דאָס לעבן פון יעדן מענטשן באַזונדער, דאָס לעבן פון יעדן איינציק פאָלק און פון אַלע מענטשן און פעלקער אינאיינעם, אַלע, אַלע, מיט זייער מידיקייט, מיט זייערע ליידן און פריידן, מיט זייער חלומען און האָפן, מיט אַלץ, וואָס איז געשען און וועט געשען, איז איין גרוים און ליכטיק געוועב, וואָס ווערט פון אונז געוועבט צוליב נאָך מער ליכט, אָט־דאָס געוועב איז דער אמתער זין פון אונזער לעבן. ניטאָ אין אָט־דעם געוועב קיין אָפּצאַמונגען פון מענטש צו מענטש, קיין גרעניצן פון פאָלק צו פאָלק.

אַ קינד, וואָס ווערט נאָר־וואָס געבוירן, וועבט זיך גלייך אריין אין אונזער גרוים, מענטשלאַך־געטלאַך געוועב מיט זיין געבורט, מיט זיין ערשטן געשריי, מיט זיין ערשטן שרעק, מיט זיין ערשטן הונגער. יעדער פון אונז וועבט אריין זיין מיסטעריע, זיין גוטן אָדער שלעכטן פאָדעם אין אַ געוועב, וואָס איז איינס און איז אייביק פאַר דער וועלט. אַלע מענטשלאַכע הערצער זיינען איין גרוים מענטשלאַך האַרץ און די קוואַלן פון אַלע אונזערע האָפענונגען זיינען איין גרויסער מענטשלאַכער קוואַל. און דאָס האַרץ שטייט קעגן קוואַל און דער קוואַל שטייט קעגן האַרץ און ציען איינער צום צווייטן און ציטערן און פלאַטערן פון גרוים ליבע.

אזוי האָט בערמאַן אַלץ געטראַכט און געהאָפט, געברענט מיט באַגייסטערונג, ווען ער האָט נאָכדעם צום עולם גערעדט. ער האָט געפילט, אַז ערגעץ קאָן בשעת־מעשה שטיין גאַבריעל צווישן זיינע צוהערער

און טראַכטן דערבײַ מיט אַ פּאַרניכטנדיקן שמייכל אַף די ליפּן: „איי, איז דאָס אַן אייזל, אַן אייזל...” אָבער דאָס האָט בערמאַנען ניט אָפּגעהאַלטן. און גאַבריעל איז טאַקע נאָכדעם געשטאַנען צווישן עולם, ווען בערמאַן האָט גערעדט, געשטאַנען און געלאַכט, אָבער בערמאַן האָט זיך מיט דער גרינגקייט פון אַן אָדלער אויפגעהויבן הויך איבער דעם און האָט דעם ווייטיק ניט געפילט. און אויך פון די קלעפּ, וואָס האָבן נאָכדעם אַזוי בייז און שווער גענומען פאַלן אַף אים, האָט ער דעם ווייטיק ניט געפילט. נאָר שאַרף און שווער און ביטער איז געווען דער ווייטיק, וואָס פונקט אין דער מינוט, ווען ער האָט גענומען צוקומען צום סאַמע עצם ענין, האָט מען ווייטער רעדן ניט געלאָזט. פיינלאַכער פון אַלץ איז געווען דער געדאַנק, אַז ער האָט זיי, ווייזט אויס, ניט דערוויזן, וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געריסן צו דערווייזן.

אָט דערפאַר שלאָגט מען, אָט דערפאַר טרעט מען מיט די פּיס.

מע שלאָגט ניט, ווייל דו ביסט אומגערעכט — מען שלאָגט, ווייל דו האָסט ניט גוט דערקלערט, און מען לאָזט דיך ניט דערקלערן, כאָטש דו בעטסט זיך אַזוי שטאַרק: „לאָזט מיך, לאָזט מיך!...”

קאַפּיטאַל זעקסאונדסייסיק

גערטרוד איז געווען ערנסט קראַנק, און די דאָקטוירים האָבן אַלע געזאָגט, אַז דאָס איז פון בלוט־פאַרגיפטיקונג פון דעם מעסער־שניט. די מאַמע פלעגט אַלץ וויינען איבער איר, זי זאָל איר זאָגן, ווי אַזוי דאָס איז געשען. גערטרוד אָבער האָט ניט געענטפערט. עס איז געווען איר גרויסער סוד, און איר האָט אינגאַנצן ניט געאַרט, וואָס מען טראַכט וועגן איר. דער פאָטער האָט זיך איינמאָל צוגעזעצט צו איר:

— גערטרוד, דו ביסט קראַנק, דו ביסט זייער קראַנק, גערטרוד, מען דאַרף דיך נעמען אין האָספּיטאַל; בערנשטיין האָט אַ גרויסן האָספּיטאַל, ער איז דער פּרעזידענט און די דאָקטוירים וועלן טאָן אַלצדינג פאַר דיר.

דאָס האָט פיינמאַן גערעדט צו איר, ווייל פאַניא האָט אים געצוואונגען דאָס צו טאָן, גלויבנדיק, אַז ער וועט דאָס ביי איר גיכער אויספירן. גערטרוד האָט אָבער אַלץ געטענהט, אַז אין בערנשטיינס האָספּיטאַל וועט זי ניט גיין. זי וועט ניט.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס זי ווייסט שוין, אַז בערמאַן איז געשלאָגן געוואָרן פון בערנשטיינס גיינגסטערס, און אַז בערמאַן האָט פאַרלאָרן זיין קאַמף מיט בערנשטיינען, ווייל בערנשטיין איז אַ ברוטאַלער מענטש. זי האָט אַלע יאָרן פיינט געהאַט בערנשטייינען פאַר זיין ליבע מיט איר מאַמען, און איצטער איז איר כעס און פשוטער עקל פילפאַך פאַרגרעסערט געוואָרן. זי האָט אָבער זייער שטאַרק מיטגעפליט מיט איר פאָטער, און כדי אויסצומיידן צו רעדן וועגן דעם, האָט זי ליגנדיק אין בעט זיך אָנגערופן מיט אַ ווייך און ציטעריק קול:

— דו וואָלסט וועלן פאָרן קיין רוסלאַנד, פאָטער?

— יאָ, גערטרוד, — האָט זיך פיינמאַן אָנגערופן — נאָר מיר קאָנען ניט פאָרן איבער דיר. ווער געזונט, גערטרוד, וועלן מיר אַלע פאָרן אַהין — און ער האָט צוגעגעבן: — אפשר איז דאָרט בערמאַן?...

— דו האָסט ליב בערמאַנען?

— יאָ — האָט איר פיינמאַן געענטפערט מיט אַ געבראָכן געמיט.

— פאטער, דערציי׳ל מיר נאכאמאל פון אט־דער כינעזישער וואזע, וואס דו האסט אמאל פאר דער מאמען אין לאנדאן געקויפט. וואס איז געווארן פון אט־דער וואזע? וואו איז אהינגעקומען די וואזע?

— קינד מיינס, ווייסטו דען ניט, אימיצער האט די וואזע צעבראכן נאך אין דער אייגענער נאכט, אין דער אייגענער צייט, ווען די מאמע האט אזוי אפן ארויסגעזאגט, אז זי האט מיך ליב. אט־אזוי מיט די הענט האט יענער די וואזע א הויב געטאן, זי צעבראכן און נאכדעם אף די שטיקלאך געטאנצט, — האט פיינמאן פארענדיקט מיט טרערן אין זיינע אויגן און אין זיין קול.

— און דו האסט נאך אלץ אזוי ליב די מאמע, פאטער?

—יא, טאכטער.

— אלץ אזוי שטארק. און יענער האט דיר אזא טייערע וואזע צע־בראכן דערביי.

— יא, טאכטער. קום אין האספיטאל, ראטעווע זיך.

—ניט אין בערנשטיינס, טאטע — ענטפערט זי.

— אבער דארטן וועסטו דאך זיכער קריגן די בעסטע דאקטוירים.

אט אין דער צייט זיינען די פיינמאנס אויפגערופן געווארן אפן טעלעפאן. פרענקל האט גערופן:

— בערמאן איז אין האספיטאל. עס וואלט געווען ראטזאם צו ברייננען איצט גערטרודן אהער. ער בעט דאס, ער בעט דאס זייער שטארק.

ווען גערטרוד איז געוואויר געווארן, אז בערמאן איז אין האספיטאל, איז זי א פיבערדיקע אויפגעשפרונגען פון בעט, זיך אף גיך, ווי א געזונטע, אין גרויסער איילעניש געגומען אנטאן, ארויפגעווארפן אף זיך א ווייס קלייד, געקומען אין האספיטאל, אין בערנשטיינס האספיטאל.

VIII
ווי אַ ווייסער פויגל

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

בערמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ גרויסן טונקעלן צימער, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ ווייסקייט פון פענצטער, און מיט אַ ווייסקייט פון ווייס־פאַרשפּרייטע בעטן. שטראָמען זון־ליכט האָבן זיך דורך די פענצטער משופּעדיק געשניטן איבערן גרויסן האָספּיטאַל־צימער. אַ פּאָר ביסלאַך מענטשן זיינען געווען אין האָספּיטאַל. מענטשן און בעטן זיינען אויסטערליש צעפּאַסט געוואָרן פון די שטראָמען שאַרף־געשניטענעם פענצטערדיקן ליכט. ערגעץ האָט ער שוין אַמאָל געזען אַזאַ דערשיינונג. מענטשן זיינען שוין ערגעץ אַמאָל אַזוי צעפּאַסט געוואָרן פון ליכט און שאָטן, נאָר ער קאָן זיך ניט דערמאָנען ווען... גלייך לעבן זיין צוקאָפּנס האָט ער דערזען גערטרודס צוויי אָפענע ליבטיקע אויגן. אָט־די צוויי גוטע גרויסע אויגן, איינגעפּאַסט אין גערטרודס שלאַנק געשטאַלט. אָט־די צוויי אויגן זיינען גערטרוד. און גערטרוד אַליין שטייט אויך לעבן אים אינאיינעם מיט אָט־די גוטע אויגן. דאָס זיינען גט נאָר אויגן, וואָס זעען, דאָס זיינען אויגן, וואָס האָרכן. זיי שפּיגלען בישופעדיקן געהער פאַר זיך און פאַר דיר. איר געשטאַלט איז אויפגעשלאַנקט ווי שטענדיק און האָט עפּעס איצט אַזוי פיל גוטסקייט, אַזוי פיל פאַרטרויען. עס לויכט און אָטעמט פון איר מיט שטילקייט און ציטערדיקער אויפרעגונג.

אָט־די שלאַנקע גערטרוד, וואָס איז איצט געשטאַנען איבער אים אין אַ ריין, ווייס קלייד, האָט אויסגעזען ווי אַ יונגע באַרמהאַרציקע שוועסטער. זי איז זיין ווייב און זיין כלה, און אויך זיין באַרמהאַרציקע שוועסטער. בערמאַן האָט פאַר אַ ווײַלע ניט געוואוסט פאַרוואָס און ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זי און ער קומען אַהער. די ווייסלען און די גרויסע טונקל־ברוינע אַפּלען פון אירע אויגן האָבן אינאיינעם מיט איר וויייד־בויגעוודיק געשטאַלט באַרואיגנדיק און לאַקנדיק געלויכטן. אין קאָפּ ביי בערמאַנען איז איצט גראָד געווען אַזוי שטיל און קלאָר, אַז אַ

גערַאנק האָט דאָרט ווי אַ זייטיקע זאַך אַזאַ אויפגעוואַכט און פאַר זיך אַליין אַ טראַכט געטאָן:

— אַ מענטש, וואָס זעט פאַר זיך אין שטילע מינוטן זיין געליבטע ניט איר אָן־סופיקער ריינער געטריישאַפט, זעט אפשר פאַר זיך דע־מאָלט די אמתע נשמה פון דער וועלט. דאָס אָפּגעדעקטע האַרץ פון דער וועלט. דאָס וואַכט איבער דיר אַזוי דער אַ מ ת ע ר קוואַל פון דער וועלט, דאָס שפילט פאַר דיר אַזוי שפילעוודיק דער פולס, דער אָטעם פון דער וועלט.

אַ כמעט ניט־צוריקהאַלטנדיקע גלוסטונג איז מיטאַמאָל געקומען איבער בערמאַנען: גערטרוד! — האָט ער מיט אַן אומענדלאַכער צערטלאַכקייט, כמעט ווי אָן ווערטער, אַרויסגעזאָגט.

גערטרוד האָט פון דעם אַזוי ווי ערשט נאָר־וואָס אויפגעבליט. איר שרעק און פאַרצווייפלונג האָבן אויפגעבליט אינאיינעם מיט איר. זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אַף אים, אירע גוטע לאַנגע פינגער האָבן אָנגערירט דעם ניט־פאַרבאַנדאַזשירטן טייל פון זיין שטערן. זי האָט פאַרשאַרט די פייכט־געוואָרענע האָר זיינע און מיט דער צווייטער האַנט פאַרריכט דעם מיט אייז־אָנגעפילטן גומענעם פענכער, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אַף זיין צעביילטן, פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ.

— בערמאַן טייערער! זעסטו מיך איצט? דאָס בין איך — גער־טרוד — האָט זי צו אים געזאָגט מיט שטילן שרעק אין די אויגן און אַ קוים־אויפגעוואַכטן שמייכל אַף די ליפּן, ווי נאָר זי האָט דערזען, אַז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן.

בערמאַן אָבער האָט זי אַלץ אָנגעקוקט, און מיט אַזאַ גוטן, שטענ־דיקן קוק, מיט וועלכן אַ געליבטער קוקט אַף זיין געליבטער אין מי־גוטן פון ריינעם פאַרשטיין, אַז ער האָט ליב.

האָט זי פון דעם נאָך מער אויפגעלויכטן און געזאָגט:

— בערמאַן טייערער. זינט דו ביסט אַוועק האָב איך דאָך אַלץ געוואַרט אַף דיר, מיין האַרץ, מיין שטערן, מיין הימל... בערמאַן, בערמאַן.

בערמאַן האָט געקוקט אַף איר, זיך אַלץ געוואָלט אָן עפּעס דער־מאָנען און ניט געקאָנט. — ווער איז... — האָט בערמאַן אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגערעדט, ניט קאָנענדיק דערענדיקן, און אָנגעוויזן

מיט די אויגן אף שליאַפּניקאָוו, וואָס איז אַ צעפּאַסטער פון ליבט און שאָטן געשטאַנען צווישן די בעטן ניט ווייט פון פרענקלען.

—דאָס איז שליאַפּניקאָוו, אַן אַלטער פריינט... דו קאָנסט אים...

בערמאַן האָט זיך אָנגעשטריינגט, געטראַכט, זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ער קאָן זיך ניט דערמאָנען, זיך דערמאָנט, און געבעטן:

— זאָל ער צוגיין.

שליאַפּניקאָוו, וואָס האָט נאָר־וואָס געהאַט געזאָגט צו פרענקלען, אַז בערמאַן איז ווי אַ יוסף אַ ריינער, איז צוגעקומען איינינעם מיט פרענקלען, זיך געווענדט מיט זיין גוטן קול צו בערמאַנען:

— נו, ווי פילט איר זיך, הער בערמאַן?

בערמאַן האָט אים אָנגעקוקט, געטראַכט און געזאָגט:

— יעדער מענטש, יעדער מענטש טראָגט זיך... יעדן מענטשנס בליק, יעדן מענטשנס קול דערציילט פון דעם טראָגן זיך. מענטשן — —

— אין אייך וועלט פונדאַסניי געבוירן דער אַלטער, ביבלישער טיפּ, הער בערמאַן. נאָר זיי זיינען פאַרדאַרבענע, זיי שלאָגן אַן אייגענעם מענטשן, ווי יוספס ברידער האָבן יוספן געשלאָגן, אים אין גרוב גע־וואָרפן.

בערמאַן האָט דאָ דערפילט שאַרפע ווייטיקן איבערן גאַנצן לייב. דאָס פּנים האָט זיך אים צונויפגעצויגן פון פיין. ער האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— איך בין דאָס ניט ווערט, ניין!

— מיר ווייסן דאָס אַלע, מיר ווייסן... — האָט שליאַפּניקאָוו גענו־מען טרייסטן.

בערמאַן האָט געזען, אַז מען פאַרשטייט אים שלעכט. ער האָט אָפּ־געאָטעמט פון אָנשטריינגונג, צונויפגעזאַמלט כוחות און זיך נאָכדעם מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן כמעט אַף האַלב פון בעט. גערטרוד האָט אים אונטערגעכאַפּט. האָט ער זיך געלאָזן האַלטן פון אירע הענט און אַרויפ־געלייגט איינע פון זיינע הענט אַף אירע. עפּעס האָט דורך ווייטיקן אַזוי וואונדערלאַך גענומען זינגען אין אים פּ׳ן דעם, און ער האָט מיט אָנשטריינגונג געזאָגט צו שליאַפּניקאָוון און די אַנדערע אַרום אים:

— יעדער איד איז וויכטיק. שוין דערמיט אַליין, וואָס ער טראָגט מיט זיך דעם מין איד אַף דער וועלט, איז ער וויכטיק. אַט שוין מיט דעם,

װאָס אַלס פֿאָלק לײקענען זײ, מיט זײער זײַן, די גױטיקײט פֿון גרעניצן אױף דער װעלט, — איז דער איד גרױס און װיכטיק. אַ איד איז װיכטיק אַפּילו, װען ער װײסט אַלײן ניט, אַז ער איז אַ איד, װען אַנדערע װײסן. אַז ער איז אַ איד, איז ער װיכטיק, װײל זײ װײסן: — אָט איז אַ מענטש פֿון אַ פֿאָלק, װאָס לעבט אױף אָפּצולײקענען די גרעניצן פֿון דער װעלט. ער העלפֿט מיט זײַן זײַן אױסצוראָטן דעם גײסט פֿון די שלאַנגען־נעסטן פֿון דעם פּנים פֿון דער ערד. איך האָב ניט פֿאַרדינט, אַז זײערע הענט זאָלן פֿאַלן אױף מיר. איך האָב דאָס ניט פֿאַרדינט. נײן. — און ער איז געבליבן שטײן. אין קאָפּ איז, דאַכט זיך, אַלץ געװען אַזױ קלאָר און ליכטיק, נאָר װערטער האָבן געפֿעלט. אָט װי פֿריער האָט דער זכרון געפֿעלט.

— בערמאַן, באַרואיקט זיך — האָט שליאַפּניקאָװ אַ געריהרטער געזאָגט — איך פֿאַרשטײ אײך, בערמאַן. איר דערמאָנט מיך אין זיך אַלײן. איך פֿלעג אַלײן אַזױ שטענדיק טראַכטן פֿון פֿאָלק, טײערער.

אָטעם און װערטער האָבן בערמאַנען געגומען פֿעלן, נאָר דער געדאַנק איז געװען קלאָר, און בערמאַן האָט דאָ מיטאָמאָל פֿאַר זיך אַ טראַכט געטאָן:

„אױך אים דערמאָן איך אױף זיך אַלײן. און איך האָב געמײנט, אַז ער איז אַ מענטש, װעמען איך דערמאָן ניט. איך, בערמאַן... גאָט מײנער, פֿאַרװאָס דערמאָן איך אַלץ אַזױ פֿיל מענטשן אױף זײ אַלײן?"

— און ער האָט זיך נאָכגעלאָזט און איז צוריקגעפֿאַלן אין בעט. געװען עפּעס אַ מין אָנהאַלט, אַ מין טרײסט אין דעם, װאָס אָט איז אַ מענטש, װעמען ער דערמאָנט ניט... און דאָ...

פֿרענקל האָט געקוקט אױף בערמאַנען די גאַנצע צײט, געקוקט און געטראַכט און איז אַזױ װי אױפֿגעגעסן געװאָרן פֿון טראַכטן. ער האָט סוף־כּל־סוף אינגאַנצן ניט געקאָנט באַגרײפֿן אָט־דעם בערמאַנען:

„ער מײנט דאָס, װײזט אױס, גאַנץ ערנסט מיט דער סוכּה־אידײע. געגומען װאַקסן װי פֿון מײַן אינגעװײט, װי אַן אײגן ליכט פֿאַר די אױגן. און איצט װיל ער נעמען אַ שטיק שימל און דאָס מיט אַן אױסטערלישע ליכט באַשטראַלן. און װי געשיקט זיך דאָס, בײַ הײַנטיקע צײַטן זאָל אַ יונגער מענטש זיך אונטערנעמען אױפֿצושטעלן דעם ענין פֿון סוכּה?

„ מיט װיפֿל עקשנות ער באַמיט זיך דאָס אַראָפּרײַבן דעם שימל

און אַרויסקריגן דעם שיין. אַלס אַ סימבאָל פון דער אַפּלייקענונג פון גרעניצן וויל ער אויפשטעלן די סוכה. אפשר איז טאַקע דאָ עפּעס אַ געוויסער אמת אין דעם, אַז אַן אַלטער דור ראַנגלט זיך דורך אים. אפשר ויע־אַט־רט דאָס אַזוי מיט אונז דורך א י ם אַ שוין־לאַנג פאַר־גאַנגענער דור?

אַט־די אייביקע דעבאַטן! מענטשן דעבאַטירן צווישן זיך און קומען צו קיין טאָלק ניט. דורות דעבאַטירן צווישן זיך און קומען צו קיין טאָלק ניט, און די וועלט גייט־אָן איר וועג.

איך האָב אַלע מיינע יאָרן דעבאַטן. שטיי אַלעמאָל אינמיטן פון דעבאַטן — איך, וואָס האָב פיינט דעבאַטן. אפשר איז דאָס אויך אַן עפּידעמיע, אַ מיסטעריע אַזאַ, אַ מיסטעריע פון אַ מענטשן. און מיט וואָס פאַר אַ חוצפּהדיקער זיכערקייט דער איד דאָרט האָט אים היינט דערציילט דעם שמועס פון משה מיט גאָט וועגן עגל! אָט צו אַזוינע איינגעגלויבטע מענטשן שטעלט מען זיך אַוועק רעדן וועגן צעברעכן דעם הימל, וועגן צעברעכן די בתי־מדרשים, און נאָך פּונקט דעמאָלט, ווען זיי האַלטן אין בויען אַ נייעם בית־מדרש פאַר גאָט און פאַרן הימל".

אין פרענקלען האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגלט אָט־דאָס אַמאָליקע טעמפּע, אָנגאָמענדיקע געפיל, וואָס האָט אין אים אויפגעוואַכט נאָך אין יענע טעג. ווען ער איז אַליין געקומען פון דער ווייטער פרעמד און איז אַ פּאָר מאָל געבליבן שטיין פאַר דעם בית־המדרש, אַריין אינעווייניק. עפּעס געזוכט דאָרט און ניט געקאָנט געפינען — געפונען בלויז נייעם כעס און פאַרביטערונג קעגן דעם שימל, קעגן די שוואַרצע כוחות, קעגן דער פאַרלאָרענער ענערגיע. „גאָט האָט אַף דער וועלט אַ גרויסע וועלט צעשפּרייט" — פלעגט אים דעמאָלט אַלץ קומען אַף די געדאַנקען. פלעגט זיך לייגן אַפן צונג, און דאָס וואָרט „גאָט" פלעגט זיך לייגן אַפן האַרצן ווי אַן אָנגעגליטע וואונד, דאָס וואָרט „הימל" — ווי אַ פינצטערע, שווערע משא. סוכה — אַ שטיק הוילער אומזין, ווילדע משוגעת, כאַאָס. ער, אָבער, לייגט דורך דעם אַ וועג. אָט איז בערמאַן אַ צווייטער פרענקל — געקומען. איז ער אַריין אין בית־מדרש, אַריין אין דעם גאַנצן שימל און אַרויס פון דאָרט אַ מאָדנע דורכגעלויכטענער, מיט אַ זשעסט פון איינעם, וואָס רייסט אַראָפּ דעם הימל, צעברעכט אים און שפּרייט אים אויס ווי אַ טעפּיך אונטער אַלעמענס פיס, נעמט אַוועק פון גאָט דעם

נאמען „גאט", מאכט אים כמעט פאר אויס גאט. הייסט ברעכן די בתי־מדרשים און די קלויסטערס, און וואס ניט. און אז מען האט אים געשלאגן, האט מען דאך אויך מיך אמאל געשלאגן, ווען איך האב געהייסן זיי גיין „אויסרויכערן". יעדער דור טוט זיין חוב, נאר ווי אנדערש דאס קומט ארויס. שליאפניקאוו האט אמאל ריכטיק געזאגט: עס איז ווי א פיוגע. און טאקע אט זיין געדאנק וועגן סוכות... עס איז דאך ווי מיין אייגענער געדאנק אמאל, נאך גאר אמאל, ווען איך האב דא נאר־וואס געגרינדעט די „אפגעריסענע בלעטער". האב איך דען דעמאלסט ניט געטענהט, אז גראד דאס, וואס מיר זיינען אפגעריסן, קאן אונז העלפן שפילן א דערלייזערישע ראל אין דעם מענטשלאכן לעבן? דאס איז דאך געווען כמעט דער אייגענער געדאנק פון אפלייקענען גרעניצן... נאר ביי אים קומט דאס אבער פארט ארויס אנדערש. ער, בערמאן, איז דאך אייגנטלאך אהער אין לאנד לכתחילה געקומען מיט די „עם־עולמניקעס", וואס האבן זיך געהאט פארגומען צו לערנען די פעלקער פון דער וועלט צו דערזען און פארשטיין דעם אמתן ווערט פון דעם פאלק פון דער וועלט. געקומען אהער אזא גרויסער, אזא שטארקער, מיט אזוינע ברייטע אקסלען — און וואס פון אים איז דא געווארן — טראכט פרענקל ווייטער וועגן בערמאנען. — אמאליקע יארן וואלט אפשר פון אזוינעם א הייליקער מארטירער געווארן. אפשר טראגט ער טאקע אף א געוויסן אופן אונזערע ווייטיקן, אונזער דראנג. עפעס איז ער ווי א מארטירער פאר אונזער בלאנדזשעניש, פאר אונזער פארבלאנדזשעטן דור. אפשר איז ער, ווי שליאפניקאוו זאגט, א יוסף א נייער.

פרענקל זיפצט אינעווייניק אונטער דעם דרוק פון אט־די געדאנקען און די געדאנקען זיינען ביי אים איצט בלויז א קליינער טייל פון א גאנצן פלאנטער פון געדאנקען און געפילן.

ער דערמאנט זיך, ווי בערמאן האט אין שליאפניקאווס הויז אלץ געטענהט, אז דאס מיסטעריעזע און דאס מאטעריעלע זיינען צוויי העלבע פון איין גאנץ פערד.

און ער כאפט זיך:

— ביי מיר האט אפשר אלץ איין האלב פערד אונטערגעהונקען. דערפאר, אפשר, מיין אנדערשדיקער צוקומען צום בית־המדרש אין מיין

צייט. אַט־דער בערמאַן אָבער וויל דאָס, ווייזט אויס, דווקא אַריינפירן אַף אַ ניט הינקענדיק — אַף אַ גאַנץ פערד.
און פרענקל דערמאָנט זיך פלוצלונג:

אין דער צייט פון דעם געשלעג זיינען אויך ווילק און בעני אַנ־געלאָפן. אימיצער האָט, דאַכט זיך, אַף אימיצן אַ מעסער געצויגן. אַף וועמען איז געצויגן געוואָרן דער מעסער? און אפשר האָט זיך נאָר מיר אויסגעדאַכט. און אפשר וויל מען מיך אָפּראַמען פון וועג, ווייל מען מיינט, אַז איך הויב ווידער אָן קריגן מאַכט... ביי זיי איז דאָך דאָס אַ שיטה א.א. און ער גיט אָן אינעווייניקסטן זיפץ. ביי זיי איז דאָך דאָס אַזאַ פאָרמע פון דעבאַטע. זיי אָבער דעבאַטירן אַף אַ גאַנץ אַנטשיידענעם אופן — כאַפּט זיך פרענקל און גיט דערביי ווידער אָן אינעווייניקסטן זיפץ און אַ טראַכט: גוט נאָך, וואָס די פיינמאַנס פאָרן ניט. אַ רחמנות אַף זיי, אָבער איבער געריטרודס קראַנקייט מוזן זיי בלייבן דאָ. די בייני־קעניש וואָלט אָן זיי דאָ געוואָרן אַסאַך גרעסער, דער ברוטאַלער לעבן דאָ — אַסאַך האַרטער. און אפשר האָט מיט אים — טראַכט ער ווי־דער וועגן בערמאַנען — טאַקע געטראָפן דאָס, וואָס מיט מיר אַמאָל, ווען איך האָב פאַרלאָזן ניו יאָרק און בין אַוועק אין די פּרערי־געגנטן?

ביי פרענקלען ווערט פאַר אַ מינוט זיכער, אַז אַזוי האָט געוויס פּאַסירט אויך מיט בערמאַנען, ווייל וואָוהין פאַרט קאָן אַ מענטש אינ־מיטן דערינען אַוועק פון ניו יאָרק און קומען צוריק אַזוי געאַנדערשט? און פרענקל — אַליין אַ צעביילטער, גייט מיטאַמאָל צו גאָר נאָענט צו בערמאַנען, אים קוקנדיק גלייך אין די אויגן:

— ווי שלעכט עס זיינען די שרעקלאַכע פרערי־נעכט... ווי האַרט עס זיינען די קלעפּ פון פרעמדע...

עס איז אַרויסגעקומען אַזוי פלוצלונג, אַזוי אומדערוואַרט.

בערמאַן האָט זיך אין זיין ליכטיקייט אַ וויג געטאָן, אַ טראַכט געטאָן, פאַרשטאַנען, אַז מן־הסתם האָט זיך אָן ענלאַכער פאַל אַמאָל אויך פאַרלאָפן מיט פרענקלען. זיך דערמאָנט, אַז פרענקל האָט דאָך אַלעמאָל געמיינט, אַז ער, בערמאַן, איז אַ פאַרזעצונג, איז אַ צווייטער פרענקל. אַט־דער פרענקל, וואָס איז אַזוי שטאַרק קענען מיסטעריע, טראָגט זיך זיין פאַרלאַנג פאַר אַ צווייטן פרענקל און דערהויבט אים צו מיסטעריע, זוכט זיין מיסטעריע און געפינט זי... און אפשר טאַקע איז אויך פרענקל

דאָרט געווען און איך בין אַף זיין וועג געגאַנגען... דורות גייען מן־הסתם אַזוי...

אין קאָפּ איז קלאָר און ליכטיק, נאָר געדאַנקען פעלן. בערמאַן מאַכט־צו די אויגן. דער דאָקטאָר קומט־צו, נעמט דעם פּולס. ווערט שאַרף ערנסט. ער נעמט אויך גערטרודס פּולס, קוקט זיך נאָכ־דעם מאָדנע אום אַף ביידן. עפּעס אַ ממשותדיקע זאַך האָט זיך, ווי אַ דינע לופט, אַ טראָג געטאָן צווישן אַלעמען. פיינמאַן, די מיסעס פיינמאַן און אויך זינאַ, וואָס איז לעבן זיי געשטאַנען, זיינען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן פון דעם דאָקטאָרס מאָדנעם בליק. פיינמאַן האָט אין זיין שרעק אַ טראַכט געטאָן וועגן דער איינציקער זאַך, וואָס נאַרט־אָפּ... און האָט מורא געהאַט און ניט געוואָלט דערטראַכטן זיין געדאַנק וועגן דעם, אַז די איינציקע זאַך, וואָס נאַרט־אָפּ, איז טויט. „לעבן, לעבן לעבן". האָט ער גענומען שעפּטשען, „לעבן"...

דער דאָקטאָר האָט לכתחילה ניט געוואָלט דערלויבן, אַז מען זאָל צו־לאָזן גערטרודן צו בערמאַנס בעט. אָט־דער מענטש — האָט ער גע־זאָגט — איז, ווייזט אויס, ניט נאָר אַ פאַרמוטשעטער פון די שרעק־לאַכע קלעפּ, נאָר ער זעט אויך אויס ווי אַ פאַרפּייניקטער פון הונגער. צופירן צו אים איצט זיין כלה — האָט ער געטענהט צו פרענקלען — קאָן אַף אים האָבן ווער ווייסט וואָס פאַר אַ ווירקונג. נאָכדעם אָבער האָט דער דאָקטאָר מיטאַמאָל און אומדערוואַרט דערלויבט אַריינצוברענגען גער־טרודן, האָבן פרענקל און די איבעריקע געמיינט, אַז דאָס איז אַ גוטער סימן..

ווען בערמאַן האָט נאָכאַמאָל צעעפנט זיינע אויגן, האָט ער לעבן זיין בעט גלייך ווידער דערזען גערטרודן, גלייך לעבן זיין צוקאָפּנס גערטרודס צוויי גרויסע אויגן, און איר נערוועז און ליכטיק־בלאַס פּנים. גערטרוד האָט קיינמאָל קיין גאַנצן שמייכל ניט געגעבן. איר שמייכל פלעגט דערפאַר שטענדיק אויסקומען ווי אַ שמייכל, וואָס האָט נאָך זיין סוף ניט דערגרייכט. איז זי מיט אָט־דעם שמייכל איצט געשטאַנען פאַר אים, און אים האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט מיט אים פון איין לייב געווען... מיט שרעק און מיט גליק האָט זי פאַרליבט געשמייכלט צו אים. די פאַרנאַכטיקע שטראָמען זון־ליכט האָבן זיך נאָך אַלץ משופּע־דיק געווייסט אַף די ווייסע פאַרשפּרייטע בעטלאַך, אַף די מענטשן און

אַף די ווענט. די ווייסע בעטלאַך און מענטשן האָבן גענומען אויס־זען ווי נעסטן ליכט, און גערטרוד האָט אַזוי שיין געלויכטן צווישן די נעסטן ליכט. איר איינפאַך־גענייט ווייס קלייד מאַכט זי נאָך ווייסער און ליכטיקער. זי בויגט זיך איבער אים. דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט בויגט זיך איבער אים... זי לייגט ווי פריער אַרויף איר דין־הויטיקע האַנט מיט די לאַנגע ווייסע פינגער אַף אַ ניט־באַנדאַזשירטן טייל פון זיין פנים, באַמיט זיך ווידער צו פאַרשאַרן די זייכטע האָר זיינע פון צווישן די באַנדאַזשן און מיט דער צווייטער האַנט פאַרריכט זי פונדאַסניי דעם גומענעם אייז־פענכער אַף זיין קאָפּ.

— בערמאַן טייערער, זעסטו מיך איצט? דאָס בין איך — זאָגט זי צו אים ווי פריער און לויכט נאָך מער פאַר אים. אָט שטייט ער מיט איר ווידער, ווי אַמאָל, צווישן הימל און שטערן. בית־שמאי און בית־הלל שטייען אַרום זיי און טאַנצן אַרום אים מיט איר. מען זינגט איר שיינ־קייט, מען זינגט. און אָט ווערט שטיל. דער טאַטע קומט צו:

„זון מיינער, מען קאָן פון פאַרגאַנגענע דורות 'ניט אַנטלויפן, זיי לויפן־מיט אינאיינעם מיט אונז. אָט וואָלט איך אוודאי ניט וועלן צעברעכן דעם הימל, נאָר אַז דו קלעטערסט, קלעטער איך אינאיינעם מיט דיר, און אַז דו ברעכסט, ברעך איך אינאיינעם מיט דיר. אָט האָסטו פון דער „מעשה הר"ן" דיין ספר וועגן דער מעשה פון דער וועלט גע־מאַכט. און אַז דו זאָגסט: ניט גאָט, נאָר „דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט", קאָנסטו מיט דודן און מיט מיר אויך זאָגן ווי אין תהלים שטייט: „ווי עס ציט דעם דאַרשטיקן הירש צו דעם פרישן וואַסערקוואַל, אַזוי ציט זיך מיין נשמה צו דעם אמתן ליכט פון דער וועלט".

„זון מיינער, דו ווייסט, אַז דיין כלה מוז זיך היינט דרייען זיבן מאָל אַרום דיר. זעסט, די וועלט האָט פיר ווינקלען, די וועלט האָט אויך אַן אויבן און אַן אונטן. געדיינק־זשע, פיר ווינקלען איז פיר, אַן אויבן און אַן אונטן איז צוויי. צוויי און פיר איז זעקס. די וועלט האָט אָבער אויך אַן אַרום אַזאַ, וואָס נעמט זי אַרום — איז מיט דעם אַרום איז שוין די וועלט זיבן. דאַרף זיך היינט דיין כלה דערפאַר זיבן מאָל אַרומרינגלען אַרום דיר. אַ מענטש איז אויך פיר: דומם, צומח, חי, מדבר. אַ מענטש איז שטויב, אַ מענטש שפּראָצט ווי אַ פלאַנץ, אַ מענטש לעבט ווי אַ

חיה, א מענטש איז אָבער מער פון א חיה, — ער רעדט. א מענטש האָט אויך אַן אויבערשטע און אַן אונטערשטע מדרגה, א מענטשן אָבער פעלט דער אַרום, וואָס זאָל דאָס אַלץ צונויפנעמען, וואָס זאָל דאָס אַלץ אויפּ־האַלטן, קומט די כּלה, די ווייב, שאַפט זיך דער אַרום. אויב דו ביסט געמאַכט פון ערד, איז זי פון ביין; אויב דו ביסט דער געבער, איז זי די נעמערין, און דער נעמער איז שטענדיק שענער פון דעם געבער, איז זי דעריבער באַרופן צו מאַכן דעם רונד אַרום דיר. זיבן מאָל זאָל זי זיך היינט דרייען אַרום דיר, לגבי די זיבן אַרטן, די זיבן מדרגות פון דער וועלט און פון דעם מענטשן.

„ליכט — אוודאי איז ליכט א גרויסע מדרגה. פינצטערניש איז אפשר נאָך גאָר פון א וויכטיקערער מדרגה, ווייל פינצטערניש איז דאָך געווען צוערשט. יה — גאָט, האָט געוואָלט באַשאַפן ליכט, פאַר א ליכטיקער וועלט האָט ער געוואָלט באַשאַפן ליכט, און עס איז ניט געווען קיין אָרט, וואו מען זאָל דאָס ליכט קאָנען באַשאַפן, ווייל אַלץ איז געווען פול מיט פינצטערניש און ער אַליין איז געווען אָנגעהעפט מיט פינצטערניש. האָט יה געטראַכט: מען דאַרף ערגעץ מאַכן א פּינטל אַזא — האָט ער גענומען און א רים געטאָן מיט זיין האַנט, איז פון דעם געוואָרן דער ערשטער פּינטל, דער ערשטער ריס, דער ערשטער חלל אין דער פינצטערניש; האָט יה נאָכדעם גענומען און גלייך אַריינגעשטעלט זיינע צען ספירות, ווי צען פענצטער אין די ווענט פון דער פינצטערניש, וואָס איז א צעשראָקענע געבליבן שטיין אַרום דער ערשטער נקידה, אַרום דעם ערשטן חלל, און ליכטיק איז געוואָרן. די פינצטערניש אַליין האָט גענומען שטראָמען מיט ליכט אין דער ערשטער נקידה, אין דעם חלל אַריין. ווייל די פינצטערניש פון ששת ימי בראשית איז פון א זייער הויכער מדרגה. ווייל פינצטערניש בכלל האָט אין זיך ליכט, און יענע פינצטערניש האָט אין זיך אוצרות ליכט געהאַט".

און אָט איז דער טאַטע ניטאָ. צען פענצטער זיינען דאָ, וואָס שטראָמען מיט אַזוי פיל וואונדערלאַך ליכט. עס איז אַזוי פענצטערדיק, און גערטרוד איז אַזוי ליכטיק. שטערן יונגע פאַר די פיס, ליכטיקע קרייזן איבער אַלעמענס קעפּ, און אָט איז ער מיט איר אַפן ווייסן שניי. ער מאַכט א „מענטש" פון איר אַפן שניי. און אָט איז ער אין האָספּיטאַל מיט פענצטער, מיט בעטן. גערטרודס עלטערן און זינא און איר מוטער

זיינען דאָ, ער הערט גערטרוד רעדט: בערמאַן מיין טייערער, מיין זיס האַרץ. בערמאַן, מיין איינציקער, מיין ליכט, מיין שטערן אין הימל. זינט דו ביסט אַוועק, האָב איך און מיין האַרץ אַלץ געוואַרט און געוואַרט אויף דיר...

זי נעמט־אָן זיין האַנט און קושט און רעדט:

— ...בערמאַן, בערמאַן טייערער, פאַרוואָס האָבן זיי דיך אַזוי געשלאָגן, בערמאַן גוטער? דערקענסטו מיך, בערמאַן?...

זי קושט אים אויף זיינע ליפּן, זי רעדט, ווי אין פיבער. ער הערט בלויז אָפּגעריסענע טיילן פון אירע רייד... זון, ליכט, נאָרד־ליכט.

— גערטרוד, וואָס טוט ער דאָ? וואָס טוען זיי דאָ?

עפּעס טוען אים שאַרף ווי די אבֿרים, און דער קאָפּ.

זי רעדט:

— זיי זאָגן, איך בין קראַנק. זיי זאָגן, מיין בלוט איז אין מיר פאַרגיפטעט. — זי קושט אים ווידער און רעדט: — איך האָב ניט געוואָלט אין דעם האָספּיטאַל, בערמאַן... זיי פאָרן אַלע קיין רוסלאַנד. אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. איך האָב ניט געוואָלט פאָרן אָן דיר. אַלע פאָרן. גאַבריעל פאָרט, זינא פאָרט, שליאַפּניקאָוו פאָרט. איך האָב זיך געלאָזט נעמען אין האָספּיטאַל... דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דו ביסט שוואַך און אויסגעמוטשעט. איצטער וועלן מיר ביידע געזונט ווערן, וועלן מיר ביידע פאָרן. איך וועל שפּילן פריי פאַר אַלעמען, דאָרט, אין דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע, און דו וועסט טראָגן דיין באַגייסטערונג פאַר זיי. — זי קושט אים ווידער — ווי אַ ווייסן פויגל, בערמאַן, וועסטו דעם אמת פאַר זיי טראָגן, איינינעם מיט דער פאָן פון דער רעוואָלוציע וועסטו דיין ריינע פאָן פון אמת פאַרשפּרייטן פאַר זיי. ווי אַ ווייסער פויגל וועט דיך דער אמת פאַר זיי אויפהויבן, טייערער, דורך דיר וועט זיך דער אמת פאַר זיי אויפהויבן, און מיט ווייט־פונאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער זייערע קעפּ. בערמאַן גוטער, בערמאַן ליבער, מיין זיסהאַרץ, מיין זיסהאַרץ...

גערטרוד האַלט איר גוטע, שלאַנקע האַנט אַרום אים און אַזאַ ווייס ליכט גייט־אויס פון איר. יעדער מענטש טראָגט מיט זיך זיין ליכט, און אויב מיר נעפּעלן אַ מענטשן, לאָזט ער פאַר אונז אַרויס

כערער פון זיין ליכט. אַ מענטש באַהעפט זיך באמת מיט אַ מענטשן פריער פון אַלץ דורך דעם ליכט, וואָס גייט־אויף פון זיי. מענטשן זיינען ליכטיקע ליכט־נעסטן און טונקעלע ליכט־נעסטן. מענטשן זיינען נעסטן פאַר ליכטיקע פויגלען, פאַר ליכט. מענטשן זיינען נעסטן. יאָ. פאַרגעסן גערטרודן זאָגן, אַז אַ בוך האָב איך אָנגעשריבן. געדאַרפט איר אונ־טערטראָגן דאָס בוך. אמת, מיר וועלן פון די שטערן מיט דעם בוך קו־מען צו די מענטשן... דו — מיין געליבטע, ווי אַ ליכטיקע שוועסטער, ווי אַ גייענדיק ליכט. איך — דיין באַרוועסער מאַנאַך אין שניי. ניט געוואָלט האָב איך זיין ווי דער טאַטע. בין געלאָפן פון אים. אַזוי ווייט געלאָפן. וואָס לויפט ער מיר שטענדיק נאָך, גערטרוד? צום סוף איז ער דאָ ערשט געווען, איז מיך געקומען נעמען, גערטרוד. פאַרוואָס לאָזט ער מיך ניט אָפּ? ערגעץ אין מיר ליגט נאָך אַלץ גאָט און געצנדינעריי. דער טאַטע איז דאָ. יה — גאָט, מאַכט דעם ערשטן פינטל און לייגט גלייך אַהין אַריין זיינע ערשטע דריי קרוינען: די קרוין פון געטלאַכקייט, די קרוין פון שיינקייט, די קרוין פון באַפעלערישער שעפערישקייט. און האָט אוועקגעלייגט אַ שנור איבער זיי, אַף צו האַלטן זיי אָנגעהעפט איינע אָן איינער און אַף אָפּצוטיילן זיי אַף רעכטס און אַף לינקס. די פינצטער־ניש דערשרעקט זיך, נעמט אַנטלויפן. יה אָבער לאָזט איר צו־ווייט ניט אַנטלויפן, האַלט זי איין, שטעלט אין איר אַריין זיינע צען פענצטער, זיינע צען ספירות. די פינצטערניש מוז פון זיך געבן ליכט — און ליכטיק ווערט. אַזויפיל ליכט. ליכטיק. נאָר פאַרוואָס איז אין קאָפּ אַזוי שווער? דער מענטש שטעלט פענצטער אין דער פינצטערניש, וואָס אַרום אים. פינצ־טערניש האָט אויך ליכט. אַזויפיל ליכט. און אויך אין דער פאַרגאַנגענ־הייט דאַרף מען פענצטער שטעלן... ליכטיק — און אין קאָפּ איז שווער...

בערמאַן בלייבט ווי אָן געדאַנקען. די געדאַנקען קומען ניט מער, ווי זיי וואָלטן ניט געוואָלט, ווי זיי וואָלטן זיך געהיט ניט צו שטערן די קלאָרע ליכטיקייט. עס ווערט שווער אַזוי זיך צו האַלטן, ער גיט זיך אַ צי און גיט זיך אָן אָנגעשטייפטער, צופרידן, אַזוי ווי אַ פאַל צום בעט, אין וועלכן ער ליגט, און מאַכט־צו די אויגן. רוט זיך אַזוי אָפּ אַ ווייל, צעעפנט זיי נאָכדעם ווידער, קוקט־אָן גערטרודן, דערזעט דאָס ליכט אַרום... נעסטן ליכט! אַזוי פיל ליכט. און אינמיטן דערינען: גערטרוד... האָסט קיינמאָל ניט געזען מיין היים. ווייסט גאָרניט מיין היים... מיר

ווילט זיך זיין מיט דיר, גערטרוד, לעבן דיר... נאָר איינמאָל, אַף אַ מינוט נאָר אַ פלי טאָן איבער מיין היים, ווי אַ פויגל. אָט־אַזוי — —אַף איין מאָל — — מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען אַ פלי טאָן.. ליכטיק איז דאָרט. גערטרוד, גערטרוד, איך האָב אַזוי ליב ליכט! ליכט!...

און נאָך עפּעס ווילט זיך אים זאָגן, אָבער ער האָט זיך פלוצלונג, מיט דער פלינקייט פון אַ בליץ, געכאַפּט, אַז דער אָטעם הערט אים אויף דינען, און ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אַף גערטרודן און מיט דעם לעצטן ביסל אָטעם ארויסגעזאָגט:

— ווי אַ פויגל, גערטרוד...

זי האָט אויפגעפלאַטערט מיט שרעק, פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום אים, אים אונטערגעהויבן, און דורך קושן און טרערן געדערט צו אים:

— יאָ, ווי אַ ווייסער פויגל, טייערער, ווי אַ ווייסער פויגל — — — —

— — — — — — — — — — — — —

בײַ איצטיקע ביכער

פֿון דוד איגנאַטאָוו

אין קעסל־גרוב (אַ ניו יאָרקער ראָמאַן)

צווישן צוויי וועגן (פֿיבים ראָמאַן אין [illegible].)

דאָס פֿאַרבאָרגענע ליכט געבויט אויף מעשות פֿון רב נחמן ברעסלאַווער.

וואונדער־מעשות פֿון אַלטן פּראָג (לעגענדן)

גאָלד, זילבער און בריליאַנטן
(אַ סעריע פֿאַרביק־אילוסטרירטע ביכעלאַך פֿאַר שול און הויז)
דאָס גאָלדענע אינגעלע. אַ שטעטל. ווינטער. אין לבנה־לאַנד.
אין לאַנד פֿון ריינקייט. די מלכה שבת און שבתאי.

זאַמלביכער רעדאַקטירט

פֿון דוד איגנאַטאָוו

שריפֿטן, ערשט זאַמלבוך, 1912.
שריפֿטן, אַ זאַמלבוך, 1913.
שריפֿטן, אַ זאַמלבוך, 1914.
וועלט איין, וועלט אויס, 1916.
שריפֿטן, זומער 1919.
שריפֿטן, הערבסט 1919.
שריפֿטן, זומער־פֿרילינג 1920.
שריפֿטן, פֿרילינג 1921.

פֿאַרלאַג אַמעריקע
ניו יאָרק